פרייז $1.00

Hakiryah

תשרי תשע"ה לפ"ק

קרית יואל יצ"ו

147

# הקריה

בס"ד

25

בורא רפואות - אדון הנפלאות:

# פראַכטפולער נייער "פּידיעטריקס שטאָק" אין "עזרת חולים העלט צענטער" רופט אַרויס וואונדער ביי אַלע באַזוכער

רענאָוואַציע-אַרבייט צו פאַרדאָפּלען "דענטאַל שטאָק" אַריין אין אגרעסיוון שוואונג – אילוסטראַציע פלענער פונעם "דענטאַל שטאָק" ברענגט אַריין האָפענונג און עקסטאַז ביי אַלע איינוואוינער




25

אָנגייענדע "פּידיעטריקס" פאָרשריט:

## נייע אָרטאָדאָקסישע 'פול־טיים' פרוי־פּידיעטרישאָן Dina Dick, MD באַרייכערט פּראָפעסיאָנאַלע 'פּידיעטריקס שטאַב'

געוואַלדיגער דורכברוך און אויפטו אין מעדיצין פאַר מיידלעך אין צענערלינג יאָרגאַנג בס"ד

25

## אימפּאָזאַנטער מעמד "קביעת מזוזות" אינעם נייעם "פּידיעטריקס שטאָק" פון "עזרת חולים העלט צענטער"

מרן רבינו הגה"ק שליט"א קלאַפּט מזוזה אויף הויפט אַריינגאַנג, נאָכגעפאָלגט מיט ענגע מסיבת לחיים



## קרית יואל'ער ווײלער אַנטשלאָסן צו באַפעסטיגן 'בלאַק וואָוט' ביי היי־יעריגע וויכטיגע 'נאָוועמבער וואַלן' קומענדיגן דינסטאָג ווירא

עתיד פון קרית יואל שפּילט ראָלע אין עטליכע פאַרמעסטן – טרויעריג-באַרימטע "יונייטעד מאָנראָ" קלאָגט קאַונטי "באָורד אָוו עלעקשאָנס", פאַרלאַנגנדיג אַרויסצושטויסן לאַנג-יעריגע אידישע אינספּעקטאָרס איבערצונעמען "וואַל-אינספּעקטאָר" פּאָזיציעס אין קרית יואל

גאָר וויכטיגער "עבסענטי בעלאַט" דרייוו תיכף נאָך יו"ט, צו פאַרזיכערן יעדנ'ס שטימע – ביטע אַריינרופן 845-202-1291

אין די איצטיגע טעג גייט מען אַריין אין די לעצטע פאַזעס פון די בעפאָרשטייענדע יערליכע קריטיש-וויכטיגע "נאָוועמבער וואַלן" פאַר די גאָר וויכטיגע סטעיט-פאַרמעסטן, ווי אויך ריכטער-פּאָזיציעס, אַ פאַרמעסט אויפ'ן קאָנגרעס-זיץ און אויך אויפ'ן לאָקאַלן פראָנט, וואָס ווענלן היי יאָר פאָרקומען קומענדיגן דינסטאָג ווירא, נאָוועמבער 4 למספרם, צוויי וואָכן נאָך יו"ט סוכות.

ספּעציעל שטאַרן די היי-יעריגע וואַלן אַרויס מיט דעם וואָס די ווילדע "יונייטעד מאָנראָ" אַנטי-קרית יואל עלעמענטן, האָבן אַרויסגעשטעלט קאַנדידאַטן אויף אייגענעם

(פאַרזעצונג אויף זייט 13)

4

ש'נת ה'רחבת ת'חומי ע'ירנו

# אַ האַלב מיליאָן סקווער פיס

הרחבת גבולי הקדושה
אין קרית יואל

## אנשי שלומינו תושבי קרית יואל טרעטן אַריין אין נייעם יאָר תשע"ה מיט שבח והודי' צו השי"ת נאָך מאַסיווע הרחבת גבולי הקדושה בעירינו אינעם פאַרלאָפענעם יאָר און מיט הייסע תפילות אויף הצלחה פון ווייטערדיגע פּראָיעקטן בהוה ובעתיד בס"ד

הקרי' וואונטשט פאַר אַלע חשוב'ע איינוואוינער שיחיו אַ שמחת יום טוב

# שטאַרקער אָפּקלאַנג ביי סטעיט ״קאַסינאָ קאָמיסיע״ זיצונג נאָך קלאָרע פּרעזענטאַציעס איבער קרית יואל׳ס קעגנערשאַפט צו שכינות׳דיגע קאַסינאָס

פאַרגאַנגענעם דינסטאג האזינו, ג׳ דסליחות, איז פארגעקומען א וויכטיגע זיצונג דורך די ״ניו יארק סטעיט קאַסינאָ לאוקעישאן פלענינג״ באורד, וועלכע איז אונטער די ״ניו יארק סטעיט געימינג קאמיסיע״.

דער ציל פון דער זיצונג איז געווען אויסצוהערן די טענות, פארלאנגען און פארשלאגן פון אלע איינוואוינער אינעם קעטסקיל/האדסאן וועלי ראיאן, איבער די 9 קאַסינאָ פלענער וואס זענען אריינגעגעבן געווארן צו די סטעיט אויטאריטעטן דורך אינטערנאציאנאלע אונטערהאלטונגס פירמעס דאָס אוועקצושטעלן אינעם ראַיאָן זעקס דערפון מיט פלענער אין אראנדזש קאונטי.

די הירינג איז פארגעקומען אין פוקיפסי, ניו יאָרק, וואו עס האבן זיך אויך באטייליגט פארשטייער און אדוואקאטן פאר די פארשידענע קאַסינאָ און פארוויילונגס פירמעס. עס האט אנגעהאלטן פאר צוועלף שטונדן, דורכאויס וועלכע מען האט געהערט פילע רעדעס און פּרעזענטאציעס, דורך שטיצער און קעגנער צו די קאַסינאָ פלענער.

די אלגעמיינע פּרעסע האט באריכטעט מיט שטארקע איבערראשונג אז ביי דער זיצונג זענען זיך צוזאמגעקומען פיל מער קעגנער צו די קאַסינאָס, ווי מען האט זיך אריגינעל געהאט גערישט. די קאַסינאָ-קעגנער זענען אהינגעקומען מיט שילדן, ליטעראטור, פּאַמפּלעטן און אנדערע קאמפיין מאטעריאל, אויסצושרייען זייער שטארקע קעגנערשאפט קעגן די געפּלאנטע קאַסינאָ פּראיעקטן, און יעדער האט אויסגעדרוקט פארשידנארטיגע אורזאכן פארוואס זיי זענען דערקעגן.

לויט ווי מען האט געהערט ביי דער זיצונג, וועלן די באורד מיטגלידער באשליסן וועלכע קאַסינאָ פלענער צו אקצעפּטירן, באזירט 70 פּראָצענט לויט וויפיל עקאנאמישע ערדייכונגען אזא פּראָיעקט וועט ברענגען פאר די ארומיגע געמיינדע; 20 פּראצענט אויף אנדערע אספעקטן וואספארא אימפּאַקט עס וועט האבן אויף די לאקאלע געמיינדע, און 10 פּראצענט אויף וויפיל דזשאבס עס וועט צוקומען.

## קרית יואל׳ס דעלעגאציע

ווי שוין באריכטעט אין פריערדיגע הקרי׳ס, גייט די ניו יארק סטעיט רעגירונג ארויסגעבן אין די קומענדיגע חדשים פיר קאסינא לייסענס, צוטיילט אין דריי באזונדערע ראיאנען, קעטסקיל/האדסאן וועלי, קעפּיטאל, און איסטערן סאטערן טיער ראיאן, (וועלכע עס וועט באקומען צוויי ווייסט מען נאכנישט), דאס נעמט אריין אין ס״ה אריבער 20 קאונטיס, צו דעם זענען אריינגעגעבן געווארן 16 אפּליקאציעס דורך פארשידענע קאַסינאָ פירמעס, וואס דערפון זענען 9 אינעם קעטסקילס ראיאן, און אזויפיל ווי 6 פון די אלע זעכצן זענען בלויז אין אראנדזש קאונטי. צווישן די 6 זענען אויך פארהאן צוויי וואס ווערן אצינד פּלאנירט אוועקגעשטעלט צו ווערן אין די טאַונס פון וואודבארי און בלומינג-גראוו, וועלכע זענען הארט נעבן קרית יואל. די סטעיט געימינג קאמיסיע זאגט יעצט אז זי וועט שוין מעגליך אנהייבן ארויסגעבן באשטעטיגונגען צו בויען די קאַסינאָס ענדע מאנאט אָקטאָבער, באַלד נאָכדעם וואָס די ענדגילטיגע לאָקאַציעס וועלן אויסגעקליבן ווערן.

זייענדיג א שטארקע געלעגנהייט צו לאזן הערן די קאטעגארישע קעגנערשאפט פון קרית יואל צו די קאַסינאָס וועלכע ווערן פּלאנירט בשכינות פון אונזער הייליגער שטאט, אויסער דעם וואָס ווי ׳הקריה׳ האָט שוין באַריכטעט האָט קרית יואל אַריינגעגעבן געריכטליכע קלאַגעס אנטקעגן די צוויי קאַסינאָס, האט דער ווילעדזש אַראָפּגעשיקט א ספּעציעלע דעלעגאציע צום פּובליק הירינג, וואו עס איז אַרויסגעברענגט געווארן קלאר און

(פארזעצונג אויף זייט 15)

# העכסטער ״קאָורט אָוו אַפּיעלס״ סטעיט געריכט אין אָלבאַני וואַרפט אַרויס וואודבורי ״סוער אָפּמאַך״ קלאַגע

נאָך אַ רינגעלע אין קייט פון וואודבורי דורכפעלער אין זייערע באמיאונגען צו באַקעמפן וואוקס פון קרית יואל בכלל און דעם ״קרית יואל פּייפּליין פּראָיעקט״ בפרט

ווי ״הקריה״ האָט ברייט באַריכטעט אינעם פאַרגאַנגענעם נומער, האָט דער ״ניו יאָרק סטעיט אַפּעלאַט געריכט״ אין אַ געמיינזאַמע באַשלוס אַרויסגעוואָרפן אַ לאַנג-פאַרצויגענע קלאַגע פון די אַנטי-וואוקס אַקטיוויסטן אינעם דערנעבנדיגן וואודבורי, צו שטירצן אַן אָפּמאַך וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן די קאַונטי רעגירונג און קרית יואל אין יאר תש״ע, איבער ווייטערדיגע און לאַנג-טערמיניגע סוער איינריכטונגען פאַר די געברויכן פון אַ ״פאַרברייטערטע קרית יואל״, וואָס האָט בס״ד ערמעגליכט צו קענען אָנהייבן דעם היסטאָרישן ״פּייפּליין פּראָיעקט״ פאַרגאַנגענעם זומער שנת תשע״ג.

נאָכ׳ן ליידן דעם שטאַרקן-געריכטליכן דורכפאַל, האָבן די אָנקלעגער נישט אַראָפּגעלייגט די געווער, נאָר באַלד אַריינגעגעבן אַ פאַרלאַנג אַז דער אַפּעלאַט-געריכט זאָל אַרויפשיקן זייער באַשלוס צום העכערן ״קאָורט אָוו אַפּיעלס״ אָפּטיילונג אין אלבאני, דער העכסטער געריכט אין ניו יארק סטעיט, אַז זי זאָל איבערקוקן צי דער אורטייל איז אויסגעהאַלטן און באַרעכטיגט.

אַזאַ פאַרלאַנג איז איינער פון די 2 מיטלען וויאַזוי אַ פּסק פונעם נידריגערן אַפּעלאַט-געריכט קען אָנקומען צום ״קאָורט אָוו אַפּיעלס״ פאַר איבערזיכט: אָדער טוט דאָס דער אַפּעלאַט-געריכט אַליינס באַשטעטיגן, דעמאָלס נעמט דאָס דער ״קאָורט אָוו אַפּיעלס״ געוועגליך אויף איבערצוגיין. אויב אָבער זענען די אַפּעלאַט-ריכטער נישט איינשטימיג איבער אַזאַ פאַרלאַנג, בלייבט נאָר איבער די אַנדערע אָפּציע צו גיין דירעקט צום ״קאָורט אָוו אַפּיעלס״ מיט אַ פאַרלאַנג אַז זיי זאָלן אינטערווענירן אין דעם באַשלוס.

פאַרגאַנגענעם דינסטאָג פּר׳ שלח תשע״ד איז אַרויסגעקומען דער באַשלוס פונעם ״אַפּעלאַט געריכט״ וואו זיי טוען זיך הילכיג אַנטזאָגן אַרויפצושיקן דעם באַשלוס צום העכערן געריכט, צו דער באַדויערונג פון די וויסטע אָנקלעגער, זעענדיג אַז זייער בנין הייבט אָן ביסלעכווייז צוצפאַלן, שטאָק-ביי-שטאָק, ווען געריכט-נאָך-געריכט וואַרפט אָפּ זייערע פאַרלאַנגען און צובלאָזט זייערע האָפענונגען. נישט פאַרמאָגנדיג קיין אַנדערע אָפּציע, זענען די קלעגער זעלבסט געגאַנגען צום ״קאָורט אָוו אַפּיעלס״, דער העכסטער געריכט אין ניו יאָרק, און פאַרלאַנגט אַז דער געריכט זאָל אַריינקוקן אינעם אָפּמאַך און אומוואַרפן דעם פּסק פון די נידריגערע געריכטן.

פאַרעטליכע וואָכן צוריק, דאָנערשטאָג פּר׳ כי תבוא, איז געקומען דער אַנטוואָרט פונעם ״קאָורט אָוו אַפּיעלס״ געריכט, אונטער׳ן באַפעל פונעם הויכראַנגיקן הויפּט-ריכטער ליפּמאַן, אַז דער געריכט שליידערט אַרויס די קלאַגע און אַנטזאָגט אָנצונעמען דעם קעיס, און אַזוי אַרום בלייבט דער אָפּמאַך צווישן די קאַונטי רעגירונג און קרית יואל אין טאַקט.

ווידעראַמאָל איז הילכיג דערהערט געוואָרן אין די אויערן פון די וויסטע אַנטי-וואוקס עלעמענטן, אַז די אַלע ביליגע און ליידיגע באַשולדיגונגען און שטרויכלונגען וואָס זיי פּרובירן אונטערצושטעלן ברענגט נישט קיין רעזולטאַטן, און אפשר וועלן זיי שוין אַצינד איינזען אַז עס איז צייט אויפצוגעבן דעם דורכגעפאַלענעם קאַמף.

אשר הניא עצת גוים ויפר מחשבות ערומים.


State of New York
Court of Appeals

Decided and Entered on the eleventh day of September, 2014

Present, HON. JONATHAN LIPPMAN, Chief Judge, presiding.

Mo. No. 2014-690
In the Matter of Town of Woodbury, et al.,
Appellants,
et al.,
Petitioner,
v.
County of Orange, et al.,
Respondents.

Appellants having moved for leave to appeal to the Court of Appeals in the above cause;

Upon the papers filed and due deliberation, it is

ORDERED, that the motion is denied with one hundred dollars costs and necessary reproduction disbursements.

Andrew W. Klein
Clerk of the Court

# מאַסיווע רייניגונג דורכגעפירט אַרום עירוב־צוים איבער דער שטאָט, צו פאַרזיכערן פולקאָמער כשרות

די געטרייע מיטאַרבעטער פונעם ״ועד העירוב שע״י הנהלת הקריה״ האָבן במשך די לעצטע חדשים דורכגעפירט אַ מאַסיווע רייניגונג ביי פאַרשידענע פּונקטן אַרום דעם עירוב-צוים, וואו עס זענען געווען אָנגעלייגט גרויסע הויפנס מיט מיסט און שמוץ, אַזוי אַרום צו פאַרזיכערן אַז דער מהודר׳דיגער עירוב מיט וואָס אונזער שטאָט איז אַרומגענומען, איז הונדערט פּראָצענט אויסגעהאַלטן מיט אַלע הידורים און חומרות.

דאָס רייניגען די שטחים נעבן דעם עירוב-צוים איז נישט קיין פרישע אונטערנעמונג און ווערט יעדע שטיק צייט דורכגעפירט, כדי זיכער צו מאַכן אַז דער מהודר׳דיגער עירוב מיט וואָס די שטאָט איז אַרומגענומען שוין אַזויפיל יאָרן, זאָל ווייטער זיין אָנגיין בלי שום פקפוק וחשש.

ווי שוין באַקאַנט פאַר׳ן ציבור, איז אונזער שטאָט שוין לאַנגע יאָרן אַרומגענומען מיט אַ פעסטן דויערהאַפטן צוים, וועלכע לויפט דורך די גאַנצע שטאָט ווען טיילמאָל לויפט דאָס ביי פאַרשידענע פאַרשטופּטע, און כמעט אומזעבאַרע פּונקטן, ביי די גרעניצן פון דער שטאָט, אַזוי אַרום זיכער צו מאַכן בעזהשי״ת אַז דער עירוב ווערט אין קיין פאַל נישט איבערגעריסן, און אַז דער עירוב בלייבט אַלץ גאַנץ בשלימות, כדי עס זאל ח״ו נישט צוקומען צו קיין מכשולות.

ביי פאַרשידענע פּונקטן אָבער וואו דער עירוב לויפט דורך נעבן באַוואוינטע געגנטער, מאַכט זיך אַסאַך מאָל אַז דער שטח נעבן דעם צוים ווערט באַוואַקסן מיט הויכע גראָז און צווייגן, אָנגעלייגט מיט מיסט, אָפּגעשניטענע גראָז און אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, אַראָפּגעפאַלענע צווייגן, און צומאָל אַנדערע אומנוצבאַרע חפצים וואָס שכנים וואַרפן דאָרט אַנידער אומוויסנדערהייט אַז מ׳קען דערמיט ברענגען צו פאַרשידענע מכשולות ל״ע.

צומאָל ווערט דאָס געטון דורך יונגע קינדער וועלכע נוצן אויס די זומער-וואָכן זיך צו שפּיל נעבן דעם צוים מיט קינדערישע אַקטיוויטעטן, און דער גאַנצער אַרום ווערט אָנגעלייגט מיט בייקס, רעדלעך און אַנדערע ברוכוואַרג פון וואָס דער צוים קען לייכט געשעדיגט ווערן. אין אַנדערע פעלער באַגעגנט מען זיך אויך ווי דער צוים ווערט אָנגעלייגט מיט קלענערע און גרעסערע מיסט און אומנוצבאַרע חפצים וואָס די שכנים האָבן דאָרט אָנגעוואָרפן, נישט כאַפּנדיג זיך אַז מ׳מאַכט מיט דעם שאָדן פאַר זיך זעלבסט צוזאַמען און אַלע תושבים צוגלייך וועלכע קענען ח״ו ליידן פון די קאָנסקווענצן אין פאַל דער עירוב-צוים וועט געשעדיגט ווערן. צומאָל ווערן די שמוץ אָנגעהויפנט דורך ״לענדסקעפּערס״, וועלכע בלאָזן אַהין די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער און אָפּגעשניטענע גראָזן, וואס הויפנט זיך אָן אין הויכע בערג, און דעקט איבער דעם צוים מיט אַ מעגליכקייט פון גרויסע שאָדנס און שאלות להלכה.

דאָס זעלבע מאַכט זיך כסדר אַז דער עירוב-צוים ווערט פון זיך אַליינס אָנגעלייגט מיט הויך-באַוואַקסענע גראָז און אַנדערע ווילדע געוויקסן, ביימלעך וכדומה, וואָס לייגט זיך אָן אויפ׳ן צוים, און קען עווענטועל צוברענגען צו ערנסטע שאָדנס פאַר׳ן צוים. ווייל עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס דער צוים ווערט אָנגעלייגט מיט שמוץ און גראָז, קען צוברענגען אַז דער צוים ווערט פאַרראָסטעט און ביסלעכווייז צוברעכן, וואָס דאָס קען אָנמאַכן שטאַרקע פּראָבלעמען פאַר׳ן עירוב.

אָפּגערעדט ביי די געגנטער וואו דער צוים ווערט אָנגעלייגט פוןביידע זייטן, וואָס דאַן קען דאָס זיין אַ שאלה׳דיגער פּראָבלעם אפילו אין פאַל דער צוים איז נאָך פאַרבליבן בשלימות, ווייל אויב עס איז אָנגעלייגט פון ביידע זייטן ביז אַריבער דעם צוים, איז שוין יתכן אַז אויף יענעם מקום הייסט דאָס שוין

(פארזעצונג אויף זייט 12)

חפר ומצא בארות מים:

# מאַכטפולער "קרית יואל פייפליין פראָיעקט" גרייט זיך בס"ד אָפּצוצייכענען סוקסעספולער בוי-סעזאָן #2, פאַרענדיגנדיג גרויס חלק פון ערשטע פאַזע

### שטאַרקע פאָרשריט ביים צוגרייטן די פּלענער פאַר קומענדיגע בוי-פאַזעס צו זיין גרייט אַריינצוגיין אין קראַפט בקרוב אי"ה – שטאַרק-סענסיטיווע און קאָמפּליצירטע אַרבייט פון טונעלן און אונטערגראָב-אַרבייט אַריבער ב"ה מיט הצלחה – האָפענונג בעזהשי"ת צו געניסן פון שפּרודלענדע "מאַונטענוויל קוועלער" קומענדיגען זומער הבעל"ט

פון "פייפליין פלענער" וואָס די הקרי' פלעגט אין די פריערדיגע יאָרן באַריכטן און אויסשמועסן, האָב זיך זאַכן געטוישט די פאַרגאַנגענע אנדערט-האלבן יאָר צו באַריכטן די פאַקטישע "פייפליין אַרבעט", און ווידעראַמאָל שטייען מיר אין דער צייט פון יאָר, נישט ווייט פונעם אַלגעמיינעם דאַטום פון "נאָוועמבער 15" וואָס צייכנט אָפּ די פאַרשליסונג פון די "בלעקטאַפּ" פירמעס, און דערמיט קומען אויטאָמאַטיש צו אַן ענדע אַלע פּראָיעקטן וועלכע נעמען אַריין בוי-אַרבייט אויף, און אַרום, אָפיציעלע ראָודס אָדער הייוועיס, וואָס ביי אונזער פאַל מיינט דאָס אַז דער היי יאריגער אָפיציעלער "בוי-סעזאָן # 2" פונעם "קרית יואל פייפליין" שליסט זיך אָט אָט.

דעריבער איז אַצינד די צייט רייף, צו קומען צו די איינוואוינער מיט אַן ענדגילטיגע רעפּאַראַט איבער די אַנטוויקלונגען און דערגרייכונגען פונעם לעצטיגן בוי-סעזאָן.

## אַרבייט דורכאויס דעם בוי-סעזאָן # 2

בעת וואָס דער בוי-סעזאָן # 1 פון שנת תשע"ג האָט זיך בעיקר פאַרנומען מיט די אַרבייט פון ציען די פייפּס לענגאויס די ערשטע זעקס מייל, פון קרית יואל ביז די "מאונטענוויל קוועלער" – וואָס קרית יואל האָט אָפּגעקויפט מיט אַ צייט צוריק צו דינען אַלס "בעקאָפּ" פאַר די סיטי-וואַסער און אויך אַלס צייטווייליגער וואַסער-לעזונג ביז ווען דער גאַנצער פייפליין וואס באשטייט פון דרייצן מייל וועט זיין פאַרטיג – וואָס אין דעם געביט פון אויסלייגן די פייפּס האָט מען שוין געענדיגט בייליייפיג פיר-און-אהאלב מייל דורכאויס די פאַרלאָפענע צוויי יאָר, האָט אָבער דער איצטיגער צווייטער בוי-סעזאָן אַריינגענומען די שווערערע און מער קאָמפּליצירטע אַרבייט, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַסאַך צייט, אַריינגעמענדיג אין זיך די אַרבייט ביי די פאַרשידענע סענסיטיווע פלעצער וואו די ערשטע זעקס מייל פונעם פייפליין לויפט דורך, ווצב"ש אונטער וואסער-שטראָמען און טייכלעך אָדער אונטער הויפט שאָסייען, און בעיקר אין מאַונטענוויל, דאָרט ווי דער פייפליין לויפט אונטער דעם מאַסיוון "ניו יאָרק סטעיט טראָוועי" שאָסיי, אויפן סטעיט רוט 32, וואָס האָט פאַרלאַנגט גאָר סאָפיסטיקירטע מאַשינעריע און געצייג, און תלי"ת אַז מ'קען באַריכטן אַז די אַרבייט איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ סוקסעס.

ביים דורכפירן די קאָמפּליצירטע אַרבייט אויפ'ן 32, אונטער דער טראָוועי, איז אויך צוגעקומען די גאָר שווערע טראַפיק-קאָנטראָל אַרבייט, צוליב וואָס דער 32 איז אַ שטאַרק-פאַרנומענער ראָוד און עס פאַרמאָגט נאָר איין "לעין" אויף יעדן ריכטונג, און אויך פאַרמאָגט עס נישט קיין "שאָולדערס" אַז מ'זאָל קענען אַרבייטן אויפ'ן ראָוד אָן שטערן דעם טראַפיק-פאַרקער.

געוויינליך ווען אַזאַ אַרבייט קומט פאָר אויף אַ קלענערן ראָוד, איז גענוג אַוועקצושטעלן צוויי מענטשן אויף די צוויי זייטן פונעם טראַפיק, צו דיריגירן דעם טראַפיק-פלוס, ווען איינער שטעלט אָפּ איין זייט טראַפיק און דער אַנדערער לאָזט פאַמעליך אַריבער די קעגנקומענדיגע פאַרקער, און נאָכדעם טוישט מען דאָס, און אַזוי גייט דאָס הין-און-צוריק. אַנדערש איז אָבער ביי אַ פאַרנומענעם ראָוד ווי דער 32. דאָרט פאַרלאַנגט די סטעיט אַוועקצושטעלן אַזעלכע צייטווייליגע רויט-ליכט איינריכטונגען פוןביידע זייטן, וואָס אַרבייט מעכאַניש און פאַרמיידט אָנשטויסענישן, ווי אויך איז דאָס אַ שטאַרקע באַשיצונג פון עקסידענטן רח"ל און זייער וויכטיג פאַר די זיכערהייט פון די דרייווער און פאַסאַזשירן, און נאָכמער פאַר די אַרבייטער וואָס אַרבייטן ביי די זייטן פון די ראָודס.

ווי געשריבן, איז די אַרבייט אַליינס גאָר נישט געווען קיין לייכטע. ספּעציעלע שווערע עקוויפּמענט און אַרבייט-געצייג זענען אַראָפּגעברענגט געוואָרן אויפ'ן פּלאַץ אַדורכצופירן טייל פון די אַרבייט, וואָס ווערט גערופן דורך די בוי-מייסטער "זשעק-ענד-באור", ד.ה. ווען מ'דאַרף אונטערגראָבן אַ טונעל אונטערערדיש, און זייטיגערהייט אויסבויערן אַ לאָך וואו די רערן זאָלן אַריינגעצויגן ווערן. די אַרבייט געדויערט אַסאַך צייט און ווערט באַגלייט דורך די אינדזשענירן און סטעיט אינספּעקטאָרן זיכער צו מאַכן אַז אַלעס גייט ווי געפּלאַנט און פאָרגעשריבן. דערנאָך קומט די רעסטאָראַציע אַרבייט צוריקצושטעלן דעם ראָוד און די אַרומיגע שטחים צו איר אָריגינעלן פאָרמאַט.

ווי דערמאַנט, האָט די קאָמפּליצירטע אַרבייט פאַרנומען אַ גרויס חלק פון די פאַרלאָפענע צוויי בוי-סעזאָנען, און אַצינדער איידער'ן שליסונג פונעם סעזאָן קען מען באַמערקן די אַרבייט אויך נענטער צו קרית יואל, אויף קאַונטי רוט 44, נעבן טעיטש קאָורט און ראָוונע, וואו דאָרט ווערן די טעג אַריינגעצויגן פייפּס וואָס מ'האָט נאָכנישט

(פאַרזעצונג אויף זייט 35)

---

אַנעקסעישאָן פאָרשריט בעזהשי"ת:

# ערשטער פון סעריע עפנטליכע "אַנעקסעישאָן סעשאָנס" סוקסעספול אָפּגעהאַלטן אין זאַלן פון בית רחל פּאַראַדייס

### קידוש השם ווען תושבי קרית יואל לאָזן זיך נישט פּראָוואָצירן פון העסליכע קאָמענטאַרן דורך "יונייטעד מאָנראָ" און זייערע "יד-ישראל-באמצע" מיטהעלפער – אַרבייט צוצוגרייטן "סיקרע רעוויו" אין שוואונג – נאָכפאָלגענדע פאַזעס אינעם אַנעקסירונג פּראָצעדור ווערן פּלאַנירט

פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג אָוונט פרשת האזינו העעל"ט, אין די פאַרנומענע ערב ראש השנה טעג, איז פאָרגעקומען די ערשטע פון אַ סעריע עפנטליכע פאַרהערן און זיצונגען אַלס טייל פונעם לעגאַלן פּראָצעדור פאָראויסצוגיין מיטן היסטאָרישן "אַנעקסעישאָן אַקט".

די זיצונג, באַקאַנט אַלס אַ "פּאָבליק סקאָופּינג סעשאָן", איז פאָרגעקומען מיט דער באַטייליגונג פונעם ווילעדזש באָורד, אין שפּיץ פונעם חשוב'ן מעיאָר וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו, און אַזוי אויך זענען אָנוועזנד געווען אלע קאָונסיל מיטגלידער פון טאַון אָוו מאָנראָ, אין שפּיץ פונעם טאַון סופּערווייזער מר. האַרלי דאָולס.

ווי באַקאַנט האָבן אַ גרופּע לאַנד-אייגנטומער פון די גלילות פון קרית יואל אַריינגעגעבן אַן אַפּליקאַציע צום טאַון אָוו מאָנראָ און גלייכצייטיג צום ווילעדזש, פאַרלאַנגדיג אַז דער ווילעדזש זאָל אַנעקסירן זייערע באָדנס – 507 אַקער-לאַנד אין מאָס, אַז דאָס זאָל ווערן אַ טייל פון קרית יואל צו קענען געניסן פון די גאָלדענע סערוויסעס וואָס קרית יואל שטעלט צו אַלס אַ ווילעדזש, וואָס דאָס איז אַסאַך מער ווי דאָס וואָס די טאַון שטעלט צו. ווי אויך זוכן די אייגנטומער אַז זייערע שטחים זאָלן ווערן געטוישט צו די מער-גינסטיגערע זאָנינג רעגולאַציעס וואָס קרית יואל שטעלט פאָר, כדי צו קענען אַנטוויקלען די שטחים פאַר'ן געברויך פון די צוקונפטיגע הונדערטער משפחות יערליך וואָס קומט צו אין דער שטאָט, וואָס ווי פאַרשטענדליך איז דאָס אין די אינטערעסע פון יעדן איינציגן תושב אַז די שטאָט זאָל האָבן אַ צוקונפט נאָכ'ן אומגעהויערן וואוקס בליעה"ר.

נאָכדעם וואָס די אָריגינעלע אַפּליקאַציע מיט די 507 אַקער-לאַנד האָט זיך פאַרהאַנקערט און איז צייטווייליג שטעקן געבליבן, ווילאַנג די "די-אי-סי" וועט פאַסן אַ באַשלוס איבער וועלכער פון די צוויי מוניציפּאַליטעטן – קרית יואל אָדער מאָנראָ – זאָל דינען אַלס "ליעד-עידזשענסי" אין דער ענווייראָמענטאַלער שטודיע וואָס דאַרף ווערן דורכגעפירט אין אַזאַ פאַל, וואָס אויב ביידע פון די מוניציפּאַליטעטן פאַרלאַנגען דעם "ליעד-עידזשענסי" סטאַטוס פאַלט דאָס אויף דער "די-אי-סי" צו אַנטשיידן, און דערווייל האָט זי זיך נאָכנישט געלאָזט הערן.

דעריבער האָבן אַ קלענערע גרופּע פון אייגנטומער, מיט א ס"ה שטחים פון 164 אַקער-לאַנד, וועלכע זענען אַ טייל פון די גרעסערע אָריגינעלע 507 עיקרס אַפּליקאַציע, און געפינען זיך כמעט ווי ארומגענומען מיט די ביז איצטיגע קרית יואל פּראָפּערטיס, זיך פריש געוואָנדן אין אַ באַזונדערע אַפּליקאַציע צו קרית יואל און צו דער טאַון אָוו מאָנראָ, פאַרלאַנגנדיג אַז די 164 עיקרס זאָל ווערן אַנעקסירט צו דער ווילעדזש.

אין דעם צווייטן פאַל האָט דער טאַון באָורד - ביי א מיטינג פארגאנגענעם אול"י א' דר"ח אלול - באַשלאָסן זיך נישט צו פאַרמעסטן אויף דער "ליעד-עידזשענסי" פּאָזיציע, און וויבאלד דער ווילעדזש האָט אויסגעדרוקט גרייטקייט אָנצופירן די שטודיע, איז דאָס אויטאָמאַטיש געגאַנגען צו די קומענדיגע פאַזעס אינעם פּראָצעדור, אָן דעם געברויך פון אינטערוועניראונג מצד די "די-אי-סי", וויבאַלד עס איז נישט פאַרהאַן קיין פאַרמעסט.

## די "סיקרע רעוויו" פּראצעדור

תיכף נאָכדעם ווי די "ליעד-עיזשענסי" פראַגע איז אַנטשידן געוואָרן איז געקומען צייט אָנצוהייבן מיט'ן פּראָצעדור וואָס איז באַקאַנט אַלס "סיקרע רעוויו". דאָס באַצייכנט דעם געברויך פון אַדורכפירן אַ דעטאַלירטע און דייטליכע איבערזיכט איבער וויאַזוי אַזאַ אַנעקסעישאָן וועט אַפעקטירן דעם גאַנצן ענווייראָמענט, סיי וואָספאַראַ אימפּאַקט דאָס וועט שאַפן אויפ'ן געגנט אין וועלכן די שטחים ווערן אַריינגענומען, און אויך וויאַזוי וועט דאָס אַפעקטירן די טאַון פון וועלכער דאָס לאַנד ווערט אַרויסגענומען, און אַזוי אויך אויף די גאַנצע אומגעבונג פונעם נאָנטן אומגעגנט.

אַזאַ שטודיע מיינט גרונטליך איבערצוגיין די וואַסער און סוער איינריכטונגען פון די שטחים ביז היינט און וויפיל דער געברויך וועט זיין, און וויאַזוי זיי גייען ווערן סערווירט איינמאָל די באָדנס ווערן אַנעקסירט, אָדער דאָס אויסרעכענען וואָס אַזאַ אַנעקסעישאָן מיינט פאַר'ן טראַפיק-פאַרקער אין און אַרום די פּראַפּערטיס, די צענטראלע גאסן און די סיידוואקס, טראפיק ליכט אא"וו. אַזוי אויך דאַרף שטודירט ווערן וויאַזוי דאָס וועט ווירקן אויף די עמערדזשענסי סערוויס אַגענטורן, ווי די פּאָליציי דעפּאַרטמענט, פייערלעשער און אַמבולאַנס סערוויסעס אא"וו. דאָס אַלעס ווערט גרונטליך געשאַצט און שטודירט און דאָס ווערט פאַרשריבן נאָכדעם אַלס דער אָפיציעלער "ענווייראָמענטאַל אימפּעקט סטעיטמענט", וואָס באַזירט אויף דעם באַריכט קען נאָכדעם די טאַון און ווילעדזש באַשליסן אין אַן אָפּשטימונג איבער'ן אַנעקסעישאָן פאַרלאַנג.

אַלס טייל צוצוגרייטן די דערמאנטע "סיקרע רעוויו", ווערט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר'ן פּאָבליקום צו לאָזן הערן זייערע קאָמענטאַרן

(פארזעצונג אויף זייט 17)

ש'נת ה'רחבת ת'חומי ע'ירנו

# אַ האַלב מיליאָן סקווער פיס

## הרחבת גבולי הקדושה אין קרית יואל

# אנשי שלומינו תושבי קרית יואל טרעטן אַריין אין נייעם יאָר תשע"ה מיט שבח והודי' צו השי"ת נאָך מאסיווע הרחבת גבולי הקדושה בעירינו אינעם פאַרלאָפענעם יאָר און מיט הייסע תפילות אויף הצלחה פון ווייטערדיגע פראָיעקטן בהוה ובעתיד בס"ד

### כאשר זכינו: תשע"ד

נייער פראַכטפולער בנין פון 50,000 סק. פיס פאַר מתיבתא הקדושה • שפּאָגל-נייע פּידיעטריקס שטאָק פון 10,000 סק. פיס אין "עזרת חולים העלט סענטער", לטובת צרכי רפואה פון די תושבים • נייער בנין ישיבה קטנה "ישמח משה" אַהערגעשטעלט, הונטערן בנין התלמוד תורה אויף דער געציל בערגער גאַס • נייער שטאָק אונטערן ביהמ"ד ישמח משה-בשכונת ברך משה פולקאָם איינגערישט פאַר "ישיבה קטנה" • נייער "היכל מנחם זאב" צוגעבויעטער פליגל צום "היכל ראָזנבערג" אין ביהמ"ד הגדול, בעז"ה פאַרענדיגט און ווערט אויסשטאָפירט מיט פרישע טויזנטער ספרי קודש • ביהמ"ד "בית ברוך" אויף סאסוב פילפאַכיג פאַרברייטערט מיט נייעם שטאָק • ביהמ"ד "בית שמואל בנימין" אויף ראוונע פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט • ביהמ"ד "בית דוב" אויף לעמבערג פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט • צוגעבויעט נייעם פליגל צום "מצה בעקעריי" מיט 2 נייע אויוונס • "בית השחיטה המהודרת" פאַרברייטערט מיט 10,000 סק. פיס מיט נייעם עקסטענשאָן פליגל און באַזונדערע גאַראַדזש-געביידע פאַר הינער-טרעילאָרס

## ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!

### כן נזכה: תשע"ה

נייער בנין התלמוד תורה פון 90,000 סק. פיס וועלכער שטייט שוין בתפארתה ביים אַריינגאַנג פון שטאָט, וועט אי"ה בקרוב פאַרענדיגט ווערן כליל בהדרו • נייער צווילינג-בנין "אשת חיל-אהל פעסיל לאה" אין די גרויסקייט פון 65,000 סק. פיס בויעט זיך אין פולן טעמפא צו קענען נאָכקומען שטייגנדער געברויך בליעה"ר • פּלענער פאַר נייעם 5 שטאָקעדיגן 75,000 סק. פיס "בית רחל" געביידע אויף קאַהאַן דר. • שוין געגאָסן פונדאָמענט פון פרישן בנין פאַר מתיבתא הקדושה, מיט נאָך 50,000 סק. פיס • נייער ביהמ"ד קדושת יו"ט וועט אויפגעבויעט ווערן פאַר תושבים פון די ישראל זופּניק גאַס און אַרום • נייער ביהמ"ד און בנין "עושה חיל" אויף דער חברון גאַס • נייע מקוה אין ביהמ"ד ברך משה אויף ד.א. וויעדער בלווד. • אודיטאָריום געביידע פון 40,000 סק. פיס וואַרט אויף "די-אי-סי" באַשטעטיגונג צו קענען אָנגיין ווייטער מיט די בוי-אַרבייט • פאַרדאָפּעלטער דענטאַל-שטאָק מיט נאָך 5,000 סק. פיס אין "עזרת חולים העלט סענטער", לטובת צרכי רפואה פון די תושבים

## ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ!

"הרחבת גבולי הקדושה" איז א סלאָגאַן מיט וואס קרית יואל טוט ב"ה סימבאליזירן. עס קוועלט דאס הארץ פאר נחת דקדושה מיטצוהאלטן די כסדר'דיגע וואוקס פון די גבולי הקדושה אין די שטאָט. דאס רעכנט אריין די בניני הקהילה והמוסדות און אנדערע ציבור'ישע פראיעקטן פון תורה עבודה און גמילות חסדים צו סערווירן די טויזנטער נפשות בליעה"ר תושבי עירינו המעטירה.

אריינטרעטנדיג אינעם נייעם יאר תשע"ה ברענגט "הקריה" אראפ פאר די חשוב'ע ליינער אן איבערבליק איבער די לאנגע קייט פון די אומאויפהערליכע הרחבת גבולי הקדושה פראיעקטן, וואס גייט ווי נאטורליך אינאיינעם מיט'ן בליה און וואוקס פון די הייליגע מוסדות בליעה"ר, אויף א פארנעם וואס האלט שוין אזוי אָן צום גוטן במשך די לעצטע 40 יאר, זינט די שטאט איז נתייסד געווארן דורך מרן הקוה"ט רבינו בעל דברי יואל זי"ע.

דער איבערבליק רעכנט אריין די פראיעקטן וואס זענען פארענדיגט געווארן במשך דעם פארלאפענעם יאר, ווי אויך די פראיעקטן וועלכע ווערן אצינד אויפגעבויעט און וועלן מיט'ן אויבערשטנס הילף פארענדיגט ווערן אינעם נאנטן צוקונפט, לנחת רוחם של רבותה"ק זי"ע אונטער די הדרכה ונשיאות קדשו פונעם מרא דאתרא כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דאס אלעס איז אויסער די מאסיווע הרחבת גבול"י הקדושה מיטן אנגייענדן "אַנעקסעישאָן" פראצעדור און "וואסער פייפליין" פראיעקט ווען עס וועט בעז"ה געעפנט ווערן די טויערן צו קענען פארברייטערן די הייליגע שטאט אויף א גרויסן פארנעם לתפארת רבוה"ק זי"ע.

# אַ האַלב מיליאָן סקווער פיס הרחבת גבולי הקדושה אין קרית יואל

## כאשר זכינו: תשע"ד

### נייער פּראַכטפולער בנין פאַר מתיבתא הקדושה פון 50,000 סק. פיס, פאַרענדיגט בשעטומו"צ



ווען מען שרייבט איבער די הרחבת גבולי הקדושה אין קרית יואל קומט גלייך אויפ'ן געדאנק דער נייער פראכטפולער בנין החדש פון די מתיבתא הק' וואס איז אהערגעשטעלט געווארן אין א קורצע צייט-אפשניט פון בלויז איין יאר – פון די התחלת הבני' ביז דער בנין איז פארפולקאמט געווארן על תילה.

דער נייער בנין איז געבויעט געווארן נאכדעם וואס עס זענען בליעה"ר נתוסף געווארן ספסלי ביהמ"ד מיט א פארגרעסערטן צאל תלמידי הישיבה בליעה"ר, און נאכדעם וואס די מתיבתא הק' איז אין לויף פון די לעצטערע יארן איינגעטיילט געווארן אין עטליכע אָפּטיילונגען, וואס דאס האט געשאפן א געברויך פאר פרישע בנינים צו קענען איינקווארטירן אלע אָפּטיילונגען פון די ישיבה מיט אלע צוגעהערן ווי ביהמ"ד, מקוה און דארמיטארי צימערן.

אינעם פאַרלאָפענעם יאר האט די הנהלת המתיבתא זיך אריינגעווארפן אין די מאַסיווע ארבייט אַהערצושטעלן דעם נייעם ערשטן בנין אויף א גרויסן שטח ביים שפיץ פון דער "בארדיטשוב גאס", וואו עס געפונען זיך די אנדערע בניני המתיבתא. די ארבעט איז טאקע אנגעגאנגען מיט גרויס פלייס ווען אין לויף פון די פארלאפענע חדשים איז אויפגעבויעט געווארן די געביידע מיט'ן גרויסן היכל הביהמ"ד און די שיעור-צימערן, אוצרי הספרים, עס-זאַלן און דארמיטארי צימערן, וועלכע שטייען שוין גרייט צום באנוץ פאר'ן קומענדיגן זמן הבעל"ט.

דער נייער בנין איז נאך א רינגעלע אין דעם קייט פון די ישיבות שהושיבו על קברו פון מרן רביה"ק זי"ע מייסד קריתינו, וואס איז ארויסגעברענגט געווארן קיין קרית יואל דורך ממלא מקומו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, און די ישיבה שטייט ביז צום היינטיגן טאג אונטער די הנהגה פונעם ראש הישיבה כ"ק מרן רבינו שליט"א לאורך ימים ושנים עד ביאת הגואל במהרה.

### שפּאָגל-נייע פּידיעטריקס שטאָק פון 10,000 סק. פיס אין "עזרת חולים העלט צענטער"



אויפ'ן געביט פון הרחבת גבולי הקדושה פאר צרכי ציבור שיינט ארויס די מאסיווע פארברייטערונג פון דער "עזרת חולים העלט צענטער" געביידע, מיט א שפּאָגל-נייעם 10,000 סק. פיסיגן שטאָק וואס האָט זיך געעפנט אין די פאַרגאַנגענע וואָכן פאר דער פידיעטריקס אָפּטיילונג פון עזרת חולים.

די טויזנטער צופרידענע געניסער פון די פילע סערוויסעס פון "עזרת חולים" זענען די בעסטע עדות איבער די כסדר'דיגע פארשריט וואס ווערט געמאכט טאָג-טעגליך צוצולייגן נאך סערוויסעס פאר'ן ציבור און צו פארבעסערן אלעס וואס מעגליך פאר'ן געברויך פון די איינוואוינער אויפ'ן געביט פון רפואה.

אבער דער הויפט פראבלעם וואס האט געפלאגט דעם העלט צענטער איז געווען דאָס מאנגל אין פלאץ, נאכדעם וואס דער בנין איז דעזיינט און געבויעט געווארן מיט א 15-20 יאר צוריק ווען די שטאט איז נאך געווען פיל קלענער פון היינט, און טראץ וואס אין יענע צייט האט אויסגעקוקט אז דער בנין איז געבויעט געווארן מיט א הרחבה, איז דאס אבער געווארן גאר שנעל אויסגעוואקסן, און דער צענטער האט שווער געקענט נאכקומען דעם געוואלדיגן וואוקס פון תושבים בליעה"ר.

אין ליכט פון דעם זענען אונטערגענומען געווארן א רייע פלענער וויאזוי צו פארברייטערן אלע אָפּטיילונגען, און די ערשטע אין די רייע איז איבערגעבויעט געווארן דער אונטערשטער שטאק פונעם בנין וואו עס איז איינגעריכטעט געווארן דער גאנצער שטאק פאר די פארטאפעלטע פּידיעטריקס אָפּטיילונג אויפ'ן שענסטן און באקוועמסטן אופן צו דער צופרידנהייט פון די איינוואוינער.

אצינד גייען פאראויס די פלענער צו פארברייטערן די אנדערע אָפּטיילונגען אינעם העלט צענטער.

### נייער בנין לטובת ישיבה קטנה "ישמח משה", הינטער'ן בנין התלמוד תורה אויף געציל בערגער



ווי באקאנט איז אין די לעצטערע יארן צוטיילט געווארן די ישיבות קטנות דאהי אין קרית יואל אין עטליכע אָפּטיילונגען אונטער באזונדערע מנהלים און מגידי שיעור וואו עס ווערן אריינגעלייגט גרויסע כוחות צו קענען באגלייטן יעדן בחור און אינאיינעם מיט'ן וואוקס און בליה פון די מוסדות בליעה"ר זענען די ישיבות קטנות שוין אויך געוואקסן, ווען אינאיינעם זענען שוין פארהאן היינט-צו-טאגס 6 באזונדערע ישיבות קטנות.

זעלבסט פארשטענדליך אז אזא אונטערנעמונג באדייט פאר די הנהלת המוסדות אויך א געברויך פאר באזונדערע בנינים צו קענען פלאצירן יעדע ישיבה מיט אן הרחבת הדעת פאר די בחורים, די מגידי שיעור און מנהלים. אצינד צום נייעם יאר איז צוגעשטעלט געווארן א נייער בנין פאר די ישיבה "ישמח משה", בהנהלת הרה"ג ר' אברהם הערש

(פארזעצונג אויף זייט 47)

## כן נזכה: תשע"ה

### נייער בנין התלמוד תורה פון 90,000 סק. פיס וועט אי"ה בקרוב פאַרענדיגט ווערן כליל בהדרו



ווער עס קומט נאר אריין אין קרית יואל באגעגנט זיך תיכף מיט'ן נייעם גיגאנטישן בנין התלמוד תורה, וועלכע ווערט אצינד אויפגעבויעט הארט ביים אריינגאנג אין קרית יואל אויף בעיקערטאון ראוד. דאס ווערט געבויעט אין צוגאב צו די ביז יעצטיגע זעקס פראכטפולע בנינים מיט טויזנטער תשב"ר כ"י און הונדערטער מלמדים וכלי קודש אין אלע אָפּטיילונגען, פון קליין ביז גרויס. ווען יעדעס יאר קומען צו בליעה"ר פרישע קלאסן, און מען נויטיגט זיך רעגעלמעסיג אין פרישע בנינים, צו קענען נאכקומען דעם צופלוס פון קינדער.

ווי שטענדיג ווערט דער פראיעקט אהערגעשטעלט און אנגעפירט דורכ'ן בארימטן בוי-מייסטער הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו, וועלכער האט שוין די זכי' געהאט אהערצושטעלן מערערע הערליכע בנינים אדירים אלס אכסני' פאר חינוך הבנים והבנות, וועלכע ווערן ב"ה באניצט טאג טעגליך דורך אלפי תלמידים ותלמידות, וכדרכו האט ער זיך אויך דא אריינגעלייגט אין די נייע ארבעט מיט פרישע כוחות, אהערצושטעלן דעם נייעם בנין מיט'ן פולסטן פראכט, פראקטיש און באקוועם עצהיי"ט.

דער נייער בנין אנטהאלט פיר גרויסע שטאקן; 48 חדרים, 2 בתי מדרשים, 3 עס-זאלן. ווי אויך וועט סטאנציאנירט ווערן אינעם נייעם בנין דער צענטראלער בית התבשיל פון די מוסדות, וואס דאס אליין איז ווי פארשטענדליך א מעכטיגע אפאראט פאר זיך, וואס וועט אי"ה צוגערישט ווערן אויפ'ן שענסטן פארנעם מיט אלע נויטיגע כלי מכשירים, פון וואנעט עס וועלן אי"ה ארויסגיין די טויזנטער פארציאנען עסן פאר אלע אָפּטיילונגען פון די מוסדות. בסך הכל באשטייט די געביידע פון 91,000 סקווער פיס, און ווערט אויפגעבויעט פאר'ן פרייז פון 10 מיליאן דאלאר.

תושבי קרית יואל קוקן ארויס אויף די ווייטערדיגע פארשריט ווען דער בנין וועט אי"ה אינגיכן פארענדיגט ווערן און אריינגיין אין באנוץ פאר די תינוקות של בית רבן תלמידי מוסדותינו הק'.

### נייע 6 שטאָקיגע 65,000 סק. פיס צווילינג-געביידע "אשת חיל-אהל פעסיל לאה" בויעט זיך אין פולן טעמפּאָ

טויזנטער משפחות אין ניו יאָרק קוקן ארויס מיט פרייד אויף דער גאַלאָפּירנדער אַנטוויקלונג פון די בוי-אַרבעט ביי דער שפּאָגל-נייער "אשת





חיל-אהל פעסיל לאה" געביידע, וואָס גייט אָן אין פולן שוואונג און וועט האָפנטליך אין נישט קיין לאַנגער צייט שוין זיין כלול בהדרו, גרייט צו אַנטפאַנגען די פילע הונדערטער קימפּעטאָרינס בליעה"ר פון איבער גרעיטער ניו יאָרק, וועלכע וועלן קענען געניסן פון די זעלטן-אויסגעצייכנטע סערוויס מיט וואָס דער "אשת חיל קימפּעטאָרין היים" איז געוואָרן וועלט-באַרימט.

ווי שוין גוט באַקאַנט, אז צוליב דעם כתר שם טוב מיט וואָס דער עקזיסטירנדער "אשת חיל אהל חנה רחל" איז באַקרוינט געוואָרן, איז די 'גרויסע' געביידע מיט אירע צוגעגרייטע צימערן אויפצונעמען אזויפיל ווי 60 געסט אויפאיינמאל זייער שנעל קליין געוואָרן, אויף אַזוי ווייט אַז אין געוויסע צייטן איז מען געצוואונגען געווארן אָפּצוזאָגן קימפּעטאָרינס פון אָנגענומען ווערן צוליב מאַנגל אין פלאַץ.

די אומערמידליכע הנהלה האָט איינגעזען אַז מ'קען דאָס אַזוי נישט לאָזן, און פאַראַיאָר איז מען אַריינגעשפּרינגען אין דער גראַנדיעזער אונטערנעמונג צו פאַרטאָפּלען די היים דורך אויפבויען א שפּאָגל-נייע געביידע וואָס וועט באַהאָפטן ווערן צום עקזיסטירנדן אשת חיל, און ערמעגליכן אויפצונעמען אַזויפיל ווי 120 קימפּעטאָרינס אויפאַמאָל! בליעה"ר, כ"י.

זינט דער גרונדשטיין איז געגאָסן געוואָרן פאַריאָר זומער איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען כמעט אָן אויפהער, און בלויז זיך אָפּגעשטעלט ווען דער וועטער האָט בשום אופן נישט ערלויבט אָנצוגיין מיט'ן בויען. אַדאַנק די אייפערדיגע אַרבעט האָט מען שוין באַוויזן אויפצושטעלן דעם גאנצן סטרוקטור פון די געביידע, און אצינד שטייט שוין דער מעכטיגער אייזערנער סטרוקטור וואס ווערט געזען פון ווייטע שטרעקעס איבער די שטאט.

### שפּאָגל-נייע 5 שטאָקיגע בית רחל געביידע פון 75,000 סק. פיס, אויף כהנא דר.

מיט פרייד ווערט אויפגענומען די גוטע נייעס, אז די הנהלת המוסדות גרייטן זיך בעה"י אנצוהייבן מיט די בוי ארבעט אויף א נייעם גיגאנטישן פינעף שטאקיגן בנין פאר'ן בית רחל, די

(פארזעצונג אויף זייט 47)

בס"ד

# ברוכים הבאים

## צו די "רוח החיים" קינדער פארק

רוח החיים וועי - לארקין דר.

# אינפארמאציע
## און אנווייזונגען
פאר די קומענדיגע חול המועד הבעל"ט

רוח החיים
קור-ארט

די קינדער פארק וועט זיין אפען דעם חול המועד אין די פאלגנדע צייטן:

## זונטאג - מאנטאג - דינסטאג:
פון 11:00 צופרי ביז 6:30 אווענט

## מיטוואך: פון 11:00 ביז 4:00

### אומזיסטע שאטל-טראנספארטאציע און פארקינג:

ספעציעלע שאטל-טראנספארטאציע וועט זיין צוגעשטעלט פונעם "פארק-ענד-רייד", הין-און-צוריק יעדע 15 מינוט, פריי-פון-אפצאל, אנגעהויבן פון 12:00 מיטאג ביז 6:30 פארנאכטס.

ביטע פארקירן אייער קאר אינעם "פארק-ענד-רייד" און זיך באנוצן מיט'ן שאטל, צוליב וואס די אריבער 100 פארקינג-פלעצער אינעם רוח החיים זענען "אוממעגליך" צו אקאמאדירן דעם חוה"מ טראפיק.

### ווילעדזש באס:

די 'רוח החיים רוט' פונעם ווילידזש באס וועט ארומפארן אויף די געווענליכע סקעדזשול ("וואל מארט רוט") ביז צום 'רוח החיים קינדער פארק' פון 1:00 ביז 6:30.

### פובליק סעיפטי:

א פובליק סעיפטי פאטראל וועט זיין אנוועזנד במשך די שעות וואס ס'איז אפען פאר סיי וועלכע וויכטיגע הילף/עמוירדזשענסי.

### זויבערקייט:

ביטע האלטן דאס פלאץ זויבער און נישט איבערלאזן קיין מיסט, פאר'ן כבוד פון אלע באזוכער.

### רעגולאציעס:

ביטע אויספאלגן אלע רעגולאציעס און פארשריפטן, וועלכע שטייען ארויסגעשריבן אויפ'ן ספעציעלן טאוול ביים ארייגאנג צו די 'רוח החיים קינדער פארק'.

פאר אלע אנגעלעגנהייטן ארום דעם פארק וואו השבת אבידה, קאמענטארן, אא"וו
רופט דעם ספעציעלן נומער 774-PARK (7275),
עס איז ראטזאם צו רופן ביי א שווערע ווטער פאר מעגליכע טוישונגען אין די פארק שעות

א כשר'ן
און לוסטיגן יו"ט

# הנהלת הקריה

גאַסט עדיטאָריעל

# איז "קרית יואל" טאַקע דער פּלאַץ פאַר אַ "ריעל עסטעיט מאַרקעט"?! (ב)

בעת די שורות ווערן געשריבן זענען מיר נאָך אַלע אונטערן איינדרוק פון די הייליגע טעג שעברו עלינו לטובה. קוים האָמיר אַריינגעטרעטן אינעם יו"ט פון ראשון לחשבון עוונות צו טאָן תשובה מאהבה, ווען עס דינערט נאָך אין די אויערן די ווערטער מיט וועלכע מיר האָבן באַגלייט די שערי רחמים בעת נעילת שערים, בעטנדיג מיט די לעצטע כוחות "למען נחדל מעושק ידינו", וואָס איז באַקאַנט די איינציגע עבירה וואָס מיר דערמאַנען אין תפלת נעילה, ווען מיר בעטן אויף סייעתא דשמיא, אַז דאָס יאָר וואָס קומט אויף אונז לטובה זאָלן מיר אָפּגעהיטן ווערן פון יעדן מינדעסטן נדנוד פון אומריינע געלטער, נישט נכשל צו ווערן מיט געלטער וואָס מיר פאַרדינען נישט ערליך.

מיר גייען נישט אַריין אין די סיבה פאַרוואָס די אנשי כנסת הגדולה און אונזערע חכמים ז"ל, וועלכע האָבן מסדר געווען די תפלות, האָב פונקט דעם ענין בוחר געווען אַז דאָס זאָלן מיר דערמאַנען אין אַזעלכע געהויבענע און הייליגע מאָמענטן, און מען חזר'ט עס נאָך איבער צוויי מאָל, אָבער דאָס איז אַמאָל זיכער אַז וואָס מיר זעען דערפון איז דער חומר הענין און ווי שטאַרק מיר דאַרפן זיך דערווייטערן פון יעדע זאַך וואָס קען האָבן שייכות מיט יענעמ'ס געלט, וואָס דאָס ברענגט אונז צוריק צו קומען מיט "לוחות שניות" און נאָכאַמאָל אויפברענגען די ווייטאָגליכע טעמע פון "דירות פרייזן" ביי אונז אין די שטאָט.

אַז מ'גייט אין די גאַס און מ'שמועסט מיט מענטשן איבער אַ "דירות מאַנגל"; וואָס האָט געברענגט דערצו אַז די פרייזן זענען אַרויפגעשפּרינגען אין די לעצטע צייט צו רעקאָרד ציפערן? זענען דאָ אַזעלכע וואָס מיינען אַז דאָס איז איבערגעטריבענע פאַנטאַזיעס; אַנדערע האַלטן גאָר אַז דאָ ליגט אַן אַגענדע פון די וואָס ווילן באַרעכטיגן די פרייזן, דורכ'ן שאַפן אַ פּאַניק אַז עס הערשט אַ מאַנגל אין דירות. אָבער באמת איז עס ווייט נישט ריכטיג, והא ראיה אַז אין יעדן ווינקל אין קרית יואל זעט מען בוי-פּראָיעקטן און מ'הערט כסדר פון נאָך בוי-פּלענער.

איז דאָס זעלבסט ברויך זייער שטאַרק ווערן אויסגעקלאָרט. ווען מיר האָבן צוגעשיקט אונזערע שורות אינעם פאַרגאַנגענעם נומער, איז דאָס געווען אויסצודרוקן אונזער ווי-געשריי אויפ'ן פאַקט אַז במציאות הערט מען היינט פון פרייזן וואָס מ'האָט אַמאָל נישט גע'חלומ'ט. דאָס איז סיי ביים קויפן נייע דירות און נאָכמער ווען עס קומט צו דינגען. מען קען היינט הערן אַז אינגע פּאָרפעלקער נאָך די חתונה זאָלן דאַרפן באַצאָלן פאַר קליינטשיגע דירות אַזויפיל ווי דרייצן און זאָגאַר פערצן הונדערט דאָלאַר אַ חודש פאַר רענט! דאָס איז אַ שפּרינג פון עטליכע הונדערט דאָלאַר אַ חודש צוריקגייענדיג בלויז עטליכע יאָר, און דאָס רופט אַרויס אַ שטאַרקע ווייטאָג.

מיר זענען נישט אויסן געווען צו טרעפן די שולדיגע דערינען און אוודאי האָבן מיר נישט געוואָלט דערמיט שאַפן אַ פּאַניק, נאָר ענדערש אויפברענגען די טעמע און אינאיינעם מטכס עצה זיין, וויאַזוי מ'קען דאָס אָפּשטעלן און צוריקברענגען די פרייזן צו וואו עס ברויך צו זיין. וואָס דאָס איז זיכער אַז אַ כח הרבים קען האָבן דערוועגן אַ שטאַרקע השפעה, עס דאַרפן נאָר אַפּירקומען די ריכטיגע עסקנים, גענוי ווי ביי דער ענין פון די "שבועות דירות תקנות" און "חתונה תקנות" פון קהלתינו הקדושה, וואו מען זעט בחוש אַז מען קען שפּאָרן טויזנטער און מיליאָנען דאָלאַרן פון אידיש געלט.

דער פאַקט איז אַז קרית יואל איז יעצט פאַרוויקלט אין אַן ענין וואָס איז באַקאַנט

(פאָרזעצונג אויף זייט 9)

לייט אַרטיקל | יואל צבי ברים

# אמר הקב"ה נסכו לפני מים בחג כדי שיתברכו לכם גשמי השנה

(ראש השנה ט"ז א)

## ולמנסך אומר לו הגבה ידיך, להוציא מלבן של צדוקים

(יומא כ"ו א)

ווען די שורות ווערן געליינט, שטייט כלל ישראל אינמיטן די הייליגע און פרייליכע יום טוב סוכות טעג, די לעכטיגע יום טוב'דיגע נעכט ווען אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם פראַווען דעם מנהג פון "שמחת בית השואבה", מקיים צו זיין דעם "ונשלמה פרים שפתינו", און מ'איז מעלה אויפ'ן זכרון מיט'ן לערנען די דברי חז"ל איבער די ספּעציעלע מצוה וואָס כלל ישראל האָט געהאַט אין די טעג, בזמן שבית המקדש היה קיים, דאָס איז די מצוה פון "ניסוך המים" וואָס חז"ל האָבן געהאַט בקבלה הלכה למשה מסיני און דאָס מסמיך געווען אויף די פּסוקים פון די קרבנות החג, כמבואר במסכת סוכה באריכות.

די גמרא אין מסכת ראש השנה לערנט מיט אונז אַז די הייליגע מצוה פון "ניסוך המים" האָט דער אייבערשטער אונז מזכה געווען אום יום טוב סוכות, דערפאַר וואָס אין דעם יו"ט איז מען אין הימל דן אויף דאס וואַסער פונעם נאָרוואָס-אַריינגעטרעטענעם יאָר. זאָגט דער רבונו של עולם: "נסכו לפני מים בחג" - גיסט וואַסער אויפ'ן מזבח אינעם יו"ט סוכות, "כדי שיתברכו לכם גשמי שנה" - אז אין דעם זכות וועלן געבענטשט ווערן די גשמי שנה, אַז דער נייער יאָר וואָס שטייט פאָר זאָל קומען מיט גשמי ברכה, אַ זאַטע יאָר, אַ יאָר פון פּרנסה טובה וברכה מרובה, אַ יאָר פון שפע רב, לשובע ולא לרזון.

ומפני חטאינו גלינו מארצינו. ליידער בעוה"ר האָבן מיר נישט די זכי' מקיים צו זיין די מצוה פון ניסוך המים היינטיגע צייטן, גענוי ווי מיר האָבן נישט די זכי' צו די אַנדערע קרבנות און עבודות אין בית המקדש. מיר קענען נישט מער ווי טאָן וואָס מיר האָבן בקבלה, מקיים צו זיין דער "ונשלמה פרים שפתינו". מיר דערמאַנען דאָס ביים דאַווענען און מיר מאַכן אַ זכר למקדש דורכ'ן פראַווען די הייליגע יו"ט נעכט מיט שמחות בית השואבה, בעטנדיג פון הייליגן באַשעפער אַז דאָס זאָל פאַררעכנט ווערן לפניו יתברך ווי דער עצם מצוה, און די אַלע סגולות און ברכות וואָס קומען מיט מיט די מצוה פון "ניסוך המים" און די אַנדערע עבודות המקדש, זאלן אויך נשפע ווערן פאַר אונז בדורנו השפל הזה.

פאַר קרית יואל'ער תושבים האָט דער גאַנצער שמועס גאָר אַ טרעפליכער באַדייט. די וואָס וואוינען אין די שטאָט באגרייפן נישט אַזוי ווייט וואָס דאָס מיינט די תפלה פון "גשם". זייער "בצדקם חון חשרת מים" און "בעבורו אל תמנע מים" האָט גאָר אַן אַנדערער משמעות ווי פאַר אונז תושבי קרית יואל. ביי אונז ווייסט קינד-און-קייט דער באַדייט פון אַ "וואַסער מאַנגל" און פון אַ "וואַסער עמערזשענסי". דאָ אין קרית יואל האָבן די תפלות אום יו"ט סוכות אויף "גשמי ברכה" זייער אַ פּשוט'ער באַדייט: מיר זענען אויסגעשטעלט צו אַ שטאַרקע געברויך פון זאַטע יאָרן אַז עס זאָל אָנפילן די קוועלער פון וואָס מיר זאָלן קענען טרינקען אַגאַנץ יאָר, און דערפאַר פאַרגיסן אידישע קינדער טרערן און די טעג בבחינת "נסכו לפני מים בחג, כדי שיתברכו לכם גשמי השנה".

אינעם היינטיגן "הקריה" באַגעגנט איר זיך מיט אַ ספּעציעלן באַריכט, וואס דערציילט גענוי איבער'ן פארשריט ביים מאַכטפולן "פייפּליין פּראָיעקט" אין וועלכן קרית יואל איז עוסק. עס פאַרשטייט יעדער איינער אַז כאָטש מען זעט שוין אַז דאָס וואָס האָט אַמאָל אויסגעזען ווי גאָר אַ ווייטער געדאַנק, ווערט אָט אָט אַ רעאַליטעט, קען מען אָבער נישט אויסלאָזן איין טאָג אָן אינזינען האָבן אַז עס זאָל טאַקע צושטאַנד קומען ביז צו דער ענדע אָן קיין שטרויכלונגען.

און דערפאַר איז אויך דאָס נכלל אין אונזערע תפלות גשם, "בעבורו אל תמנע מים", דער הייליגער זכות פון רבינו הקדוש זצ"ל, דער מייסד פון אונזער הייליגער שטאָט, זאָל מגין זיין, אַז די פּעולות צו פאַרגרינגערן און אַהערשטעלן אַ לאַנג-טערמיניגער "וואַסער לעזונג" זאָל מצליח זיין, און וואַסער זאל פליסן אָן אויפהער להשקות עדרי הצאן.

*

אָבער אפשר קען מען די טעמע פון "ניסוך המים" אַביסל פאַרברייטערן, דורכ'ן צענעמען נאָך אַ חלק פון וואָס מיר האָבן ליידער פאַרלוירן "מפני חטאינו", און דאָס איז די מורא'דיגע שמחה וואָס די מצוה פון "ניסוך המים" האָט מיטגעברענגט, ווען בזמן שבית המקדש היה קיים זענען דאָס געווען די הויכפּונקטן פון שמחה עילאה וואָס מ'האָט געזען אין "מחנה שכינה", שמשם שואבין רוח הקודש. אידישע קינדער פון אַלע שטעט האָבן נישט פאַרמאַכט קיין אויג מיטהאַלטנדיג די געהויבענע מאָמענטן ווען מ'האָט געברענגט דאָס וואַסער פון "מי השילוח", זיך גרייטנדיג צו די הייליגע מצוה פון "ניסוך המים". אכן מה נהדר היה המראה! מי שלא ראה שמחה זו לא ראה שמחה מימיו!

אונזער הייליגע חכמינו ז"ל געבן אונז צו פאַרשטיין די סיבות פון אָט די גרויסע פייערונגען - ולשמחה מה זו עושה? פאַרוואָס פונקט ביי די מצוה האָט מען געזען אַזאַ מורא'דיגע שמחה און אַזאַ זעלטענע התלהבות וואָס מ'זעט נישט ביי קיין שום אַנדערע מצוה? אוודאי איז דאָ דערינען סודות נפלאים און טיפע כוונות, אָבער אין מקרא יוצא מידי פשוטו.

זענען אונזערע הייליגע חכמים אונז מגלה, אַז דאָ איז געלעגן אַן ענין פון נצחון המלחמה קעגן די טרויעריג-באַקאַנטע כת הצדוקים, די אפיקורסים וועלכע האָבן דערצערנט די הייליגע חכמים. וויבאַלד דער ענין פון "ניסוך המים" שטייט נישט מפורש אין די תורה הקדושה, נאָר עס איז מקובל הלכה למשה מסיני, האָבן די צדוקים געטראָפן דערביי אַ מקום און זיי האָבן פאַרפירט אַז דאָס האָט ח"ו נישט קיין מקור.

דערפאַר, להוציא מלבן של הצדוקים, האָבן די חכמים דייקא איינגעפירט אַז די גאַנצע זאַך פון ניסוך המים זאָל דוקא פאָרקומען מיט פּאָמפּע און פּאַראַדע, אַז יעדער זאָל וויסן דערוועגן און שפּירן פאַר אַ שמחה אַז דער כח פון די חכמים און ערליכע אידן זענען קאי וקיימי, און דערמיט האָט דאָס אַרויסגעברענגט נישט נאָר דער עצם שמחה של מצוה אַז מ'איז ווידעראַמאָל זוכה מקיים צו זיין די הייליגע מצוה וואָס קומט נאָר פאָר אין די טעג פונעם יום טוב סוכות, נאָר די טיפקייט פון די שמחה איז געווען דער עצם פייערונג פון "נצח ישראל לא ישקר". נישט קיין צדוקים, נישט קיין בייתותים, נישט די פאַרשאָלטענע קראים און נישט די אַנדערע כתות אפיקורסים, קענען אַוועקנעמען די אויטענטישע אידישקייט וואָס ווערט אַריבערגעפירט מדור אל דור, פון משה קבל תורה מסיני אַדורך די גאַנצע שלשלת הקבלה, און דאָס וועט אָנהאַלטן עד סוף כל הדורות.

עס איז באַקאַנט אַז רבינו הקדוש זי"ע פלעגט שטענדיג נאָכזאָגן דעם תוספות יו"ט אין מס' יומא, וואו דער תוס' יו"ט איז מבאר פאַרוואָס עס האָט אויסגעפעלט די נס פון די "עשרה נסים שנעשו לאבותינו בבית המקדש", אַז עס זאָל זיך נישט מאַכן אַ פּסול אינעם כהן גדול בעצם יום הכיפּורים? לכאורה האָט זיך דאָך דער הייליגער כהן גדול מקדש ומטהר געווען און פּורש געווען בפרישות יתירה שוין פון זיבן טעג בעפאָר יוה"כ. טאָ וואָס איז דער גרויסער נס שלא אירע פּסול בכה"ג? נאָר, פלעגט דער רבי נאָכזאָגן פון תוספות יו"ט, אַז טאַקע דערפאַר ווייל עס איז אַזאַ מקום קדוש, אין אַזאַ הייליגן טאָג און דורך דעם גרעסטן איד פון כלל ישראל, דער הייליגער כהן גדול, טאַקע דאָרט איז דאָ אַ התגברות היצר, אַזוויוי דער פּסוק זאָגט אויפ'ן שטן "הבוחר בירושלים", ער

(פאָרזעצונג אויף זייט 9)

הקריה
נייעס און באריכטן פון קרית יואל
HAKIRYAH
51 Forest Rd. #390 - Monroe, NY 10950
Tel: 845-418-6834 Fax: 845-774-7945
Email: hakiryah@gmail.com

אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער\אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעס.
אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע, אויף אייער פארלאנג.

Hakiryah is not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • **Tel.** 845.782.3242 • **Fax:** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

בס"ד

# פריידיגע מעלדונג!

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן, אז

## די פראכטפולע ניי-רענאווירטע

# פידיעטריק דעפארטמענט

(אונטערשטע שטאק פון "עזרת חולים"
אריינגאנג פון די לינקע זייט בילדינג)

## איז שוין פולקאם אפן
## צום באנוץ פון די חשוב'ע איינוואוינער

די נייע "פידיעטריק דעפארטמענט" איז אהערגעשטעלט אויף א גרויסארטיגן און הערליכן פארנעם, באגלייט מיט א פארגרעסערטע שטאב אויף א פארטאפלטן פלאץ, צו קענען צושטעלן די נויטיגע מעדיקעל-סערוויסעס לויט'ן וואוקס פון קרית יואל בליעה"ר.

מיט פיל שעצונג,
און א געזונט געבענטשט יאר!

## הנהלת "עזרת חולים"

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

## בריוו פון תושבי הקריה

# איבער סקול-טעקס ביל

לכבוד די צייטונג "הקריה".

איך וויל אויסנוצן די פלאַטפאָרמע וואָס איר גיט פאַר די איינוואוינער צו שרייבן בריוו און עס צו פאַרעפנטליכן פאַר'ן ציבור, מיך פערזענליך צו באַדאַנקן פאַר די געטרייע חברי הנהלה פונעם קרית יואל סקול דיסטריקט, וועלכע האָבן ב"ה ווייטער געטון זייער אַרבעט מיט אַזויפיל געטריישאַפט.

אייגנטליך וואָלט נישט איך געדאַרפט שרייבן דעם בריוו. דאָס איז אַ בריוו וואָס דאַרף געשריבן דורך מיין טענענט וועלכער וואוינט אין אַ דירה וואָס איך האָב איך אים פאַרדינגען, און ער איז ביז לעצטענס וואַרשיינליך גוט דערשראָקן געוואָרן מיט יעדן טעלפאָן-רוף וואָס זיין "איידי" האָט געצייגט אַז עס קומט פון מיין טעלפאָן...

יאָ, מיין טענענט ווייסט וואַרשיינליך גוט וואָס איך מיין מיט מיינע ווערטער. כ'האָב אים עטליכע מאָל געהאַט געזאָגט פון פאָראויס, אַז ס'איז מעגליך אַז בלית ברירה וועל איך דאַרפן אַרויפגיין מיט די חודש'ליכע ראַטע. ניין, אין אַלגעמיין בין איך נישט פון די לענדלאָרס וואָס זוכן צו רייסן אַן איבריגן דאָלאַר ביי יענעם און איך הייב נישט אַזוי אָפט די רענט. איך פאַרשטיי אַז דער טענענט מוטשעט זיך אויך צו צאָלן די רענט פאַר די דירה, און טראָץ וואָס אַנדערע האַלטן אַז ס'איז ממש אַ חוב צו העכערן יעדע שטיק צייט לויט וויפיל די 'אַלץ-ווייסער' זאָגן אַז די מאַרקעט קען דערהייבן, אָדער אפילו גאָר מער, האָב איך דערווייל נאָכנישט געטראָפן קיין שום רעגולאַציע וואָס שרייבט פאָר אַ פליכט צו העכערן... און אַז עס איז נישט דאָ קיין פליכט האַלט איך זיך ענדערש צו דעם; איך העכער כמעט נישט די ראַטע, און איך פאַרגין מיין טענענט די פרנסה וואָס השי"ת באַשערט אים.

אָבער לעצטעס בין איך שוין געוואָרן באַזאָרגט אַז מעגליך וועל איך יאָ דאַרפן העכערן מער ווי מיינע השגות, נאָכדעם ווי עס האָבן קורסירט אומבאַשטעטיגטע קלאַנגען אַז די סקול-טעקס גייט זייער שטייגן אויפ'ן קומענדיגן יאָר, וואָס דאָס וואָלט פאַר די גרויסע דירה וואו מיין טענענט וואוינט, מיך אָפגעקאָסט אַסאַך געלט, און דאָס האָב איך שוין נישט געקענט איגנאָרירן.

ווי שוין דערמאַנט פריער, בין איך נישט פון די וואָס זוכן צו רייסן געלט אין דער וועלט אַריין, און איך טו וואָס נאָר מעגליך צו האַלטן די רענט-פרייז היבש סטאַביל. אָבער אויב וואָלט צוגעקומען אַ גרויסע סכום וואָס מ'דאַרף צאָלן פאַר טעקס וואָלט דאָס געמיינט אַז איך וואָלט שוין אפשר כמעט צוגעלייגט געלט אויף די דירה, און דאָס וואָלט איך שוין נישט געקענט אויסמיידן, און איך וואָלט שוין געמוזט העכערן מיט אַ באַדייטנדע סומע.

דער אמת איז, אַז אפילו איך וואָלט געהעכערט, וואָלט מיין טענענט נאָך אַלץ געצאָלט היבש נידריגער פון די וואָס דאַרפן צאָלן היינטיגע רייסערישע פרייזן, פאָרט אָבער האָב איך נאָכנישט געהאַט דאָס האַרץ צו העכערן די רענט, אַ זאַך וואָס איך וואָלט אָבער – ווי געזאָגט – שוין געמוזט טון בלית ברירה.

כ'האָב שוין אפילו געהאַט געזאָגט פאַר'ן טענענט אַז ער זאָל נישט כאַפּן קיין פלוצימ'דיגער שאָק, און ער זאָל זיין גערישט, אַז אין פאַל דער סקול-טעקס וועט צו סאַך געהעכערט ווערן, וועל איך נישט האָבן קיין ברירה, עס אָפנעמען פונעם רענט. אָבער אויף דערווייל האָב איך נאָך נישט געהעכערט אויף קיין שפעקולאַציעס, און איך האָב געוואַרט געדולדיג ביז ווען דער ביל איז פאַקטיש אָנגעקומען, כדי צו זיין קלאָר איבערגעצייגט אַז איך מוז טאַקע העכערן.

און וואָס זאָל איך אייך זאָגן: איך בין אַליינס איבערראַשט געוואָרן! ווען דער ביל איז ענדליך אָנגעקומען האָב איך נישט געגלייבט וואָס איך זעה פאַר די אויגן. "דאָס אַלעס?" האָב איך געזאָגט ווי צו מיר אַליינס... די גאַנצע העכערונג באַשטייט פון אַ קנאַפע דריי פראָצענט, וואָס אויף די זיבן-רומיגע דירה וואָס דער טענענט דינגט פון מיר קומט דאָס אויס בערך $72 אַ יאָר, וואָס אַ שנעלער חשבון צייגט מיר אַז ווען מ'צעטיילט דאָס פער חודש, קומט דאָס אויס גאַנצע $6 אַ מאָנאַט... נו פרעג איך אייך: לוינט זיך מיר דען צו זיין אַ 'נצרך לבריות' און עקסטער העכערן די רענט אָפּצובעטן אַזעלכע מינדערוויכטיגע סכומים?!

תלי"ת בין איך נישט פון די וואָס זוכן צו קריטיקירן און העצן, און איך האָב דעם פולסטן טראָסט אין די געטרייע חברי הנהלה פונעם סקול-דיסטריקט און אין זייערע שלוחים אַז זיי טוען זייער אַרבעט בנאמנות. די חברי הנהלה האָבן – דאַכט זיך – כמעט אַלע געהאַט די זכי' נאָך נתמנה צו ווערן דורך מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וועלכער האָט זיי אויסגעקליבן און זיי געגעבן ברכת קדשו אַז זיי זאָלן קענען אויספירן זייער תפקיד בשלימות, ומאז ועד עתה טוען זיי טאַקע זייער אַרבעט מיט אַ געוואַלדיגן געטריישאַפט.

(פאַרזעצונג אויף זייט 16)

## גאַסט עדיטאָריעל

(פאַרזעצונג פון זייט 7)

אונטער איר צויבער-נאָמען "אַנעקסעישאָן", ווען מען איז אַריינגעטון אַז עטליכע הונדערט עיקרס זאָלן אַריינגענומען ווערן אין די גרעניצן פון קרית יואל, וואָס וועט געוויס שטאַרק ווירקן און האָבן אַ פּאָזיטיוון אַפעקט אויפ'ן דירות מאַרקעט, ווי-נישט-ווי אַז עס ווערט עוועילעבל עטליכע הונדערט אַקער-לאַנד פון אָפענע אומאַנטוויקלטע באָדנס, ברענגט דאָס נאַטורליך אַריין אַ ברייטערע וואריאציע פון שטחים, וואָס דאָס באַדייט אַז דער אייגנטומער וואָס וויל פאַרקויפן פאַר'ן בוי-אונטערנעמער קען נישט בעטן אַזויפיל געלט פאַר זיין באָדן, און אַזוי ווייטער אַז עס בויעט זיך מערערע דירות אויפאַמאָל, קען דער בויער נישט בעטן אַזויפיל פונעם קונה.

אָבער דאָס איז וואָס מ'רופט אַ קאַלטע "ביזנעס עפּראוטש" צום פּראָבלעם פון די דירות פּרייזן, און מיר קלערן אַז היימישע און ערליכע אידן מיט אַ ברודערליכן געפיל, קוקן אָן אַ "דירות קריזיס" ביי אונז אין די שטאָט מיט סאַך אַ וואַרימערן בליק, און נעמען דאָס ענדערש אויף מיט אַן אידישער צוגאַנג פון מיטגעפיל און עסקנות, ווען יעדער פאַרשטייט אַז די אַלע וואָס קויפן אָדער דינגען דאָ דירות אין קרית יואל, איז דאָס נישט קיין לוקסוס אָדער אינוועסטמענט, נאָר פשוט ווייל נאָך אַ קינד איז געבוירן געוואָרן למז"ט, נאָך אַ פּאָרפאָלק האָט ב"ה חתונה געהאַט, און צו די אַלע אויסגאַבן וואָס קומט מיט ביים מאַכן אַ שמחה, מיינט דאָס אויך אַז מ'דאַרף טרעפן אַ דירה פאַר'ן פּאָרפאָלק אָדער אַ גרעסערע דירה פאַר די פאַרגרעסערטע משפחה בליעה"ר.

און אויב קוקט מען מיט אַזאַ בליק איז נישט דאָ קיין תירוץ "סופליי ענד דעמענד" אָדער "ריעל עסטעיט מאַרקעט", דעמאָלס פאַרשטייט יעדער אַז דאָס איז נישט קיין פּלאַץ פאַר עשירות און צו מאַכן ביזנעס. עס מיינט קיינער נישט אַז די אַלע פאַרמישטע אין אַ דעוועלאָפּמענט דאַרפן אַרבייטן לשם מצוה, אָבער פון דאָרט ביז אויסנוצן דעם מצב צום מאַקסימום און אַרויסשלעפּן פון אַ אינגען פּאָרפאָלק אָדער זייערע עלטערן דאָס ביסל אויסגעהאָרעוועטע געלט אויף דירה-געלט, איז זייער אַ ווייטער גאַנג, און עס איז שווער צו באַרעכטיגן אונטער סיי וועלכע אומשטענדן.

"למען נחדל מעושק ידינו" מיינט נישט אַז מיר בעטן אַז דער אייבערשטער זאָל אונז היטן פון מאַכן אַ "האָלד-אָפּ" און באַראַבעווען אַ שכן, מיר האָבן ב"ה נישט קיינער קיין יצר הרע אַריינצוגיין אין געשעפטן און אָנפולן די טעשער פון די פּאָליצעס אומבאַצאָלט, קרית יואל באַשטייט ב"ה פון לויטער ערליכע חסיד'ישע אידן, מדקדקים בקלה כבחמורה, וואָס אויף דעם קען יעדער עדות זאָגן. אלא וואָדען? מיר בעטן איין זאַך: מיר זאָלן נישט ווערן פאַרבלענדט פונעם יצר הרע ווען ער באַרעכטיגט בק"ן טעמים, צו נעמען געלט וואָס קומט זיך אונז אויפ'ן "אַמעריקאַנער" ביזנעס-שטייגער, מיר זאָלן נישט האָבן דעם נסיון אויסצופּרעסן אויסגעהאָרעוועטע געלטער, אָדער זיין פאַרמישט דערין אויף סיי וועלכן וועג, און אויף דעם דאַרף מען אַסאַך סייעתא דשמיא, און מיר זענען מתפלל דערויף אין די הייליגסטע מאָמענטן פונעם יאָר.

עס דאַרף זיך יעדער מאַכן אַ חשבון הנפש בינו לבין קונו: וויל איך נתעשר ווערן אויפ'ן חשבון פונעם אָרימען ציבור? בין איך גרייט אַז מענטשן זאָלן אויף מיר טראָגן אַ שווער הארץ פאר אַפאר דאָלאַר? און אויב מ'וועט דאָס האַלטן פאַר די אויגן מיט אַן אמת, קען מען מצליח זיין צו באַלאַנסירן די דירות פּרייזן אַז עס זאָל נישט אַרויסגיין פון קאָנטראָל, אַזוי ווי מיר זענען עדות די לעצטערע צייטן.

לאָמיר אַלע האָפן און מתפלל זיין אויפ'ן ריכטיגן הרחבת הדעת, ווען מיר וועלן אַרויפגיין לציון ברנה, און אויף אַ ברייטן פאַרנעם קענען דינען השי"ת, ווען עס וועט מקוים ווערן די אַזויפיל מאָל גע'חזר'טע תפלה אין די טעג פון "וקרב פזורנו מבין הגוים", און ביזדערווייל זאָלן מיר אַלע געבענטשט ווערן מיט ישועות בכלליות ובפרטיות, מיט אַ פריילכן יו"ט און אַ שמחת תמיד.

## לייט ארטיקל

(פאַרזעצונג פון זייט 7)

פאַרלייגט זיך דייקא אויף די הייליגסטע פלעצער, און ממילא האָט טאַקע אויסגעפעלט אַ נס אַז דער שטן זאָל נישט האָבן קיין שליטה אויפ'ן כה"ג אום יום הקדוש.

די גמרא דערציילט לגבי ניסוך המים אַז מ'האָט דאָס טאַקע געזען בחוש, ווען איינמאָל איז געלונגען פאר אַ כהן וואָס איז געווען פאַרכאַפּט אין מינות און ער האָט שטילערהייט אָנגעהערט צו די צדוקים סעקטע, צו באַהאַלטן זיין ריכטיגע אידענטיטעט און ער האָט זיך דערשלאָגן נישט ווייניגער ווי דאָס נאָר אַז ער זאָל זיין דער כהן וואָס זאָל מנסך זיין די מים אויפ'ן מזבח במעמד כל קהל ישראל. און פאַרוואָס האָט אים דאָס אויסגעפעלט, ווייל ער האָט טאַקע געהאַט אַ מחשבה אַז ווען עס וועט קומען דערצו וועט ער נישט גיסן דאָס וואַסער אין די באַשטימטע "שיתין", די לעכער וואָס זענען געווען אונטער'ן מזבח נאָך פון ששת ימי בראשית, נאָר ער וועט עס פשוט אויסגיסן. איר הערט אַ חוצפה?

דערציילט די גמרא ווייטער אַז ווען עס איז געקומען צום מעמד ניסוך המים, נאָך אַגאַנצער נאַכט פון שמחת בית השואבה, האָבן די ערליכע כהנים אויסגערופן צום כהן המנסך "הגבה ידיך", הייב אויף די האַנט און גיס פון דער הייעך; זאָל יעדער זען אַז מ'טוט די מצוה בשלימות, און פאָרנט פון זייערע אויגן עפנט זיך אַ סצענע פון אַ פאַררעטער וואָס גיסט דאָס וואַסער אויף זיינע פיס. בליץ שנעל האָט דער גאַנצער עולם, ווי אין אַ אָפגעשמועסטן אַקט, געכאַפּט די אתרוגים וואָס מ'האָט געהאַלטן אין די הענט, "ורגמוהו כל העם באתרוגיהם" (יומא כו ב) – מ'האָט דעם כהן באַוואָרפן מיט אתרוגים אין פראָטעסט, און מיט בזיונות אים פאַרשיקט פונעם מזבח.

ווען מיר טוען די טעג פייערן די נעכט מיט "שמחת בית השואבה", מען איז מקיים דעם "ושמחת בחגיך" בתפים ובמחולות, און מ'דאַנקט דעם הייליגן באַשעפער "שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה" אַז מיר קענען נאָכאַמאָל זיך פרייען מיט'ן הייליגן יום טוב, דאַרף מען אָבער אויך געדענקען אַז דאָס טוט אויך אָפּצייכענען אַ שמחה אויף אונזער גאַנצער קיום. מיר דאַנקן דעם אייבירשטן אַז אידישקייט וואַקסט און בליעט; די תורה הקדושה איז נצחיות און דאָס הייליגע אידישע פאָלק איז אומבאַזיגבאַר!

נישט קיין קרייצציגלער אין זייערע תקופות, נישט די אינקוויזיטארן אין שפּאַניע אָדער די ווילדע פּאָגראָמען אין אוקריינא, און אפילו נישט די באַרבאַרישע נאַצישע נעגל ימ"ש וועלכע האָבן פאַרברענט זעקס מיליאָן אידישע קדושים הי"ד מיט די גרעסטע מיתות משונות ואכזריות, האָבן באַוויזן אויסצורייסן אונזער הייליג פאָלק! דאָ שטייען מיר באַלד צוויי טויזנט יאָר נאָכן ביטערן חורבן בית המקדש, און אידישקייט בליעט אין אַלע צענטערן; חסיד'ישע אידן מיט שיך-און-זאָקן טאַנצן באבוקות של אור, מיט אַ פייערדיגן ברען פאַר'ן לעבעדיגן באַשעפער. עס רייסט זיך אַרויס די געפילן פון שמחה ווען דאָס נצחיות פון כלל ישראל שיינט מיט די שענסטע קאָלירן – אשרינו מה טוב חלקינו!

אויף אַ מער פערזענליכער פאַרנעם ברויכן מיר די זעלבע צייט דאַנקן דעם אייבירשטן אויפ'ן עקזיסטענץ פון אונזער הייליג שטעטל, אַזויווי רבינו הקדוש האָט געלערענט מיט אונז דעם "הבוחר בירושלים". מיר ברויכן געדענקען אַז אַזאַ אָפּגעזונדערטע שטעטל איז אַ גירא בעינא דשטנא; דער שטן איז גאָרנישט אַזוי צופרידן דערפון, און אפי' לעצטענס זענען מיר געוואָרן דערמאַנט דערוועגן, ווען עס זענען אויפגעשטאַנען אַזעלכע וואָס זוכן אויפצושטעלן די טריפה'נע קאַסינאָ צענטערן אין די נאָענטע שכנות צו אונזער הייליגער שטאָט, וואָס די קאַסינאָס זענען דאָך כידוע אַ מקור פאַר טומאה וזוהמה אויף גאָר אַ שעדליכן פאַרנעם.

פון איין זייט פרייען מיר זיך אַז נאָך די אַלע פאַרזוכן און פּרואוון מצד די אומפאַרגינער מבחוץ; נאָך די אַלע פּראָוואָקאַציעס פון מהרסים מבפנים, שטייען מיר שוין פערציג יאָר זינט ווען רביה"ק האָט מייסד געווען דאָס הייליג שטעטל, און נישט נאָר מיר שטייען אינעם שטעטל, נאָר דאָס שטעטל איז היינט אַן עיר ואם בישראל; עס וואַקסט און בליעט אויף אַ פאַרנעם למעלה מן המשוער וחוץ לדרך הטבע בליעה"ר, תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק רבינו הגה"ק שליט"אַ דער מרא דאתרא קדישא הדין.

מיר טוען דאָס אָפּצייכענען מיט אַ געהויבענע שמחה, אַז די האָרעוואַניע פון אַ צדיק אמת איז אַ נצחיות, עס גייט אַריבער אַלע פאַראויסשאַצונגען.

אָבער אין די זעלבע צייט זענען מיר מתפלל און מיר בעטן אויף ווייטער, אַז די אַלע נייע שיקאָנירונגען און פּלענער זאָלן ח"ו נישט אַרויסקומען מכח אל הפועל, נישט די אַקטיוויטעטן פון די אַנטי-וואוקס עלעמענטן וועלכע באַדראָען אונזער גשמיות'דיגער עקזיסטענץ, נישט די נידריגע קאַסינאָ פּלענער וועלכע לייגן אונזער רוחניות'דיגער עתיד אין געפאַר. דאָס אַלעס זאָל אוודאי נישט האָבן קיין הצלחה, נאָר פּונקט פאַרקערט, דאָס יאָר וואָס קומט אויף אונז לטובה זאָל ברענגען מיט זיך אַ יאָר פון הרחבת גבולי הקדושה, אַ יאָר פון מנוחה ושלוה און אַ יאָר פון השפעות טובות וברכה מרובה במדה גדושה, און ועל כולם זאָל דאָס יאָר זיין דער "שנה שתולכינו בה קוממיות לארצינו", ומלכינו בראשינו בב"א.

מפעל
בריחי שעריך
שע"י קהל יטב לב דסאטמאר - קרית יואל יצ"ו
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

BRICHEI SHEUROICH | 51 FOREST RD #316-174 | MONROE N.Y 10950 | (845) 492-0780

# דערמאנונג און בקשה!

צו די בעפארשטייענדע חול המועד טעג הבעל"ט, ווען "גאר" א גרויסער ציבור בליעה"ר, מענער און פרויען, פארברענגען מיט די קינדער אינעם הערליכן

# רוח החיים
## קינדער פארק

שפירן מיר פאר וויכטיג צו דערמאנען און בעהטן אלע חשוב'ע איינוואוינער

## זיך צו האלטן צו די באשטימטע פלעצער לויט די קאלירן;

**'בלוי' פאר מענער און גרעסערע יונגלעך**

**און 'רויט' פאר פרויען און גרעסערע מיידלעך**

קלענערע קינדער ביז 5-6 יאר זאלן מיטגיין מיט זייערע עלטערן

**ביטע זיך נישט אפשטעלן און שמועסן צווישן די אפטיילונגען**

אין זכות פון היטן אויף די גדרי הצניעות והקדושה זאלן מיר זוכה זיין צו השראת השכינה און געבענטשט ווערן מיט כל מיני השפעות טובות בגשמיות וברוחניות, עד ביאת גואל צדק בב"א.

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע

**הנהלת "מפעל בריחי שעריך"**







COPY CENTER / 845.783.6179

# מאַיעסטעטישער "רוח החיים קינדער פּאַרק" גרייט זיך אויפצונעמען טויזנטער אײנוואוינער און געסט במשך די חול המועד טעג

**צייכנט אָפּ קאָלאָסאַלן סוקסעס נאָך גאר-געלונגענעם צווייטן זומער-סעזאָן אין דינסט – טויזנטער קרית יואל'ער קינדערלעך דערקוויקן זיך אין אַ הערליכע אַטמאָספערע על טהרת הקודש – פּאַרק געדינט אַלס געלונגענער אויספלוג דעסטינאַציע פאַר מוסדותינו הקדושים און פאַר צענדליגער מוסדות התורה פון גרעיטער ניו יאָרק – פרישע אײנריכטונגען אונטערגענומען געווארן צו אַקאַמאָדירן די ערוואַרטעטע טראַפיק פאַרקער און פאַרקינג געברויך אום חול המועד**

די שטארקע צופרידנהייט מיט וואָס תושבי קרית יואל האָבן זיך אויסגעדריקט איבער'ן העכסט-געלונגענעם צווייטן זומער סעזאָן פונעם מאנומענטאלן "רוח החיים קינדער פּאַרק", איז אַריבער אַלע ערוואַרטונגען.

ווי באַקאַנט איז דער נייער מאַיעסטעטישער "רוח החיים קינדער פּאַרק" אין די גלילות פון קרית יואל, באַנייט געוואָרן אום חוה"מ פסח שנת תשע"ג העעל"ט, ווען הונדערטער קרית יואל'ער משפחות האָבן צום ערשטן מאָל געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצונעמען די קינדער "חול המועד האַלטן" אין גאָר אַן אַנגענעמער אַטמאָספערע, אָפּגעזונדערט פון די דרויסנדיגע גאַס, און אַלעס פריי פון אָפּצאָל, צו די צופרידנהייט פון די טויזנטער קינדער כ"י, וועלכע האָבן געשמאַק פאַרברענגט מיט אַ שמחת יום טוב.

מיטן אָנהייב פונעם היי-יעריגן זומער-סעזאָן, האָט זיך פריש באַנייט דער שוואונג פון באַזוכער אינעם פּאַרק. אַריינקומענדיג במשך דעם זומער אינעם פּאַרק, האָט מען כסדר געזען אַ געווירבל פון הונדערטער קינדער בליעה"ר וועלכע שפּילן זיך דאָרט לעבעדיג און גייסטרייך. דער פּאַרק איז טעגליך געווען אַ צוצואינגס-אָרט פאַר פּילצאָליגע תושבים און אַזוי אויך פון אַלע אידישע געגענטער וועלכע זענען אַהינגעקומען אין די נאָכמיטאָג שטונדן, צו געבן די געלעגנהייט זיך דאָרט צו שפּילן און צו פאַרברענגען אַנגענעמע שעות.

היי יאָר זומער האָט דער פּאַרק ווידער געשפּאָרט שווערע געלטער פאַר'ן ציבור תושבים, און גלייכצייטיג איינגעשפּאָרט הויפּנס מיט רוחניות'דיגע פּראָבלעמען. טאַקע דעם פאַרלאָפענעם חול המועד פסח העעל"ט, ווען דער פּאַרק איז געווען איבערגעפולט מיט יונג און אַלט, האָט מען שווער געקענט רעכענען אפילו מיט אַ סאָפיסטיקירטן קאָמפּיוטער, וויפיל פון די משפחות וואָלטן אַנשטאָט קומען אין רוח החיים געפאָרן אויף ווייטערע מקומות, אפילו ליידער צו אַזעלכע וואָס אין רוח חכמים נוחה הימנה, און אַדאַנק דעם פּאַרק האָבן זיך אידישע קינדער געשפּאָרט שווערע געלטער, און דערצו נאָך געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרברענגען מיט די קינדער אין אַ זעלטן, אויסגעהאַלטענעם פּלאַץ, אויסגעהאַלטן ברוחניות ובגשמיות צוזאַמען.

אַזוי אויך במשך די זומער-וואָכן האָבן נישט אויפהערט אַריינצוקומען טעלפאָן-רופן פון מוסדות התורה והחינוך פון איבער גאַנץ ניו יאָרק און אפילו פון אויסער ניו יאָרק, וועלכע האָבן באַשטעלט די רייע צו קענען קומען מיט די קינדער אויף אַ באַזוך אינעם פּאַרק.

באַזונדער איז דער פּאַרק געווען פאַרנומען אויפצונעמען די באַזוכן פון די תלמידים ותלמידות פון די מוסדות הקדושים דאָהי אין קרית יואל, וועלכע זענען, לויט אַ פון-פריער באַשטימטע רייע, געקומען פאַרברענגען געשמאַק, זיך אויסצולופטערן און געניסן פונעם באַשעפער'ס נאַטור, על טהרת הקודש, שעפּנדיג פרישע כוחות צו קענען ווייטער פאָרזעצן מיט די לימודים און סדר היום.

דער געטרייער פּאַרק-מענעדזשער האברך החשוב מוה"ר טובי' ליפּא סעגעדין הי"ו האָט אַריינגעלייגט געוואַלדיגע כוחות צופרידנצושטעלן יעדן איינעם, און כמעט טאָג-טעגליך איז דער פּאַרק אַרויסגעדינגען אין די פאַרמיטאָג און מיטאָג שעות סיי דורך די מוסדות פון דאהי און סיי דורך אויסשטאָטישע מוסדות — איינטיילנדיג די שעות און באַזוכן אין דריי באַזונדערע "סלאָטס", ווען יעדע "סלאָט" אַנהאַלט אין זיך אַ סך הכל פון אַ שעה און אַהאַלב — וואו די תלמידים אָדער תלמידות האָבן פאַרברענגט מיט גרויס הנאה.

עס לאָזט זיך גאָרנישט באשרייבן די געפילן וואָס עס האָבן געהערשט ביי די פאַרשידענע מנהלים און מחנכים וועלכע האָבן באַגלייט די אויספלוגן. זיי האָבן זיך נישט געקענט גענוג באַדאַנקען פאַר די חשוב'ע הנהלת הקריה און רוח החיים און פאַר די שטאָט קרית יואל, נאָכן באַוויזן צוצושטעלן פאַר זייערע קינדער אַן אויספלוג אין אַזאַ אויסנאַמס שיינעם פּאַרק, ברוחניות ובגשמיות, ולעומתם ברוך יאמרו, די הנהלה האָט דאָס געשפּירט פאַר אַ זכי' אַז צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער האָבן געקענט געניסן פונעם פּאַרק, וואָס האָט נאָר געקענט צושטאַנד קומען בכוחם ובזכותם של רבותינו הקדושים זי"ע, וואָס איז זיכער לנחת רוח פאַר זיי בגנזי מרומים.

## ספּעציעלע אָנווייזונגען צו די חול המועד טעג

אין בעפאָרברייטונג צו די חול המועד טעג פון הייניגן יום טוב סוכות תשע"ה, ווען דער פּאַרק ווערט אויטאָמאַטיש פאַרפלייצט על כל גדותיו מיט טויזנטער משפחות פון דאָהי און אויך פון דערווייטנס, האָט די פּאַרק מענעדזשמעט געמאָלדן אַז היי יאָר זענען צוגעלייגט געוואָרן עטליכע צענדליג פרישע פּאַרקינג ערטער, עטוואָס צו לינדערן דעם שווערן מאַנגל אין פּאַרקינג און די שטאַרקע אָנגעלייגטקייט אין אַזעלכע פאַרנומענע זמנים ווען דער פּאַרק איז פול מיט באַזוכער.

אַזוי אויך, ווי אין די פאַרגאַנגענע חול המועד טעג, וועט דער ווילידזש צושטעלן אַ "שאָטל סערוויס" פריי-פון-אָפּצאָל, וואו באָסעס וועלן קורסירן יעדע פופצן מינוט — פון 12:00 מיטאָג ביז 6:30 פאַרנאַכטס — פונעם "פּאַרק ענד רייד" צום "רוח החיים פּאַרק", און אַזוי אויך צוריק. דערביי טוט די "רוח החיים" מענעדזשמענט שטאַרק בעטן פונעם ברייטן ציבור אַז ווער עס קען זאָל פאַרקירן די קאַר אינעם "פּאַרק ענד רייד", און נוצן דעם שאָטל צום פּאַרק, כדי צו מינימיזירן דעם שטאַרק אָנגעלייגטן טראַפיק אויף לאַרקין ראָוד אַרום דעם פּאַרק און אַזוי אויך אינעם עצם פּאַרק, ווען די 150 פּאַרקינג פלעצער ווערן שנעל אָנגעפולט און ס'זייער שווער צו טרעפן אַ פּאַרקינג.

אַזוי אויך בעט מען פון די וועלכע קומען יאָ מיט זייערע קאַרס ביז'ן פּאַרק, זאָלן זיך האַלטן צו די אָנווייזונגען און נאָר פּאַרקירן ביי די דעזיגנירטע ערטער און נישט אויף קיין שום אַנדערע פּלאַץ. זיך צו פּאַרקירן אויף סיי וועלכע אַנדערע זייטיגן אָרט, שטערט שטאַרק פאַר'ן ספּעציעלן באָס-שאָטל און פאַר די צענדליגער טעקסיס אַריין און אַרויס פון-און-צום פּאַרק, צוליב וואָס עס ווערט אַ שטאַרקע אָנגעלייגטקייט אויף ביידע זייטן פונעם ראָוד, אַריין און אַרויס פונעם פּאַרק און מאַכט אָן אַ גאָר שווערן טראַפיק פאַר'ן גאַנצן אַרום.

דער ווילעדזש פּובליק סעיפטי וועט זיין אָנוועזנד אויפ'ן פּלאַץ צו קאָנטראָלירן דעם טראַפיק און פּאַרקינג, און מ'בעט זייער שטאַרק אַז מ'זאָל זיך האַלטן צו די אָנווייזונגען און נישט חלילה פאַראורזאַכן אַ חילול ה' און עגמת נפש פאַר די פילע הונדערטער באַזוכער. אַזוי אויך וועט מען זיך קענען מעלדן צו די "פּובליק סעיפטי" פאַר סיי וועלכע הילף אָדער עמוירדזשענסי.

גלייכצייטיג וויל מען נאָכאַמאָל קומען מיט אַ ביטע צום ציבור, באַזוכער, אַז מ'זאָל זען זיך צו האַלטן צו די אָנגעגעבענע פאָרשריפטן וואָס הענגט ביים אַריינגאַנג צום פּאַרק, ובפרט אַז די קינדער זאָלן קומען אין פּאַרק נאָר אונטער אַן אחריות'דיגן ערוואַקסענעם אויפזוכט וואָס זאָל האַלטן אַן עינא פקיחא אויף די קינדער אַגאַנצע צייט און נישט לאָזן אויף הפקר, כדי מ'זאָל נישט דאַרפן נעמען שטרענגען שריט צו פאַרמיידן אומאײנגענעמליכקייטן, וד"ל.

גלייכצייטיג גיבט די פּאַרק מענעדזשמענט איבער אַז אויך אויף היי יאָר האָט מען צוגעשטעלט אַ ספּעציעלע סוכה אויפ'ן פּלאַץ, וואו מ'וועט זיך קענען אַראָפּזעצן, מאַכן אַ ברכה און איבערבייסן, זיך איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ אין די שעה'ן וואס מ'טוט דארט פארברענגען.

ווי פאַרשטענדליך איז געוויס איבריג אַרויסצוברענגען דאָס נחיצות פון האַלטן דאָס פּלאַץ ריין און זויבער. אויב נעמט מען מיט איבערבייס, איז וויכטיג זיך אַליינס נאָכצורוימען, אַ זאַך וואָס איז נישט מער ווי תורה'דיג און מענטשליך.

פאַר סיי וועלכע איינגעלעגנהייט איבער'ן פּאַרק, ווי השבת אבידה, קאָמענטאַרן א.א.וו. קענט איר אַריינרופן צו ספּעציעלן "רוח החיים" נומער אויף: .774-PARK (7275) אַזוי אויך, אויב ס'מאַכט זיך אַ שווערער וועטער, איז כדאי אַריינצורופן זיכער צו מאַכן די שעות פונעם פּאַרק.

## צניעות אָנווייזונגען

צום איצטיגן חול המועד, האָבן די חשוב'ע עסקנים פון "מפעל בריחי שעריך" שע"י קהל יטב לב זיך אַריינגעלייגט אין די אַרבעט, צו פאַרזיכערן בעזהשי"ת אַז דער פּאַרק ווערט געפירט מיט די פולקאָמע צניעות'דיגע אָנווייזונגען וואָס פּאַסט זיך פאַר אַ פּאַרק וואָס דינט די תושבים פון אַזאַ הייליגע שטאָט ווי קרית יואל.



די חשוב'ע עסקנים האָבן נאכאמאל געלאָזט אָפּדרוקן ספּעציעלע קאַרטלעך וואָס ליגט אַוועקגעשטעלט אינעם פּאַרק, אויף וועלכן עס ווערט אויסגעדרוקט די בקשה פון די חשוב'ע איינוואוינער און פּאַרק-באַזוכער, אַז די מענער און די פרויען זאָלן זיך האַלטן צו זייער באַשטימטע זייט אינעם פּאַרק, דייקא אויף די זייט וואו די ריידס און שפּילצייגן זענען צוגעשטעלט לויט די קאָלירן.

באַזונדער ווערט אויף די מודעה געבעטן, אַז אין פאַל מ'זעט אינעם פּאַרק אַזעלכע וואָס מאיזה סיבה שהוא האַלטן זיי זיך נישט צו די צניעות-פאַראָרדענונגען, זאָל מען זיי צושיקן אַ קארטל מיט אַ קינד אַז זיי זאָלן זיך רעכענען מיט די געפילן פון די תושבים פאַר וועמען דער פּאַרק איז געבויט געוואָרן, און זיך צו האַלטן נאָר צו די באַזונדערע 'מענער' און 'פרויען' זייטן.

עס קען זיך אַמאָל מאַכן אַז מאַנכע פאַרגעסן זיך פון די אָנווייזונגען, ובפרט נאָך ווען דער פּאַרק ווערט אויך באַנוצט דורך פרעמדע באַזוכער, אידן פון אַנדערע מקומות וועלכע געבן פאַר די קינדער אַ ספּעציעלע אויספלוג און קומען צו פאָרן קיין קרית יואל צו באַזוכן אינעם רוח החיים פּאַרק, וואָס דאַן מאַכט זיך יאָ אַז צוליב אומוויסנהייט וכדומה האַלט מען זיך נישט צו די גרעניצן, און עס איז זייער וויכטיג אַז די תושבים און באַזוכער וועלכע באַמערקן סיי וועלכע אַזאַ פאַרלעצונג, זאָלן מקיים זיין דעם ולא יבוש, און מ'זאָל שיקן אַ קינד איבערגעבן אַ קאַרטל, צו בעטן מיט שיינעם אַז מ'זאָל רעספּעקטירן דעם ווילן פון די תושבים פאר וועמען דער פּאַרק איז געבויט געוואָרן, און מ'זאָל זיך האַלטן צו די צניעות'דיגע אָנווייזונגען.

*

עס איז צום ערוואַרטן אַז די הונדערטער משפחות וועלכע וועלן מקיים זיין דעם ושמחת בחגיך אין די ראַמען פונעם דעם רוח החיים פּאַרק, זאָלן נהנה זיין פון אַ געשמאַקן פאַרברענג און האָבן אַ ריכטיגן שמחת יום טוב בגשמיות וברוחניות.

# אומערמידליכע באַמיאונגען נאָכצוקומען סאַניטאַציע געברויך אין ערב סוכות סעזאָן, נאָך טעכנישע פּראָבלעמען ביי 2 טראָקס

פארגאנגענע וואך איז אַנטשטאַנען א שטיקל קריזיס אינערהאלב די קרית יואל סאניטאציע דעפארטמענט, ווען צוויי טראקס זענען פלוצים געבליבן געשטראנדעט אינדערמיט פון זייערע העפטיגע אַרבעט-שטונדן.

די טראקס זענען א טייל פון דער פלאטע אין דער סאניטאציע דעפארטמענט און האבן רעגלמעסיג יעדע נאכט צאמגעקליבן די מיסט פון איבער'ן שטעטל, יעדע איינע אויף א געוויסע טייל אין שטאט. פארגאנגענע וואך איז איין טראק שטעקן געבליבן און נישט געקענט ווייטער פאָרזעצן מיט די אַרבעט; א נאכט דערנאך האט דאס פאסירט מיט א צווייטע טראַק, ווען אין דער צייט איז געוואַקסן די הויפנס מיסט אין אלע טיילן פון שטאט, ספעציעל בעפאר דעם פאַרנומענעם ערב סוכות טעג ווען די סאניטאציע דעפּאַרטמענט ווערט אָנגעלייגט מיט אַרבעט פילפאכיג מער ווי אלגעמיין.

דער חשוב'ער סאניטאציע מענעדזשער הרה"ח ר' יושע בלומענטאל הי"ו האט גאר שווער געארבעט צו ברענגען דעם געשאפע-נעם מצב אונטער קאנטראל ווען ער האט אריינגעברענגט אין דינסט דעם רעזערוו-טראק וועלכער איז געאייגנט פאר די מאסיווע האַלב-יעריגע "באָלק פיק-אָפּ", און דאס גרייט געמאכט פאר געווענליכן באנוץ. ווי אויך האט ר' יושע צוגעלייגט מערערע שטונדן פאר די סאניטאציע ארבעטער כדי נאכצוקומען דעם געברויך.

אין די טעג ווערן די טראקס אפגעשיקט צו א ספעציעלע מעכאַניק פירמע אין אלבאני וואס וועט האפנטליך אין די נאנטע טעג ערמעגליכן דעם ווייטערדיגן באנוץ פון די טראקס.

# אויפגעבראָכענער עירוב־צוים באַצייטנס פאַרראָכטן אַדאַנק כסדר'דיגע השגחה פון "ועד העירוב"

אַ שווערער מכשול וואָס וואָלט ח"ו געקענט אַפעקטירן די גאַנצע שטאָט, איז ב"ה באַצייטנס פאַרמיטן געוואָרן אַדאַנק דעם וואַכזאַמען אויג מיט וואָס די חברי ועד העירוב זענען כסדר משגיח אויפ'ן עירוב, און אַדאַנק דאָס געטריישאַפט פון אַ שכינות'דיגן איינוואוינער, וועלכער האָט אַריינגערופן איבערצוגעבן אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ מערקווירדיגער פראָבלעם אינעם צוים וואָס איז ב"ה באַצייטנס פאַרראָכטן געוואָרן.

מיט אַ צייט צוריק האָט אַן איינוואוינער אין איינס פון די געגנטער אין די שטאָט, באַשלאָסן צו עפענען אַ צייטווייליגן וועג (שאָרקאָט) כדי צו פאַרגרינגערן פאַר זיך און פאַר די שכנים אַרום אָנצוקומען צו געוויסע דעסטינאַציעס אַרום זייער וואוינאָרט. עס איז אָבער אַזוי אויסגעקומען, אַז דער "שאָרקאָט" האָט געדאַרפט דורכהאַקן דעם עירוב-צוים מיט וואָס די גאַנצע שטאָט איז אַרומגענומען. דער שכן האָט באַשלאָסן צו עפענען דעם צוים אָן דעם וואָס ער זאָל דאָס געהעריג איבערשמועסן מיט די עסקנים פונעם ועד העירוב, אַלעס מיט אַ גוטע כוונה זייענדיג זיכער אַז ער וועט אַליינס האַלטן אַ געניטן אויג צו פאַרמיידן פון מכשולות און די עפנונג זאָל נישט אַפעקטירן דאָס כשרות פונעם עירוב.

דער צוים איז טאַקע געעפענט געוואָרן, און אין די ערשטע תקופה האָבן די אַרומיגע שכנים נאָך געהאַלטן חשבון זיכער צו מאַכן יעדע וואָך פאַר שבת צוריק-צו-פאַרמאַכן דעם צוים, כדי אַז דער צוים זאָל זיין בשלימות.

דער פראָבלעם האָט זיך אָבער געמאַכט אויף גאַנץ אַן אַנדערן ריכטונג אויף וואָס די שכנים האָבן זיך נישט גערישט... נעמליך די קינדער וואָס וואוינען אַרום האָבן נישט אַזוי אין אַכט גענומען אַז דער צוים ווערט וועכנטליך פאַרזיכטיג פאַרמאַכט אויף שבת, און זיי האָבן נאָר אויפגעפאַסט פון זייער אייגענעם קוק-ווינקל אַז דער צוים איז עפּעס אַן איבריגע זאַך וואָס איז נישט אַזוי וויכטיג אַז עס זאָל בלייבן גאַנץ. די קינדער האָבן אָנגעהויבן אויפצורייסן דעם צוים אויך אויף אַנדערע ערטער דערנעבן, און עס האָט שיעור-נישט געברענגט פאַרשידענע מכשולות וואָס וואָלטן ח"ו געקענט אַרויסקומען.

די געטרייע עסקנים פונעם ועד העירוב האָבן ביי זייערע רעגלמעסיגע באַזוכן צו באַקוקן דעם כשרות פונעם עירוב, אויפגעמערקט ווי ביי יענעם פונקט איז דער צוים שוין עטליכע מאָל אויפגעריסן געוואָרן, און מ'האָט עס עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד פאַרראָכטן און פאַרמאַכט, כדי אַז דער עירוב זאָל זיין כשר וישר.

האָט זיך געמאַכט איין ערב שבת, שוין נאָכדעם וואָס די חברי ועד העירוב האָבן דורכגעפירט די וועכנטליכע אונטערזוכונג, האָט אַ דערנעבנדיגער שכן פריש-באַמערקט ווי דער עירוב איז שוין ווייטער אויפגעריסן. דער שכן האָט געהאַט פאַר די אויגן דעם אחריות פאַר די גאַנצע שטאָט, און האָט גלייך אַריינגערופן אויפ'ן נומער פונעם ועד העירוב, איבערצוגעבן די אַנטוויקלונג.

די עסקנים פונעם ועד העירוב זענען זאָפאָרט אַריבערגעפאָרן צום פּלאַץ, און מ'האָט פאַרראָכטן דעם עירוב בעוד מועד נאָך פאַר שבת, וזכות הרבים תלוי אין דעם געטרייען שכן וועלכער האָט באַצייטענס אַריינגערופן איבערצוגעבן דעם באַריכט.

די עסקנים פונעם ועד העירוב אַרבעטן איבערמידליך דאָס אַלעס נאָכצוגיין אָבער ווי פאַרשטענדליך איז זייער שווער צו האַלטן קאָנטראָל אויף אַזאַ מאַסיוון פאַרנעם ווי עס פאַרלאַנגט זיך, און עס איז נישט קיין שום יושר, נישט מצד ההלכה און נישט מצד מענטשהייט, דורכצופירן ביים עירוב-צוים סיי וועלכע אַרבעט, אָן אַ קלאָרע באַשטעטיגונג פונעם ועד העירוב. דער דערמאַנטער פאַל איז נאָר איינס צווישן עטליכע וואָס האָט שוין פּאַסירט אין די פריערדיגע יאָרן, און נישט איינמאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער צוים איז געשעדיגט געוואָרן דורך אַזעלכע וואָס האָבן זיך איינגערעדט אַז זיי זענען באַהאַוונט אין די הלכות, אין די צייט ווען זיי האָבן ל"ע שיעור נישט צוגעברענגט גרויסע מכשולות פאַר אַלע איינוואוינער אין די שטאָט.

עס איז דעריבער זייער וויכטיג צו געדענקן, אַז סיי ווען אימער מ'וויל עפּעס טון ביים עירוב-צוים זאָל מען דאָס ח"ו נישט טון אויף די אייגענע הענט, נאָר מ'זאָל פון פריער זיך פאַרבינדן מיט די עסקנים פונעם ועד העירוב, אַלעס אויסצושמועסן פּונקטליך, כדי צו קענען זיין זיכער אַז יעדע זאַך וואָס מען טוט איז אויסגעהאַלטן הלכה'דיג און פּראַקטיש, און ברענגט נישט צו קיין עווענטועלע מכשולות ל"ע.

גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:
פארט איר
סיי ווען, סיי וואו,
און איר האט פלאץ?
ביטע רופט:
845-782-5376

# ועד העירוב

## שע"י הנהלת הקריה - קרית יואל יצ"ו

בפיקוח כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א והגאון הדומ"ץ שליט"א

## לידיעת הציבור

**ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן דעם חשוב'ן ציבור אויף די פאלגענדע פונקטן:**

- **דער ועד העירוב טראגט דעם אחריות נאר אויף דעם גרויסן עירוב וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די הנהלת הקריה וואס נעמט ארום גאנץ קרית יואל, מיר נעמען נישט קיין אחריות אויף די כשרות פון די פריוואטע עירובין אויף פארשידענע ערטער ארום דעם שטעטל וואס ווערן באהאפטן צום גרויסן עירוב.**
- היות עס זענען דא פריוואטע עירובין וואס זענען מחובר צום גרויסן ערוב, און עס איז דא אידן וואס טראגן אויף דעם חשבון, דארף מען זייער נזהר זיין און יעדער איינער וואס וויל טראגן דערמיט איז אליין באחריות אז די כשרות פונעם פריוואטן עירוב ווערט כסדר איבערגעקוקט און אז עס איז אונטער איינעמס אחריות, ווייל בעבר האט שוין פאסירט אין געוויסע פעלער צב"ש אום ווינטער ביי א שווערן וועטער, אדער זומער ווען עס איז אנגעגאנגען בוי ארבעט און דער עירוב איז פסול געווארן, און פאר'ן אייגענטומער איז געווען שווער צו פאררעכטן זיין פריוואטן עירוב און ער האט זיך טאקע צוריקגעהאלטן פון טראגן אום שבת, אבער די אנדערע מענטשן וואס טראגן אויף זיין חשבון האבן נישט געוואוסט דערפון. (עס קען זיך אויך מאכען אויב יענער פארט אוועק אויף שבת און קוקט נישט איבער זיין עירוב).
- די אלע איינוואוינער וואס וואוינען ביי די גרעניצן פון דעם עירוב זאלן אכטונג געבן ווען זיי באגעגנען סיי וואספארא זאך ביים עירוב צוים וואס קען שטעלן אין א שאלה דעם כשרות פונעם עירוב, זאלן תיכף ומיד רופן דעם ועד העירוב אויפן נומער : 845-492-3261 (עס דארף באמערקט ווערן אז טראץ וואס די הנהלת הקרי' האט אריינגעלייגט אסאך געלט פאר א שטארקען צוים ארום די גאנצע שטאט וואס האלט זיך פאר לאנגע יארן בעז"ה, דאך קען זיך מאכן אז דער צוים זאל צוליב א סיבה ווערן צובראכן, דעריבער אויב באמערקט מען עפעס זאל מען דאס איינמעלדן פאר'ן ועד).
- **סיי וועלכע קאנסטראקשאן ארבייט עס ווערט אונטערגענומען בשכינות פונם עירוב צוים זאל מען תיכף ומיד איינמעלדן פאר'ן ועד העירוב, מען זאל נישט ווארטן ביז דער צוים ווערט שוין דורכגעבראכן, נאר מען זאל שוין מעלדן בשעת מען מאכט די בוי פלענער, אזוי אויך איז וויכטיג אז ווען דער עירוב צוים ווערט איבערגעבראכן זאל מען נישט ווארטן ביז סוף וואך איינצומעלדן דערוועגן נאר מען זאל גלייך רופן כדי מען זאל עס נאך קענען פארעכטן אויף שבת.**

**ויה"ר אז בזכות שמירת שבת כהלכתו וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה בקרוב בב"א**

מיט שעצונג

**ועד העירוב**

## עירוב־צוים

(פאַרזעצונג פון זייט 2)

נישט על פי הלכה קיין געהעריגער צוים. אָבער אפילו אין פאַל עס איז נאָר אָנגעלייגט אויף איין זייט, קען זיך לייכט מאַכן אַז דער עירוב זאָל האָבן פאַרשידענע שווערע שאלות פון שעדיגונגען וכדומה.

צוליב דעם איז איינגעפירט אַז עטליכע מאָל אין יאָר זענען די געטרייע חברי ועד העירוב פאַרנומען אַרומצופאָרן ביי די אַלע שטחים וואו דער עירוב לויפט דורך נעבן באַוואוינטע געגנטער, און וואו עס איז אָנגעלייגט ווערט דאָס אָפּגערוימט מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט כדי צו זיין זיכער אַז דער עירוב איז אַלץ פולקאָם כשר, אָן קיין פקפוקים.

אין די פאַרגאַנגענע וואָכן האָבן די געטרייע עסקנים, אינאיינעם מיט אַ שטאַב מיטאַרבעטער, דורכגעפירט די אַרבעט מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט. די עסקנים זענען אַרומגעגאַנגען די צוימען אויף אַלע פיר זייטן פון דער שטאָט, און וואו מ'האָט געזען אַז עס איז דאָרט אָנגעלייגט מיט שמוץ, האָט מען דאָס אַוועקגערוימט. דאָס זעלבע האָט מען אָפּגעשניטן ביימעלעך און הויכע אָנגעוואַקסענע גראָזן.

מטעם הנהלת העירוב איז אויסגעדרוקט געוואָרן אַ ספּעציעלער דאַנק פאַר די שכנים פון די געגענטער וועלכע האָבן צוגעהאָלפן צו קענען דורכפירן דעם פּראָצעדור לייכטערהייט, וואָס דאָס טוט איינשפּאָרן פאַר'ן "ועד העירוב" גרויסע סכומים, פון דאַרפן דינגען מיטאַרבעטער אַרויסצוהעלפן מיטן ריייניגונגס פּראָצעדור.

## רוף פון ועד העירוב

ביים איבערגעבן דעם נייעס באַריכט פאַר די רעדאַקציע פון הקרי', האָבן די עסקנים פונעם ועד העירוב אויך געבעטן אויסצונוצן די פּלאַטפאָרמע פון די אויסגאַבע מעורר צו זיין די שכנים וואָס וואוינען נעבן די פּלעצער וואו דער עירוב-צוים לויפט דורך, אַז מ'זאָל דאָס נישט האַלטן פאַר לייכט, און מ'זאָל זען נישט דאָרט אָנצולייגן קיין שום שמוץ און אומנוצבאַרע מאַטריאַל וואָס קען - ווי דערמאַנט - ברענגען עווענטועלע מכשולות פאַר'ן גאַנצן ציבור, וואָס דאָס איז אויסער וואָס ס'איז - ווי פאַרשטענדליך - נישט אויסגעהאַלטן צו נוצן ציבור'שע געלט פאַר'ן פּריוואַטן באַנוץ, וואָס אין פאַל מ'לייגט אָן דעם צוים מיט מיסט, מיינט דאָס אַז ברבוב הימים וועט דער ועד העירוב זיין געצוואונגען אויסצוגעבן גרויסע הוצאות וואָס קומט פונעם ציבור, כדי דאָרט אויפצורייניגן דאָס וואָס פּריוואַטע משפחות וואַרפן דאָרט אָן.

# נאָוועמבער וואַלן

(פאַרזעצונג פון זייט 1)

וואַל-ליניעס. דער ערשטער קאַנדידאַט האָבן זיי אויסגעשטעלט צו לויפן אַלס טאַון-קאָונסילמאַן צו ערפילן דעם ליידיגן זיץ אינעם טאַון באָורד. אַזוי אויך האָבן זיי אַרויפגעשטעלט אַ קאַנדידאַט אויפ'ן סטעיט-אַסעמבלי פּאָזיציע פונעם 98'סטן אַסעמבלי דיסטריקט פון ניו יאָרק וואָס נעמט אַריין מאָנראָ און קרית יואל.

עס איז איבריג אַרויסצוברענגען די וויכטיגקייט אַרויסצוקומען שטימען, וואָס אויב אין אַ געוועגליכן יאָר טראָגט דאָס מיט זיך אַן אחריות פאַר'ן ציבור און פאַר אונזער צוקונפט דורכדעם וואָס מען טוט פאַרשטאַרקערן דעם "בלאַק וואָוט" וואָס האָט שוין באַוויזן אין די פאַרגאַנגענהייט צו זיין אַ שליסל צום עקזיסטענץ פון אונזער הייליגע שטאָט און דער וואַל-כח ווערט געמאָסטן יערליך דורך די פּאָליטישאָנס, סיי אויפ'ן לאָקאַלן שטאַפּל ביז אַרויף צו אָלבאַני און וואַשינגטאָן, און דערמיט דערהערן זיי דעם קלאָרן מעסעדזש אַז תושבי קרית יואל זענען פאַראייניגט און פאַרלאַנגען גלייכבאַרעכטיגונג און יושר — איז אָבער היי-יאָר דער געברויך אַרויסצוקומען שטימען פילפאַכיג, צוליב וואָס די "יונייטעד מאָנראָ" וועלכע האָבן זיך שוין באַרימט געמאַכט מיט זייערע זינלאָזע העצערייען און פאַרפירערישע קאַמפּן קעגן יעדע זאַך וואָס קען העלפן קרית יואל, בהווה ובעתיד. זיי פּרובירן אויסנוצן די היי-יעריגע וואַלן צו צייגן אַז זיי האָבן אַ ברייטע שטיצע אין טאַון און זענען נישט בלויז אַ קליינע גרופּע פון ליידיגייער, וואָס מיר האָבן זיך שוין איבערצייגט אַז זייער פּראָפּאַגאַנדע קען אַרויסברענגען מער טאַון איינוואוינער צו קומען שטימען.

דעריבער איז קריטיש וויכטיג אַז מיר זאָלן אַרויסקומען אין גאָר שטאַרקע ציפערן, וואָס זאָל איבערשרייען די "יונייטעד מאָנראָ" ציפערן, און געבן אַ מעסעדזש אַז מ'קען דורך קעמפערישע מיטלען נישט מצליח זיין אונטערצוברעכן אונזער שטאָט, און אז די שטאָט וואָס רבינו הק' זי"ע האָט אויפגעשטעלט וועט האָבן אַ קיום ביז משיח'ס טאָג!

## צוקונפט פון קרית יואל אויפ'ן וואָגשאָל!

ווער ס'געדענקט נאָך דעם דירות קריזיס וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קרית יואל אין די תש"נ יאָרן צוליב דעם סוער מאראטאריום, גייט ביי אים דורך אַ שוידער נאָר צו טראַכטן אַז דער מצב פון דירות אין קרית יואל, אַנשטאָט וואָס מען זוכט יעצט צו פאַרברייטערן די גבולי הקדושה וואָס זאָל צושטעלן נייע בוי מעגליכקייטן און פאַרלייכטערן דעם מצב, קען עס קומען חלילה צו אַ גענצליכן אָפּשטעל, מיט אַ שרעקעדיגן קריזיס פון אויסנאַמליכע פּראָפּאָרצן, אויב זאָל געלונגען פאַר אָט די "אַנטי-וואוקס" עלעמענטן צו באַקומען אַ כח.

און צו גיין נאָך אַ שריט ווייטער, וואָס איז שווער אַרויסצוברענגען אויף פּאַפּיר אָבער איז אַ פּשוט'ער מציאות. נישט אַזוי לאַנג צוריק איז פאָרגעקומען אַ שיעור-קריזיס אין קרית יואל, ווען די העצער צווישן די שכנים האָבן אָנגעהויבן פאַרקאָכן אַ קאַשע אַז די קאַונטי סאָשעל סערוויסעס דעפּאַרטמענט זאָל חלילה אָנהייבן רודפ'ן אומשולדיגע קרית יואל'ער משפחות וועלכע ברויכן צוקומען צו רעגירונג'ס הילף, מיט פרעכע און געמיינע אַנטיסעמיטישע בלבולים קעגן טויזנטער קרית יואל'ער קינדער-געבענטשטע פאַמיליעס.

תהלה לקל יתברך אַז בשעתו איז פאַר די הנהלת הקרי' געלונגען צו פאַרשטילן די געמיינע בלבולים און אָפּשטעלן די שמוץ-זוכעריי וואָס די יעניגע עלעמענטן האָבן געוואָלט חלילה אַרויפשליידערן אויף קרית יואל, אָבער די שנאה פון יענע עלעמענטן האָט קיינמאָל נישט אויסגעוועפּט, און טאַקע די "יונייטעד מאָנראָ" אַקטיוויסטן און זייערע געציילטע שטיצער אין די קאַונטי רעגירונג (פון די וואס פאַרטרעטן אַנדערע געגנטער) שטייען אין שפּיץ פון די וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו פאַרפירן ביז'ן היינטיגן טאָג אַז די רעגירונג מוז זיך נעמען שטאַרק רודפ'ן יעדן קרית יואל'ער איינוואוינער, מיט זינלאָזע אינוועסטיגעישאנס און לעגאַלע רדיפות, הי' לא תהי'.

מ'קען זיך אַליינס פאָרשטעלן ווי שעדליך עס קען זיך אַרויסשטעלן דער פאַקט אַז אַזאַ געמיינער עלעמענט זאָל באַקומען חיזוק דורכ'ן געווינען פּאָזיציעס, און ווער רעדט נאָך אויב עס געלונגט זיי אַריינצוברענגען אַזאַ אַנטי-קרית יואל קאַנדידאַט אין אָלבאַני, אָדער אפי' נאָר אָנציען גרעסערע ציפערן אין די וואַלן. דאָס קען ח"ו אויפלעבן די טענות און געבן אַ פרישע דאָזע פון ענערגיע ווייטער צו העצן די סאָשעל סערוויסעס אָפיס פון די קאַונטי, מיט'ן כח זיך צו נעמען אויספירן זייערע רשעות'דיגע פּלענער ה"י.

עס איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדליך אַז יעדער קרית יואל'ער איינוואוינער וועט טון אַלעס וואָס נאָר מעגליך צו פאַרזיכערן אַז יעדע איינציגע שטימע ווערט אַרויסגעברענגט צו די שטים-בודקע קומענדיגן נאָוועמבער לטובת די טויזנטער איינוואוינער כ"י, ווייל יעדע שטימע קען דעצידירן דעם אויסגאַנג פון די וואַלן. יעדע איינציגע שטימע קען ווירקן און אַראָפּוועגן דעם וואָגשאָל צי קרית יואל גייט פאָראויס אָדער ריקווערטס חלילה.

## פאַרגאַנגענע פריימערי-פאַרמעסט דעצידירט דורך קרית יואל'ער שטימען

אויב דאַרפן תושבי קרית יואל נאָך איבערצייגט אין די וויכטיגקייט פון "יעדע איינציגע שטימע", וועט זיין גענוג בלויז צו דערמאַנען די רעזולטאַטן פון די פאַרגאַנגענע "פריימערי וואַלן" , ווען מ'האָט געזען אַז אַלע לאָקאַלע פאַרמעסטן זענען אַנטשידן געוואָרן אין גאָר אַ שמאָלן אויסגאַנג, וואָס האָט אויטאָמאַטיש אַרויסגעברענגט אַז אַ דאַנק דעם כח פון די "קרית יואל בלאַק וואָוט" האָבן כמעט אלע אנ"ש-געשטיצטע קאַנדידאַטן געווינען די וואַלן.

די הויפּט פאַרמעסט איז געווען פאַר'ן ליידיגן אַסעמבלי זיץ פונעם 98'סטען דיסטריקט, וואָס איז ליידיג געוואָרן ווען אַסעמבליפרוי רעביט איז ערוועלט געווארן צו די פּאָזיציע פון "אָראַנדזש קאַונטי קלורק" פאַרגאַנגענעם יאַנואַר, וואָס אויף דעם זיץ וועט פאָרקומען אַן אָפיציעלער וואַל-פאַרמעסט אין די יעצטיגע נאָוועמבער וואַלן. דער 98'סטער אַסעמבלי דיסטריקט ציעט זיך איבער חלקים פון אָראַנדזש קאַונטי וואָס נעמט אַריין אויך קרית יואל, און דער דיסטריקט גייט אַריין אין די טאַון אָוו ראַמאַפּאָ אין ראַקלענד קאַונטי וואָס נעמט אַריין א חלק פונעם היימישן געגענט אין מאָנסי און אַרום.

אין די פריימערי-וואַלן האָבן זיך פאַרמאָסטן זיבן קאַנדידאַטן, דריי אויף די דעמאָקראַטישע זייט און פיר קאַנדידאַטן אויפ'ן רעפּובליקאַנער טיקעט, וועלכע האָבן געזוכט צו באַקומען די נאָמינאַציע צו קענען לויפן אין די נאָוועמבער וואַלן. אויפ'ן רעפּובליקאַנער זייט האָט אנ"ש אינדאָרסירט מר. קאַרל בראַבענעק וועלכער האָט ביז יעצט געדינט אַלס טאַון סופּערווייזער אין דיער-פּאַרק. בראַבענעק האָט אויך ערהאַלטן די אָפיציעלע שטיצע פון די פּאַרטיי, ווען זיין הויפּט קעגנער איז געווען דען קעסטריקאון פון טאקסידא, אַ געוועזענער קאַונטי לעגיסלאַטור.

קעסטריקאון האָט באשלאסן צו קריכן אויפ'ן פּאָליטישן לייטער דורכ'ן שלאָגן קאַפּיטאַל מיט די אָנגייענדע "אַנעקסעישאָן פּראָצעדור" אין וועלכן




קרית יואל איז יעצט פאַרוויקלט, ווען ער האָט זיך אָפיציעל אַרויסגעשטעלט אַלס קעמפער פון די אַנעקסעישאָן און דערמיט האָט ער ערהאַלטן די שטיצע פון די אויסגעשפּראָכענע "יונייטעד מאָנראָ" אַקטיוויסטן, וועלכע האָבן אָנגעוואָנדן אַלע מיטלען אַרויסצושלעפּן אַ מאַקסימום רעפּובליקאַנער וויילער אין די דינסטאָג וואַלן. דער זעלבער קעסטריקאון נאָכן פאַרלירן די אָפיציעלע רעפּובליקאַנער נאָמינאַציע אין די פריימערי וואַלן, וועט יעצט נאך אלס זיין דער אַסעמבלימאַן קאַנדידאַט אויפ'ן "יונייטעד מאָנראָ" ליניע.

אין אַ געוועגליכע פריימערי פאַרמעסט פעלט זיך נישט אַלעמאָל אויס אַרויסצוברענגען אַ גרויסע צאָל וויילער, ווען מיינסטענס פּאַרטיי מיטגלידער גייען מיט מיט די פּאַרטיי'ס קאַנדידאַט, אָבער וויבאַלד דאָסמאָל האָט די "יונייטעד מאָנראָ" אַנגאַזשירט אַ גרעסערע צאָל וויילער זאָלן אַרויסקומען צו שטימען פאַר'ן קעגנער, האָט אנ"ש יאָ אָנגעוואָנדן מיטלען אַז אַ גרעסערע צאָל וויילער זאָלן זיך אָנשטרענגען אַרויסצוקומען אָפּצוגעבן די שטימע.

ווי געזאָגט האָט זיך אָט דאָס אַרויסגעשטעלט צו זיין דער אינטערשיד, און נאָר אַ דאַנק די עקסטערע שטופּ פאָראויס האָט טאַקע בראַבענעק אָפּגעהאַלטן אַ זיג. און אַזוי אויך אין די אַנדערע פריימערי פאַרמעסטן האָט מען זיך ווידעראַמאָל איבערצייגט ווי יעדע איינציגע שטימע ציילט און העלפט אַרויס צום ענדגילטיגן אויסגאַנג. דאָס האָט נאָכאַמאָל געוויזן די סיעתא דשמיא פון קרית יואל, ווען פון הימל לאָזט מען אונז נישט פאַלן, דורכדעם וואָס מיט אַ פאַראייניגטן כח הרבים טוען מיר די השתדלות און מ'שטרענגט זיך אָן אַרויסצוגיין די עטליכע מינוטן, און די רעזולטאַטן שפּעטיגן ב"ה נישט צו קומען ווען עס קומט אָפּצוציילן די וואַלן.

## דער "וואַל אינספּעקטאָר" קאַמף פון "יונייטעד מאָנראָ"

אין אַנדערע וואַל-נייעס אין קרית יואל, שפּילט זיך די טעג אָפּ אַ העפטיגער קאַמף פון די דערמאַנטע העצערישע "יונייטעד מאָנראָ" גרופּע, צו קענען אַריינשטעלן זייערע "וואַל-אינספּעקטאָרס" ביי די וואַלן דאָ אין קרית יואל, אונטער זייער אַלטע פאַלשע באַשולדיגונגען איבער מאַסיווע וואַל פעלשונגען. אָנגעהויבן די סומאַטאָכע האט זיך עס ווען די דערמאַנטע העצערישע "יונייטעד מאָנראָ" גרופּע האָט פּרובירט אָנצודרייען ביי די קאַונטי "באָורד אָוו עלעקשאָנס" אַז זיי זאָלן ווערן ערלויבט צו דינען דאָ אין קרית יואל אַלס "וואַל אינספּעקטאָרס", ביי די פאַרגאַנגענע פריימערי וואַלן, מיט פאַרשידענע פאַלשע באַשולדיגונגען איבער וואַל מיסברויכן, (עס דארף ווערן אונטערגעשטראכן אז די רעדע איז נישט פון "פאול-וואטשערס" וואס קענען לעגאל בלויז זיצן אין די זייט און צוקוקן דעם וואל פראצעדור, און שטעלן פראגעס קענען זיי בלויז צו די "וואַל-אינספּעקטאָרס" און טארן נישט באמוטשען דעם וויילער זעלבסט מיט קיין שום פראגעס, וואס דאס טוען זיי שוין היינט אויך, נאר זיי פרובירן איבערצונעמען די אינספעקטאר פאזיציעס) .

זיי האָבן דאָס געמאַכט פאַר אַ שטאַרקע פּריאַריטעט אויסנוצנדיג יעדע סאָרט דרוק אויסצואיבן ביי די וואַל קאָמישענערס פון די קאַונטי אַז זיי זאָלן שטעלן די "יונייטעד מאָנראָ" פאָרשטייער צו באַאָבאַכטן די היזיגע וואַלן, וואָס וואָלט אויטאָמאַטיש באַדייט אַז זיי זאָלן דאָ אָנזייען שרעק און אַ פּאַניק, ביים "טשעלענדשען" פרידליכע וויילער, אַ זאַך וואָס קען בשום אופן נישט ערלויבט ווערן; נישט יושר'דיג און נישט געזעצליך.

קרית יואל האָט זיך באַלד קעגנגשטעלט אַזאַ געדאַנק, אָנצייגנדיג אַז די בלבולים זענעם פאַלש און פאַרפירעריש, ווען אַלע פאַרגאַנגענע פּרואוון אויפצואווייזן אַז דאָ קומען פאָר וואַל פעלשערייען האָט זיך נאָך אַלעמאָל אַרויסגעשטעלט אַלס אַ דורכפאַל. פּונקט פאַרקערט — האָט קרית יואל גע'טענה'ט — מיר פאַרמאָגן אַ היסטאָריע פון פרידליכע און שטילע וואַל טעג, וואָס אויב זאָלן די פאַרפירער ערלויבט ווערן צו דינען דאָ אַלס אינספּעקטאָרס, וועלן זיי זיין די וועלכע וועלן שטערן די אָרדענונג און דעריבער פאַרלאַנגט זיך פון די קאַונטי דאָס נישט צו דערלויבן.

אַפּאָר טאָג איידער די פריימערי וואַלן האָבן די קאַונטי עלעקשאן קאָמישאָנערס אַרויסגעגעבן זייער ענדגילטיגער באַשלוס נישט נאָכצוגעבן פאַר "יונייטעד מאָנראָ" און לאָזן אַז דער וואַל פּראָצעדור

(פאַרזעצונג אויף זייט 37)

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


**-סאניטעישאן דעפארטמענט-**

# <u>וויכטיגע מעלדונג</u>

די קומענדיגע האלב-יעריגע

# באָלק פיק-אָפ

וועט פארקומען בעז"ה

# פון דינסטאָג Oct. 28

# ביז מיטוואָך Nov. 5

במשך די טעג קענט איר ארויסלייגן אלע אייערע Bulk Items
און די סאניטאציע דעפארטמענט וועט דאס אוועקנעמען

וי אין די פארגאנגענהייט וועט די היי-יעריגע "באלק פיק-אפ" זיין איינגעטיילט אין צוויי:
**געווענליכע באלק:** וועט מען אויפנעמען צוזאמען מיט די רעגולער גארבידזש רוט
**מעטאלענע זאכן:** וועט מען אויפנעמען עקסטער (נישט צוזאמען מיט די געווענליכע באלק)

<u>ביטע נעמט אין אכט!</u> די באלק פיק-אפ נעמט אריין נאר שטוב חפצים, וצב"ש: אויוון, קאוטש, בענקלעך אד"ג פאר בוי מאטריאל, ווי שידראק, גרעסערע העלצער וכדו', וועט ארויפגיין א 'טשארדזש' אויפ'ן סאניטעישאן ביל

## - וויכטיגע אנווייזונגען -

- ביטע ארויסלייגן אלע זאכן ביים **Curb**, ווייל די טראקס וועלן נישט אריינפארן אין קיין פרייוועט פראפערטיס.
- ביטע לייגן די באלק גארבידזש באזונדער, און נישט אויסמישן מיט די געהעריגע גארבידזש.
- נישט לייגן קיין רעדלעך ווייל מ'וועט דאס נישט אוועקנעמען.
- ביטע לייגן אלע מעטאלענע זאכן (אויוון, פרידזשידער, וואש-מאשין, עיר-קאנדישאן אא"וו) איינגאנצן אפגעטיילט.
- נישט פארגעסן אראפצונעמען די טירן פון די פרידזשידערס.
- אויך די הייזער וועלכע האבן קאנטעינארס, זאלן לייגן אלע באלק זאכן ביים קוירב, און נישט אריינווארפן באלק מאטריאל (צ.ב.ש. האלץ אדער שיטראק) אין די קאנטעינאר, ווייל דאס צוברעכט דעם טראק. (דאס איז גילטיג אויך א גאנץ יאר)
- נישט לייגן קיין גארבידזש פארנט פונעם קאנטעינאר, ווייל ס'שטערט דעם טראק און אויך נישט אויפ'ן דעק פונעם קאנטעינאר, ווייל ס'ווערט צעבראכן.
- ביטע אכטונג געבן נישט צו לייגן קיין גרעסערע נוצבארע זאכן, וואס איר דארפט נאך האבן, נעבן די באלק זאכן, כדי עס זאל נישט בטעות אוועקגענומען ווערן.

מיט דאנק, **די סאניטאציע דערפארטמענט**

# קאַסינאָ נייעס

(פארזעצונג פון זייט 2)

דייטליך, פון אלע אספעקטן, וואספארא שטארקע שאדנס די קאַסינאָס נאנט צו קרית יואל וועלן ברענגען, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, פאר די אנטוויקלונג פון קרית יואל.

## רוחניות טייל, ערקלערט פאַר אַלגעמיינער וועלט

ביים פּאָבליק היערינג האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' אהרן פעלבערמאן הי"ו דער "גאווערמענט רילעישאנס" פארטרעטער פונעם ווילעדזש, וועלכער האָט געגעבן א רעדע וואס האט גאר שטארק אויסגענומען ביי די פילע צוהערער. צווישן אנדערן האט ר' אהרן קלאָר ארויסגעברענגט און פאַרשטענדליך מסביר געווען פאר די גוי'אישע צוהערער די פאַרבאָט פון די תורה פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", זאגנדיג אז "אידן אין אלע דורות איבער דער גאנצער וועלט זענען גאָר שטאַרק צוגעבינדן אָפּצוהיטן די דאזיגע מצוה און צוליב דעם לעבן אידן אָפּגעזונדערט און באשיידן, ארויס פון די איינפלוסן פון דער דרויסנדיגער וועלט."

ר' אהרן האט ווייטער ערקלערט וויאזוי אידן זענען אהערגעקומען קיין אמעריקע נאָך דער צווייטער וועלט קריג און זענען שאקירט געווען פון די מאדערנקייט און אויסגעלאסנקייט פון דער אמעריקאנער גאס, ערקלערנדיג וויאזוי רביה"ק מרן בעל דברי יואל זי"ע האט אוועקגעשטעלט די שטאט קרית יואל אוועק פון די רווישיגע גאס, צולייגנדיג אז די באשיידנקייט און איידלקייט פון דער שטאט קען אוועקגעווארפן ווערן אויב וועלן די קאַסינאָס אויפגעשטעלט ווערן הארט ביים שוועל פון קרית יואל.

אויך איז צוגעשיקט געווארן צו דער היערינג אַ בריוו פון דער סופּעראינטענדענט פון מוסד הק' "שערי חמלה", ר' יואל פּעטלין הי"ו, וועלכער האט ארויסגעברענגט אז קרית יואל איז איינס פון די שנעלסט-וואקסנדע געגנטן אין גאנץ אַמעריקע בליעה"ר, וואקסנדיג יערליך מיט ארום 5 פּראצענט כ"י און אזוי אויך איז קרית יואל די יונגסטע ווילעדזש מיט א דורכשניטליכע יארגאנג ביי אזוי יונג ווי 11 יאר אלט, וואס באדייט אז די קאַסינאָס וואס ווערן געפּלאנט נעבן קרית יואל, קענען האבן אַ גאר נעגאטיווע ווירקונג אויף די חינוך און ערציאונג פון אזויפיל יונגע קינדער ח"ו.

צווישן אנדערן ברענגט מר. פּעטלין אַרויס אינעם בריוו אז אין יאר '13, ווען עס איז אָפּגעהאלטן געווארן דער רעפערענדום איבער ניו יארק סטעיט צו מ'זאל באשטעטיגן דאס לאזן בויען קאַסינאָס אין ניו יארק, האָבן אַזויפיל ווי 96 פּראצענט פון די קרית יואל'ער שטימעס געווען דערקעגן ווי איידער דערפאר.

ר' יואל ענדיגט צו זיין בריוו מיט א הייסע ביטע, אַז "אין נאמען פון די אריבער צען טויזנט יונגע קינדער פון קרית יואל, זאל די קאמיסיע ארויסווארפן די קאַסינאָ אַפּליקאציעס פון סיזערס און קארדיש אין וואודבארי און סאוט בלומינג-גראוו!"

## אויפטריט פון קרית יואל'ס אַדוואָקאַט

די הויפּט פּרעזענטאציע פונעם ווילידזש ביי דער היערינג איז געהערט געווארן דורכ'ן ווילעדזש אדוואקאט מר. דזשאוויד אפזעלי, וועלכער האט געגעבן א לענגערע ערקלערונג איבער אלע לעגאלע אספעקטן און פּראבלעמען וואס די צוויי פארגעשלאגענע קאַסינאָ פּראיעקטן בשכינות פון קרית יואל וועט ברענגען.

אפזעלי האט ארויסגעברענגט אז "לויטן געזעץ מוז דער 'קאַסינאָ לאוקעישאן באָורד' נעמען אין באטראכט נישט נאר דער אימפּאקט וואס די קאַסינאָס וועלן האבן אויף די מוניציפּאליטעט וואו עס וועט אויפגעשטעלט ווערן, נאר אויך דער אימפּאקט וואס ס'וועט האבן אויף די ארומיגע מוניציפּאליטעטן". באזונדער האט ער געזאגט אז "דער ווילעדזש האט שוין באשטעטיגט א רעזאלוציע אין קעגנערשאפט צו די קאַסינאָס, און די רעזאלוציע מוז אריינגענומען ווערן אלס טייל פונעם קאַסינאָ באשטעטיגונג פּראצעדור".

"באזונדער האט דער ווילעדזש אריינגעגעבן א געריכטליכע אנקלאגע קעגן די טאַון אָוו בלומינג-גראוו און טאון אוו וואודבארי פירערשאפט, מיט די טענות אז זיי האבן נישט נאכגעפאלגט די לעגאלע פּראצעדורן ביים באַשטעטיגן קאָנטראַקטן מיט די קאַסינאָ פירמעס צו בויען די קאַסינאָס, הויפּטזעכליך דאס וואס זיי האבן נישט דורכגעפירט די 'ענווייראמענטאל ריוויו' — א זאך וואס איז לעגאל פארלאנגט לויט סטעיט געזעצן."

אדוואקאט אפזעלי האט דאן ארויסגעברענגט די פארשידענע נעגאטיווע ווירקונגען וואס די קאַסינאָ פּראָיעקטן וועלן האבן אויפן לאקאלן ענווייראָמענט, אריינגערעכנט די מעגליכקייט אז ס'וועט ברענגען א וואַסער-מאנגל: "די קאַסינאָ פּראָיעקטן וועלן פארלאנגען א גרויסן מאס וואַסער-סופּליי, און דאס וועט אפעקטירן די שוין-אזוי-אויך גאר איבערגעשטרענגטע וואַסער-סופּליי פאר די לאקאלע איינוואוינער פונעם ראיאן. עקזיסטירנדע וואַסער-קוועלער און סיסטעמען און אזוי אויך נייע וואַסער-קוועלער, מוזן צוערשט סערווירן די איינוואוינער פונעם געגנט, אבער דערווייל האבן בלומינג-גראָוו און וואודבארי נאכנישט ערקלערט וויאזוי זיי וועלן זעטיגן דעם נייעם געברויך פאר וואסער וואס וועט צוקומען צוליב די קאַסינאָס."

א צווייטער גרויסער פּראבלעם, האט אפזעלי ארויסגעברענגט, איז איבער סוער געברויך: "די געפּלאנטע צוויי קאַסינאָס וועלן ברענגען א פרישן געברויך פאר סוער, וואס דערווייל זענען נישט אהערגעשטעלט געווארן קיין קלארע פּלענער וויאזוי בלומינג-גראוו און וואודבארי וועלן זיך ספּראווען מיט'ן צוגעקומענעם געברויך. די אראנדזש קאונטי הערימאן וועיסט-וואטער טריעטמענט פּלענט איז שוין אזוי אויך איבערגעשטרענגט, און די 2 דערמאנטע מוניציפּאליטעטן האבן נישט געהאט לעגאל די רעכט צו באשטעטיגן די קאַסינאָ פּראיעקטן איידער'ן קריגן רשות פונעם גאנצן סוער דיסטריקט, וועלכע נעמט אריין קרית יואל."

דריטנס, האט מר. אפזעלי אַרויסגעברענגט די שטארקע אימפּאקט וואס דאס וועט האבן אויפן טראפיק און בכלל אויפן לעבנסשטייגער און לעבנס קוואליטעט. "די קאַסינאָ פּראָיעקטן וועלן ברענגען פרישע אנגעשטויסענע טראפיק, שווערע גערודער, קולות, איבעריגע לעקטער באנוץ, שווערע גערוכן און לופט פארפעסטיגונג, און די אלע זאכן וועלן דירעקט אפעקטירן די איינוואוינער פון קרית יואל, ווייל די שאסייען ארום פירן דירעקט אריין קיין קרית יואל" — האט אדוואקאט אפזעלי געזאגט.

צום לעצט האט ער ארויסגעברענגט דעם פאקט אז פונעם לעגאלן שטאנדפּונקט זענען די באשטעטיגונגען, וואס בלומינג-גראוו און וואודבארי האבן געגעבן פאר די קאַסינאָ פירמעס, געזעצליך נישט פעליג. "די סטעיט געזעצן פארלאנגט אז ביי אזא גרויסע פּראיעקט זאל ווערן דורכגעפירט אן איבערזיכט אויף די ענווייראמענטאלע אימפּאקט וואס עס וועט האבן אויפן געגנט, און וויבאלד אזא איבערזיכט איז נאכנישט דורכגעפירט געווארן, זענען די באשטעטיגונגען דורך די 2 מוניציפּאליטעטן אויטאמאטיש ווערדלאז לויטן געזעץ. דעריבער בעטן מיר אז די קאַסינאָ קאמיסיע זאל צוערשט פארלאנגען אז א פולקאמע ענווייראמענטאלע איבערזיכט זאל ווערן דורכגעפירט, און ערשט נאכדעם וועלן די מוניציפּאליטעטן קענען געבן זייער באשטעטיגונג פאר די קאַסינאָ פירמעס."

דעם אדוואקאט אפזעלי'ס לענגערע פּרעזענטאציע האט איבערגעלאזט א שטארקן איינדרוק אויף די פילע פאַרזאַמלטע, און באזונדער אויף די מיטגלידער פון די "קאַסינאָ לאוקעישאן פלענינג באורד", און לעגאלע עקספּערטן דרוקן אויס האפענונג און אפּטימיזם אז דער צוגאנג וועט שלאגן ווארצלען און וועט בעזר השם ברענגען אז די סטעיט אויטאריטעטן זאלן ארויסווארפן די אפּליקאציעס פון די קאַסינאָ פירמעס וועלכע ווילן בויען די פּראיעקטן גאר נאנט צו דער הייליגער שטאט קרית יואל.

## ניו דזשערסי סענאַט ברויזט קעגן קאַסינאָ פּראָיעקט

אויב דארף מען נאך א באווייז אז די לאקאלע רעגירונגען פון בלומינג-גראוו און וואודבארי לויפן מיטן קאָפּ אין וואנט אריין ביים איגנארירן ערנסטע לעגאלע סטעיט פּראצעדורן און באשטעטיגן די קאַסינאָ פּראָיעקטן ממש בלינדערהייט, קען מען כאַפּן אַ בליק אויף וואס ס'האט זיך אָפּגעשפּילט פאַרגאַנגענעם מאנטאג האזינו, ב' דסליחות, ווען דער ניו דזשערסי סטעיט-סענאט האט אפּגעהאלטן אן אפּשטימונג קעגן א געפּלאנטע ניו יארק סטעיט קאַסינאָ פּראיעקט.

די רעדע איז פונעם "סטערלינג פארעסט קאַסינאָ" פירמע וועלכע האט אריינגעגעבן אן אפּליקאציע צו די ניו יארק סטעיט געיִמינג קאמיסיע אז זיי ווילן אוועקשטעלן א קאַסינאָ פאר 1.5 ביליאן דאלער אין טאקסידא, ניו יארק.

די סטערלינג פארעסט קאַסינאָ פּראיעקט אין טאקסידא האט שוין געליטן איין שווערע קלאפּ מיט א מאנאט צוריק, ווען די "פּאלעסיידס אינטערסטעיט פּארקוועי קאמיסיע" האט זיך אנטזאגט פון ערלויבן א 30 מיליאן דאלארדיגן פּראיעקט אויסצוברייטערן א טייל פונעם ניו יארק סטעיט טראוועי, וועלכע וואלט געהאלפן לינדערן די פּאטענציעלע צוגעקומענע טראפיק פאר די לאקאלע איינוואוינער.

(אגב, אט דאס איז אויך א באווייז אז בלומינג-גראוו און וואודבארי נעבן קרית יואל איגנארירן די אישו פון טראפיק, אינדערצייט וואס אנדערע מוניציפּאליטעטן רעכענען זיך ערנסט דערמיט און פּרובירן אונטערנעמען באלדיגע שריט צו מינימיזירן די נעגאטיווע אימפּאקט אויף די לאקאלע איינוואוינער.)

אום מאנטאג האזינו, למספרם סעפּטעמבער 22, האט דער ניו דזשערסי סטעיט סענאט באשטעטיגט א רעזאלוציע וועלכע אפּעלירט צו די ניו יארק סטעיט געמינג קאמיסיע אז זיי זאלן ארויסווארפן די אפּליקאציע פון די "סטערלינג פארעסט קאַסינאָ" פירמע אין טאקסידא, וויבאלד דאס וועט האבן א שטארקע נעגאטיווע אימפּאקט אויפ'ן וואַסער-סופּליי פון ניו דזשערסי, ווייל דער גיגאנטישער 1.4 מיליאָן-סקווער-פוס קאַסינאָ וועט פארלאנגען דאס אריינשניידן אין א וואלד וואס ניו דזשערסי פלאגט זיך שוין 20 יאר צו פּרעזערווירן צוליב וואס פון דארטן קען מען באַקומען וואַסער-סופּליי פאר אזויפיל ווי 3 מיליאן ניו דזשערסי איינוואוינער.

פון דעם קען מען קלאָר זען אז די ענווייראמענ-טאלע אימפּאקט, טראפיק אימפּאקט און וואסער און סוער אימפּאקט זענען נישט אישוס וואס קען איגנארירט ווערן לעגאל ווען עס קומט צו באשטעטיגן און בויען די קאַסינאָ פּראיעקטן, און דאס מאכט פיל שטארקער די טענות פון קרית יואל אז די 2 באשטעטיגטע פּראיעקטן בשכינות פון קרית יואל, זענען נישט לעגאל אויסגעהאלטן.

*

אלנפאלס, איז צום האפן אז די ניו יאָרק סטעיט אויטאריטעטן וועלן איינזען די לעגאלע לעכער וואס די פארגעשלאגענע קאַסינאָ פּראיעקטן נעבן קרית יואל פארמאגן, און וועלן אונטערנעמען שריט געזעצליך אָפּצושטעלן זייער פּראָוויס-גאַלאָפּ, און בעזר ה' מבטל זיין אלע פּלענער פאר קאַסינאָס אין אונזער ראיאן, אז מיר זאלן ווייטער קענען ערציען אונזערע ערליכע דורות אויפן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג, אָן דרויסנדיגע איבלען און שמוץ היל"ת.

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

JOEL PETLIN
*Superintendent of Schools*

SHAYE WERCBERGER
*District Treasurer*

JOSHUA KAMENSKY
*Deputy Superintendent*

BOARD OF EDUCATION:

ABRAHAM WIEDER
*President Emeritus*

HARRY POLATSEK
*Board President*

SIMON KEPECS
*Vice President*

DAVID ITZKOWITZ
*Secretary*

MOSES HIRSCH
MOSES NEUMAN

September 24, 2014

Gail P. Thorpe, Supervisor of Contract Administration
NY State Gaming Commission
Contracts Office
One Broadway Center
Schenectady, NY 12303-7500
via overnight mail and email to CatskillsHV@gaming.ny.gov

Dear Ms. Thorpe,

Thank you for giving me the opportunity to express my comments concerning two of the applicants proposing to open gaming facilities in our area: Caesar's New York on Route 17 in Woodbury and Cordish Companies/ Penn National Gaming on Route 208 in South Blooming Grove.

By way of introduction, I am the School Superintendent of the Kiryas Joel School District, located in the Town of Monroe in Orange County, NY. The School District operates a public school for over 200 special needs students, but we are also responsible for numerous services and programs for the over 10,000 students in the Village that attend private religious schools.

The Kiryas Joel community is inhabited by members of the Satmar Chasidic movement and are devout practitioners of Orthodox Judaism. Morality and family values play a pivotal role in the lifestyle of Kiryas Joel's residents and that is why the community overwhelmingly voted against the referendum to establish gaming facilities in the region. At the November 5, 2013 election, Proposition 1 (Gaming) was rejected in the 16 Kiryas Joel election districts by a vote of 3701 to 141. In all, 96% of the voters of this community were opposed to legalized gambling in our area.

US Census data reveals that Kiryas Joel is one of the fastest growing municipalities in the country, growing by about 5% each year. It is also the youngest municipality in America, with a median age of 11.4, (compared to the national and New York State median age of over 30). New York State Health Department's Vital Statistics data on live births shows that more than twice as many babies are born annually in the 1 square mile Kiryas Joel School District, than in the neighboring 100 square mile Monroe-Woodbury School District. All of this data points to a young and vulnerable population - inconsistent with the establishment of casinos in our area.

Both the Woodbury and South Blooming Grove sites are only 3 to 4 miles from the borders of the Village of Kiryas Joel. This proximity of casinos to our young, impressionable students is not appropriate and promotes a lifestyle in conflict with the teachings of their schools. While the gambling and entertainment offered by the applicants may be welcomed in other areas of the region, it is incompatible with the culture of our residents and the family values that are instilled in the children of Kiryas Joel.

Though these 10,000 students are under the age of voting (and gambling), their voices still need to be heard. On their behalf, I am respectfully requesting that the Caesar's and Cordish/Penn applications for casinos in Woodbury and South Blooming Grove be rejected by your Commission.

For your reference, I am attaching the supporting data about our student population, birth rate and median age.

Thank you for protecting our precious children.

Sincerely,

Joel Petlin
Superintendent

cc: Board of Education
Mayor Abraham Wieder
Village Administrator Gedalye Szegedin

**האַרציגער בריוו פון קרית יואל סקול דיסטריקט סופעראינטענדענט ר' יואל פעטלין הי"ו מיט אַ ביטע צו די קאַסינאָ קאָמיסיע נישט צו באַשטימען די נידריגע קאַסינאָס בשכינות פון קרית יואל**

## בריוו פון תושבי הקריה

(פארזעצונג פון זייט 9)

אַזוי אַרום פאַרשטיי איך, אַז סיי וועלכע שריט זיי נעמען אונטער, אפילו ווען דאָס מיינט העכערן מיט פאַרשידענע סכומים, מיינט דאָס אַז קיין אַנדערע ברירה איז נישט געווען, און דאָס איז וואַרשיינליך געווען דער לעצטער אויסוועג כדי צו קענען ווייטער פירן אחריות'דיג דעם בודזשעט פונעם סקול.

אָבער אַז מ'האַלט דאָ, און נאָך אַלע העכערונגען האָט מען געהעכערט מיט אַזעלכע נישטיגע סכומים פאַר אַזאַ גרויסע אַפּאַרטמענט, פאַרשטיי איך אַז דאָס איז נישט געקומען צופיס. די גאנצע אַדמיניסטראַציע שטאב האָבן מסתמא אַריינגעלייגט אין דעם אַ געוואַלדיגע אַרבעט, קאָפּ, מח צייט און געדולד, ביז מ'האָט אַלעס מסדר געווען צו קענען העכערן בלויז מיט אַזעלכע קליינע סכומים. אַלזאָ שפּיר איך פאַר אַ פליכט זיי פערזענליך צו באַדאַנקן ברבים, און אַ באַזונדערן דאַנק אין נאָמען פון מיין טענענט אויף דעם וואָס איך האָב נישט געדאַרפט העכערן.

און אויב זענט איר מפרסם די שורות, זאָל עס גענוצט ווערן אַלס בקשה צו אַלע אַנדערע לענדלאָרס אין די שטאָט: ביטע נוצט נישט אויס דעם כלומר'שטן אויסרייד פון אַ העכערע טעקס-ביל, כדי צו העכערן די רענט-ראַטעס פון אייערע טענענטס! איך פאַרדינג אַ זיבן-רומיגע דירה, און דער ביל איז געהעכערט געוואָרן מיט אַזאַ נישטיגן סכום פער-יאָר. די וואָס פאַרדינגען קלענערע דירות, האָבן וואַרשיינליך באַקומען פיל מילדערע העכערונגען (פון 6$ א חודש) אינעם 'סקול טעקס' ביל, (אַנדערע טעקס בילס זענען נאָך פיל ווייניגער). און ס'איז נישט קיין יושר צו באַלעסטיגן די טענענטס צוליב אַזעלכע מילדע העכערונגען. אַ לענדלאָרד וואָס העכערט איצט רענט און ער זאָגט אַז דאָס איז צוליב דעם טעקס-ביל העכערונג קען דער טענענט זיין זיכער אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אויסרייד...

זאָל השי"ת העלפן פאַר די חברי הנהלה, אַז זיי זאָלן ווייטער קענען אויספירן זיין אַרבעט בשלימות כאוות נפשם הטוב.

מיט דאַנק

**אַ צופרידענער לענדלאָרד**

## איבער אומ'אחריות'דיגע דרייווער

לכבוד די אַרויסגעבער פון די הקרי'.

די שבחים וואָס איך וואָלט געוויס געדאַרפט שרייבן אויף אייער אינפאָרמאַטיווער אויסגאַבע, וועל איך לאָזן אין דער זייט, נאָכדעם וואָס די אויסגאַבע רעדט פאַר זיך אַליינס, און דאַכט זיך מיר אַז דער גרעסטער לויב וואָס רעדט פאַר זיך אַליינס איז דער פאַקט, אַז ס'איז וואַרשיינליך נישט פאַרהאַן אויפ'ן היימישן מאַרקעט אַזאַ ענליכע אויסגאַבע וואו יעדעס בלעטל איז אָנגעפולט מיט פרישע אינטערעסאַנטע באַריכטן, וואָס עס ווילט זיך נישט אויסלאָזן קיין איין בלעטל פון עס דורכצולייענען פון אויבן ביז אַראָפּ. זאָל השי"ת העלפן אַז איר זאָלט ווייטער האָבן די מעגליכקייט צו באַריכטן נאָר פאָזיטיווע אַנטוויקלונגען פאר'ן בליה און וואוקס פון אונזער הייליגער שטאָט.

וואָס עס האָט מיך געמאַכט נעמען דעם פעדער אין דער האַנט, איז דער פאַל וואָס איך האָב אַצינד נאָרוואָס מיטגעהאַלטן שוין צום וויפילטן מאָל, ווי אַ שווערער עקסידענט איז מיט ניסי ניסים ווידעראַמאָל פאַרמיטן געוואָרן פאָרנט פון מיינע אויגן! איך גלייב אַז די איינוואוינער אויף די גאַס וואו איך וואוין, און סתם דורכרייזענדע און דורכגייער וואָס גייען דאָ אָפט דורך, ווייסן שוין גלייך פון וואָס די רעדע איז.

יאָ, ס'איז די רעדע פון דער שטאַרק-פאַרנומענער גאַרפיעלד רד. גאַס, איינס פון די צענטראַלסטע גאַסן אין די שטאָט, וועלכע ווערט ל"ע אָפטמאָל פאַרוואַנדעלט אַלס אַ מקום מוכן ל... אַדאַנק אומפאָרזיכטיגע דרייווער וועלכע שטעלן אַריין אין אַ סכנה די געווענליכע פיס-גייער.

דער מציאות איז, אַז די גאַרפיעלד גאַס איז אָנגעצייכנט און באַשטימט אַלס אַן איין-וועג גאַס (וואָן-וועי) און דער טראַפיק לויפט דורך פון איהעל קט. אַרויף ביז העיס קט. דאָס מיינט, ווי פאַרשטענדליך, אַז ווען אַ פיס-גייער וויל דורכגיין די גאַס פון איין זייט צו די צווייטע, וועט ער אין אַלגעמיין נאָר קוקן אויף אַראָפּ צו די ווען-ביורן זייט, צו קוקן אויב אַן אויטאָ קומט צו פאָרן. אַנדערש ווי אַלע אַנדערע גאַסן וואו דער טראַפיק לויפט אויף ביידע ריכטונגען (טו-וועי סטריט) וואו די דורכגייער זענען צוגעוואוינט צו קוקן אויף ביידע זייטן אויב אַ קאַר קומט צו פאָרן, וועט מען אָבער אויף גאַרפיעלד רד. בעיקר קוקן נאָר אויף איין זייט, וואָס אין אַלגעמיין קומען די אויטאָס צו פאָרן נאָר פון יענער ריכטונג.

זענען אָבער פאַרהאַן געציילטע אויטאָ-טרייבער וועלכע רעכענען זיך ליידער נישט מיט די טראפיק געזעצן און מיט די געפילן פון די פיס-גייער און פאָרן אומבאַרעכטיגט דורך די גאַס אויף די אַנדערע ריכטונג, אַריינקומענדיג פון דער העיס קט. זייט – נאָכ'ן בנין פונעם מבצר הכוללים, וואו עס איז שוין נישט ערלויבט צו פאָרן אויף דער פאַרקערטער ריכטונג. דאָס איז זייער נישט אויסגעהאַלטן, און אַלס איינוואוינער אויף דער גאַס באַמערק איך ליידער כסדר ווי עקסידענטן ווערן פאַרמיטן ממש אין דער לעצטער סעקונדע, נאָכדעם וואָס אַן אויטאָ-טרייבער האָט פריש באַשלאָסן זיך צו פאַרקירצערן דעם וועג דורכ'ן פאַרקערטערהייט אַריבערפאָרן די גאַס אָן קיין שום מענטשליכע געפילן און תורה'דיג אויסגעהאַלטן.

מיין וואונדער שטייגט נאָך מער אָפטמאָל ווען איך זע ווי אומ'אחריות'דיגע דרייווער "פליען" דורך די גאַס פונעם פאַרקערטן ריכטונג, מיט אַ שנעלקייט, כאילו מ'פאָרט דאָ אויף אַ הייוועי-שאָסיי מיט הונדערטער אויטאָס אָן קיין פיס-גייער אינמיטן. לאו די, אַז מ'פאָרט אויף דער פאַרקערטער ריכטונג, האָט מען ניטאַמאָל די מינימאַלסטע מענטשליכקייט און אחריות צו פאָרן אַביסל מער פאָרזיכטיג, כדי נישט אַריינצולייגן אַנדערע אין אַ סכנה.

איז דאָס אויסגעהאַלטן?

יאָ, איך פאַרשטיי אַז מ'קען זיך שפּאָרן עטליכע סעקונדעס, וואָס אַנשטאָט צו דאַרפן אַרומפאָרן דורך פאַרעסט רד. מיט עטליכע טראַפיק-לייטס אינדערמיט, איז לייכטער דורכצופאָרן גאַרפיעלד רד פון די פארקערטע זייט. אָבער אַזויפיל דאַרף מען האָבן דעם אידישן און מענטשליכן געפיל, און תורה'דיגער און געזעצליכער פליכט, אַז ענדערש צו פאַרפאַסן די געציילטע סעקונדעס, ווי איידער ח"ו אַריינצולייגן אַ צווייטן איד אין אַ סכנה.

עס איז נאָך מער אינטערעסאַנט ווען אייגנטליך האָט מען אויף רוב וועג אפילו געזעצליך די מעגליכקייט זיך צו באַנוצן דורך גאַרפיעלד רד. כמעט אָן דעם וואָס מ'זאָל דאַרפן ברעכן דעם געזעץ, נעמליך דורכ'ן אַריינפאָרן אינעם גרויסן פּאַרקינג-לאַט נעבן דעם ביהמ"ד הגדול, און דורך דאָרט אַרומפאָרן פאָרנט אָדער אונטערן ביהמ"ד הגדול, וואָס אַזוי קומט אויס אַז רוב גאַס פאָרט מען כאָטש נישט דורך אויף אַ סכנה'דיגן וועג. הגם דאָס איז זיכער אויך נישט אויסגעהאַלטן, ווייל אויך אויף יענעם טייל פון די גאַס, צווישן אוהעל קט. און דער ביהמ"ד הגדול, איז אויך נישט אויסגעהאַלטן אַריינצושטעלן אַנדערע אין אַ סכנה ח"ו. אָבער דאָרט איז דאָס כאָטש אין די בחינה פון בוחר הרע במיעוטו. אָבער סתם אַזוי דורכצופליען די גאַנצע גאַס איז זיכער נישט באַרעכטיגט און

(פארזעצונג אויף זייט 19)

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Jacob Mittelman
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau

קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס דעפארטמענט

# וויכטיגע דערמאנונג!

## פאר אלע מעדיקעיר געניסער

די צייט פאר

# מעדיקעיר אפען ענראולמענט

און אויף צו מאכן טוישונגען אין אייער "פרעסקריבשאן דראג פלען"
אדער צו טוישן דעם "קאווערידזש פלען"

איז פון
**October 15**
ביז
**December 7**

אויב איר ווילט איר מאכן סיי וועלכן טויש אין אייער פלאן, קענט איר אריינרופן אין אפיס פון סאושעל סערוויס דורכאויס די דערמאנטע צייט און מיר וועלן איך העלפן אין אייער געברויך

מיט דאנק
**די "סאושעל סערוויס" דעפארטמענט**

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reizman

-פובליק ווארקס דעפארטמענט-

# בקשה ואזהרה!

אזוי ווי עס ווערן געהאנגען הונדערטער פלאקאטן אויף די גאסן, און עס לאזט איבער א געוואלדיגע שמוץ, וואס שטערט די ריינקייט און ארדענונג אין שטאט

**דעריבער מעלדן מיר אז עס איז נישט ערלויבט צו הענגען פלאקאטן אויף די גאסן, ספעציעל אויף סטאפ-סיינס אדער טרעפיק סיינס, אזוי אויך אויףביימער וואס ס'מאכט שאדענס**

**אלע פלאקאטן וואס וועלן געהאנגען ווערן אין די גאסן וועלן אראפגענומען ווערן אין דעם זעלבן טאג**

מיר בעטן די אלע וואס מאכן פארטיס, מסיבות, פארזאמלונגען אדער סעילס, זאלן ביטע צו קענטעניס נעמען!

מיט דאנק
**די פובליקווארקס דעפארטמענט**

# ״אַנעקסעישאָן סעשאָנס״

(פארזעצונג פון זייט 3)

איבער וואָס זיי האַלטן אז עס איז וויכטיג צו נעמען אין באַטראַכט ביים דורכפירן די שטודיע. דאָס ווערט געטאָן אין אַן עפנטליכן פאָרמאַט, באַקאַנט אַלס אַ ״פּאָבליק סקאָופינג סעשאן״, וואו דער פּאָבליק ווערט פאָראויס איינגעמאָלדן איבער׳ן פלאַץ און צייט וואָס דער סעסיע וועט פאָרקומען, און די אַלע קאָמענטאַרן ווערן נאָטירט און פאַרשריבן און דאָס דאַרף דערנאָך ווערן אַדרעסירט אינעם דערמאַנטן באַריכט.

שפּעטער ווען דער באַריכט קומט אַרויס און אויב איין אָדער טייל פון די באַמערקונגען וואס קען באצייכנט ווערן אלס וויכטיג זענען נישט געוואָרן אַדרעסירט, קען דאָס מעגליך גענוצט ווערן אין אַ געריכט אַלס אַ טענה אַז די שטודיע איז אַדורכגעפירט געוואָרן פעלערהאַפטיג. דערפאַר איז די זיצונג אַ וויכטיגער טייל פונעם פּראָצעדור און דאַרף גענומען ווערן דורך די ״ליעד-עיזשענסי״ מיט אַן ערנסטקייט.

## די הכנות צום ״סקאָופינג סעשאן״

פאַר׳ן צוועק פון דער עפנטליכער זיצונג האָט דער ווילעדזש באַשטימט דעם פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג האזינו כ״ז אלול תשע״ד, וואו מ׳האָט אַרויסגענומען די זאַלן פון ״בית רחל פאַראַדייס״ מיט גענוג פלאַץ פאַר די באַטייליגטע און ברייט פאַרקינג פלאַץ פאַר אַרום הונדערט און פופציג קאַרס. אַזוי ווי עס פאַרלאַנגט זיך האָט דער ווילעדזש אַריינגעשטעלט מעלדונגען אין די לאָקאַלע צייטונגען איינצומעלדן איבער׳ן פלאַץ און צייט פון דער סעסיע, צולייגנדיג די פאָרשריפטן פונעם אָוונט.

דער ווילעדזש האָט באַקאַנט געמאַכט אַז דער אָוונט וועט אָנגעפירט ווערן דורך די רעספּעקטפולע ״טים מיללער אַסאָסיעטס״ פירמע, באַזירט אין קאָלד ספּרינגס, ניו יאָרק. די פירמע איז שטאַרק באַרימט איבער דער סטעיט אַלס איינע וועלכע שטעלט צו פאַרשידענע ענווייראָמענטאַלע צוגרייטונג און פלאַנירונג סערוויסעס. דאָס נעמט אַריין די אַרבייט פון אַדורכפירן אַ ״סיקרע רעוויו״ און אַהערשטעלן די ״ענווייראָמענטאל אימפּעקט סטעיטמענט״ נאָכדעם.

״טים מיללער״ האָט לאַנגע יאָרן עקספּיריענס און עקספּערטיז אויף דעם געביט, און זיי האָבן זיך ערוואָרבן אַ נאָמען אַלס גאָר אַ פאַראַנטוואָרטליכע פירמע, וועלכע האָט שוין געאַרבייט צוזאַמען מיט מערערע מוניציפּאַליטעטן אין דער סטעיט, אויף גרעסערע פּראָיעקטן און ברייטפאַרצווייגטע פּראָצעדורן, און דערפאַר זענען זיי די ריכטיגע אויסוואַל פאַר קרית יואל, וואו עס איז אין יעדנ׳ס אינטערעסע אַז די שטודיע זאָל אַדורכגעפירט ווערן ווי עס דאַרף צו זיין.

אין דער מעלדונג איז אויך אַרויסגעברענגט געוואָרן אַז אויב וויל עמיצער זיך לאָזן הערן דורכאויס דעם אָוונט, זאָל מען זיך איינשרייבן ביים טישל תיכף ווען מ׳קומט אַריין אין זאַל, און ווען עס וועט קומען די רייע וועט מען יענעם לאָזן אויסרופן צום פּאָדיום. די קאָמענטאַרן צו לאזן הערן אויפן מייקראפאון וועלן זיין באַגרעניצט צו דריי מינוט פער מענטש, אָבער אויב וויל איינער מאַכן מער אַ דעטאַלירטע באַמערקונג אָדער אויב קען איינער נישט אָנקומען צום אָוונט אין דער באַשטימטער צייט און ער וויל דאָך אַריינשיקן אַ באַמערקונג איבער דער ״סיקרע״, האָט די דערמאַנטע ״טים מיללער״ פירמע צוגעשטעלט אַן אַדרעס און אַ אי-מעיל וואו מען וועט קענען אַריינשיקן קאָמענטאַרן ביז א וואך שפּעטער צום באַשטימטן טאָג פון דינסטאָג ברכה א׳, ולמס׳ סעפּטעמבער 30 ׳14.

## זה לעומת זה: יונייטעד מאָנראָ העצט אָן שכנים אין בעפאָרבר׳ייטערונג צו דער זיצונג

והרשעים כים נגרש. די אויסגערופענע ״יונייטעד מאָנראָ״ פן-ירבה׳ניקעס און אומפאַרגינערס און זייערע נאָכשלעפּער זענען נאכנישט איינגעשלאָפן, און ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט פון דעם געפּלאַנטן אָוונט, זעענדיג דערמיט אז דער אנעקסעישאן פראצעדור הייבט אן שפאנען מיט ערנסטע טריט פאראויס, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן מעסעדזשעס דורך זייערע אינטערנעט פאַרבינדונגען און אַנדערע מעטאָדן, איבער דער בעפאָרשטייענדער זיצונג.

די מעסעזשעס זענען געווען היבשט צעמישט, ווען זיי האָבן זעלבסט נישט געהאַט קיין קלאָרער פלאַן וויאַזוי צו רעאַגירן צום ״סקאָופינג סעשאָן״, צי זיי זאָלן דאָס גענצליך בויקאָטירן און דערמיט צייגן פּראָטעסט, אָדער זאָלן זיי אָנברענגען אַ צוזאַמענלויף פון ליידיגגייער וואָס זאָלן שטיין אינדרויסן פון דער זיצונג מיט פּראָטעסט טאָוולען און שילדן, וויאַזוי זיי טוען רעגלמעסיג ביי די טאַון זיצונגען, אָדער זאָלן זיי אויסנוצן דעם אָוונט אויסצוגעבן זייער האַס ביים פּאָדיום און פאַרשרייען תושבי קרית יואל פאַרוואָס זיי זוכן צו פאַרברייטערן די גבולי הקדושה.

יעדער וואָס האָט אַ שטיקל ראָלע ביי די ״יונייטעד מאָנראָ״ גרופּע האָט זיך געלאָזט הערן מיט אַנדערע פאַנטאַזיעס און איבערגעטריבענע אילוזיעס. מאַנכע האָבן געשריגן אַז קרית יואל וועט זיכער פאַרכאַפּן אַלע אָנגעגרייטע בענקלעך אין זאַל כדי נישט צו דערלאָזן אַז די שכנים זאָלן קענען מיטהאַלטן די זיצונג, אָדער וועט מען זיי אַוועקנעמען די פאַרקינג ערטער. אַנדערע האָבן פאָרגעשלאָגן אַז וואַרשיינליך וועלן די רעדעס געהאַלטן ווערן אויף אידיש אַזוי אַז די נישט-אידישע באַטייליגטע זאָלן נישט קענען פאַרשטיין, און נאָך אַזעלכע אָנשרעקנדע און וואַזיניגע דמיונות.

ענדגילטיג האָבן זיי זיך פאַראייניגט אַז זיי זאָלן פּרובירן צו שלעפּן דעם גרעסטן עולם וואָס זיי קענען, און קומען גענוג פרי, צוליב וואָס אַצינד איז אַ גוטע געלעגנהייט אַז זייער מעסעדזש זאָל געהערט ווערן, און דערביי האָבן זיי אָנגעדרייט אַז די מידיאַ און פּרעסע זאָל אויך אַראָפּקומען צו דעקן דעם אָוונט, צוזאמען מיט זייערע ״פן ירבה״ זארגן, און אפשר דורך דעם וועט זיי געלונגען אָפּצושטעלן דעם ״ובני ישראל פרו וישרצו וכו׳״ פון די איידעלע און ערליכע קרית יואל׳ער געמיינדע, וועלכע שטייען זיי ווי אַ דאָרן אין אויג.

מטעם דעם ווילעדזש האָט מען נאָכגעפאָלגט די פּלענער צו קענען זיין גרייט על כל צרה שלא תבא. מ׳האָט אַראַנזשירט אַז עס זאָל זיין אַ שטאַרקע אָנוועזנהייט פון די ״פּאָבליק סעיפטי״, און דאָס זעלבע האָט מען אויסגעאַרבייט אַז די סטעיט פּאָליציי זאָל אויך שטיין על המשמר, אין פאַל אַז זאַכן גייען אַרויס פון קאָנטראָל דורך די אָנגעהיצטע ״יונייטעד מאָנראָ״ אַקטיוויסטן, אַזוי ווי די פארגאנגנהייט האָט שוין באַוויזן ביי די טאַון מיטינגס ווען זיי האָבן אָנגעזייעט כאַאָס און געמאַכט אַ טומל מיט זייערע געשרייערייען און צווישנרופן.

אין קרית יואל האָט די ״אנ״ש דקרית יואל״ אַרויסגעשטעלט מודעות איבער די בתי מדרשים, מיט אַ בקשה אַז קיינער זאָל זיך אוודאי נישט לאָזן פּראָוואָצירן פון די אומגעוואונטשענע געסט; עס איז נישט קיין שום טובה זיך אַריינצולאָזן מיט זיי אין דעבאַטעס אָדער פּרובירן זיי איבערצוצייגן איבער דאס אפגעזונדערטע לעבענס שטייגער וואס חסידישע משפחות פירן, נאָר פונקט פאַרקערט, ביי די ״סקאָופינג סעשאָן״ אווענט איז אונזער פליכט צו מאַכן אַ קידוש השם דורכ׳ן זיך אויפפירן מיט נימוס און רעספּעקט, און צייגן אַז קרית יואל באַשטייט פון אַ פרידליכן עלעמענט וואָס זוכט צו לעבן בשלום ובמנוחה; מיר זענען נישט דאָ זיך צו קריגן מיט קיינעם נאָר צו פאַרלאַנגען אונזערע רעכטן אַלס געזעץ-טרייע בירגער און ערליכע שטייערצאָלער.

אין די זעלבע צייט האָבן תושבי קרית יואל מתפלל געווען מיט א הייסע תפלה צו השי״ת אַז אַלעס זאָל אַריבערגיין בשלום, און עס זאָל אוודאי נישט אַרויסקומען קיין חילול שם שמים, ובפרט אין אַזעלכע הייליגע זמנים פון די ימי הרחמים והסליחות.

## דער ״סקאָופינג סעשאָן״ מאָנטאָג נאַכט

מ׳קען זאָגן בפה מלא אַז די תפלות האָבן ב״ה עושה רושה געווען און דער גרויסער זכות פון רבותינו הק׳ זי״ע בגנזי מרומים איז בייגעשטאַנען, ווען די באַשטימטע שעות פון דער זיצונג זענען אָנגעקומען און עס האָט זיך ב״ה אַרויסגעשטעלט אַז די נאַכט איז פאַריבער אין גאָר אַ רואיגע אַטמאָספערע, שאַפנדיג אַ קידוש השם און ברענגענדיג אַ כבוד פאַר קרית יואל אין אירע איינוואוינער!

צו דער באַשטימטער צייט 7:00 איז דער אויבן-אָן באַזעצט געוואָרן דורך די געטרייע ווילעדזש טראָסטיס הי״ו, אין שפּיץ פונעם ראש הקהל וראש העיר הרה״ח ר׳ אברהם וויעדער הי״ו, און אַנדערע ווילעדזש איינגעשטעלטע. אַזוי אויך האָבן די קאָונסיל-לייט פון טאַון אָוו מאָנראָ פאַרנומען זייערע ערטער אויפ׳ן פּלאַטפאָרמע, אין שפּיץ פונעם טאַון סופּערווייזער מר. דאָולס און אַנדערע טאַון איינגעשטעלטע.

נאָכדעם וואָס די באַטייליגטע האָבן גענומען זייך-פּאָזיציעס אינעם זאַל, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די אַלע פּראָפּאָגאַנדע מעסעזשעס פון די ״יונייטעד מאָנראָ״ פירער האָט נישט באַוויזן צו שלעפּן קיין גאַנצע הונדערט פופציג באַטייליגטע פון אינדרויסן פון קרית יואל, - אינטערעסאנט צו נאטירן אז: די באפעלקערונג אין די טאון אינדרויסן פון קרית יואל ציילט זיך צו ארום 20,000 נפשות - וואָס דאָס פאַר זיך האָט שוין גענידערט זייער אראגאנץ ווען זיי האָבן זיך געדאַרפט ספּראַווענען מיט די פאַקטן פנים אל פנים, אַז די אַלע בלאָפערישע פאַנטאַזיעס טרייבן נישט אויף צופיל מאָמענטום ב״ה, און אויך האָבן זיי זיך באַלד איבערצייגט אַז קרית יואל האָט בכלל נישט פאַראַרבייט זיי אויסצושניידן פונעם אָוונט ווען קוים אַ דריטל פון די זיץ-פּלעצער זענען געווען דעזיגנירט פאַר תושבי קרית יואל, פאַרשטייענדיג אַז די קרית יואל׳ער איינוואוינער וועלן נישט אויסמאכן אזא גרויסע באטייליגונג, און דאָס האָט היבש אַרויסגעלאָזט די לופט פון די ״יונייטעד מאָנראָ״ רעדער אין צוגרייטונג צום סדר היום.

איינגעלייטעט דעם אָוונט האָט דער חשוב׳ער מעיאָר ר׳ אברהם ווידער הי״ו. דער מעיאָר האָט אין קורצע רייד, אויף דער ענגלישער שפּראַך, אַרויסגעברענגט דעם ציל פונעם אָוונט און ער האָט אויסגערופן צום מיקראָפאָן איינעם פון די פּאָבליק-סעיפטי אָפיצירן וועלכער איז אויך אָ מיליטערישער וועטעראן צו קומען זאָגן די אַמעריקאַנער ״פּלעדזש אָוו אליזשענס״, אַן אָפיציעלע סטעיטמענט מיט וואָס מוניציפּאַליטעטן דערקלערן טרייהייט צום לאַנד אין אָנהויב פון יעדער אָפיציעלער זיצונג.

באַלד דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן מיטן סדר היום ווען דער דערמאַנטער פאָרזיצער פונעם אָוונט, אַ פאָרשטייער פון די ״טים מיללער אַסאָסיעטס״ פירמע, האָט אַראָפּגעשטעלט דעם הלוך-ילך און דער פּראָצעדור, וויאַזוי די קאָמענטאַרן וועלן אויפגענומען ווערן.

דורכאויס דעם אָוונט זענען געהערט געוואָרן ביילייפיג 20-25 דריי-מינוטיגע רעדעס פון באַטייליגער, יעדער אויף זיין אייגנאַרטיגער שטייגער וואָס אַנבאַלאַנגט דעם ענווייראָמענטאַלן איבערזיכט וועלכע ווערט יעצט צוגעגרייט צום אַנעקסירונג. דער ערשטער פון די סעריע רעדנער איז געווען דער אַדוואָקאַט מר. באַרשאוו וועלכער טוט רעפּרעזענטירן די גרופּע היימישע אַפּליקאַנטן פון די גלילות פון קרית יואל.

דער אַדוואָקאַט האָט אַרויסגעברענגט און געבעטן די ווילעדזש ערוויילטע צו נעמען אין באַטראַכט אויך די איבריגע אַריבער דריי-הונדערט פערציג אַקער-לאַנד פונעם לכתחלה׳דיגן אַנעקסעישאָן פּלאַן, אין די זעלבע צייט ביים אַדורכפירן די יעצטיגע קלענערע שטודיע, וואָס דאָס וועט פאַרשנעלערן דעם פּראָצעדור ווען עס וועט קומען די צייט אויף יענער טייל פונעם אַנעקסעישאָן — אַ פאָרשלאַג וואָס דער ווילעדזש האָט סייווי גערעכנט צו טאָן, אין אַ פאַרזוך צו שפּאָרן סיי צייט, אָבער אויך די געלט-קאָסטן, וואָס אַזאַ שטודיע ברענגט מיט.

דערנאָך האָט אויפגעטרעטן דער ״קאַונטי פּלענינג קאָמישענאר״ מר. דעיוויד טשוירטש, אין נאָמען פון די קאַונטי עקזעקיוטיוו, פאַרלאַנגענדיג אַז די שטודיע זאָל אַדורכגעפירט ווערן מיט אחריות און ערנסטקייט, אויסדרוקנדיג גרייטקייט פון די קאַונטי צו אַרבייטן אינאיינעם אַז אַלעס זאָל אַריבערגיין ווי עס ברויך צו זיין, און פון דאָרט איז עס אַריבערגעגאַנגען צו רעדעס פון ״יונייטעד מאָנראָ״ פאָרשטייער, וועלכע האָבן ווי פאַרשטענדליך אַלע ווי איינעם אויסגעדרוקט קאָמענטאַרן וואָס האָבן בכלל נישט געהאַט צוטאָן מיטן ציל פונעם אָוונט, נאָר פשוט אַז אויב זיי

(פארזעצונג אויף זייט 18)

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די ערב שבת טעג זענען גאר קורץ, טוען מיר נאכאמאל מפרסם זיין די תקנה וואס איז איינגעפירט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק דא אין שטאט, דורך כ״ק מרן רבינו שליט״א, ווי פאלגענד:

ווען עס קומט אן דער זמן פון הדלקת נרות של שב״ק זאל זיך שוין נישט געפינען קיין איין ארבייטער אין די גרעניצן פון קרית יואל, און ס׳ליגט א פליכט און אן אחריות אויף אלע קאנטראקטערס, זיי זאלן זען אז איין שעה פארן זמן, דארפן שוין אלע ארבייטער אויפהערן ארבעטן און זיך גרייטן צו פארלאזן די שטאט.


RABBI ARON TEITELBAUM
5 Sanz Ct. Kiryas Yoel
Monroe, N.Y. 10950
Tel. (914) 783-0994-5

אהרן טייטלבוים
רב ור״מ דק״ק
קרית יואל והגלילות
יצ״ו

ב״ה

על דבר המכשילה שפועלי עכו״ם עושים את מלאכתם - בבנין ותיקון בתים וכדוי - לקבלנים מבני ישראל בערבי שבתות, ומלאכתם יכולה להמשך גם אחר כניסת השבת, - ובפרט בימי החורף שהיום קצר והמלאכה מרובה.

ואחרי משא ומתן עם ידידי הגאון הדומ״ץ דפה שליט״א באנו לידי החלטה שלמיגדר מילתא נצרכה לתקן תקנה לעיר הזאת, שבהגיע זמן הדלה״נ בל יראו ובל ימצאו הפועלים בתחומי עיר קרית יואל יע״א, ושעה אחת קודם זמן הדלה״נ של שבת, צריכין הפועלים להפסיק את עבודתם ולתכונן לנסוע מהעיר, ודבר פשוט וברור שעל הקבלנים מוטל האחריות שיתקיים התקנה במילואו, ולמזהיר ולנזהר, שלומים תן כמי נהר.

הכותב וחותם למען שמירת שבת קדשינו

געוואָרן רעקאָרדירט און פאַרצייכנט דורך א ספעציעלן 'סטענאגראפער', אַלס עפּעס וואָס וועט ווערן אַדרעסירט אינעם איבערזיכט, ווי אויך די נאָכפאָלגנדע געשריבענע קאָמענטאַרן.

עס איז די האָפענונג אַז דער איבערזיכט זאָל ווערן פאַרטיג אין די נאָנטע וואָכן, און דאָס וועט דערנאָך מיטגעטיילט ווערן מיט די ווילעדזש און טאַון באָורד און אַנדערע וואָס דאַרפן דאָס איבערצוגיין און באשטעטיגן, און דערנאך וועט מען גיין צו די קומענדיגע פאַזעס ביז צו דער ענדגילטיגער אָפּשטימונג פונעם ווילעדזש און טאַון איבער'ן אַנעקסעישאָן.

תושבי קרית יואל קוקן אַרויס אויף אַ פרידליכן פּראָצעדור, ווען יעדער פאַרשטייט דעם לעבענס-וויכטיגן געברויך פון הרחבת גבולי הקדושה צו קענען אַקאָמאַדירן דעם נאַטורליכן וואוקס בליעה"ר, וואָס נאָר אַזאַ אַנעקסעישאָן קען בדרך הטבע בס"ד העלפן צו קענען האַלטן אַן אָפענע און באַלאַנסירטע דירות-מאַרקעט פאר די קומענדיגע יאָרן בעזהשי"ת, און עס וואונטשט זיך פאַר די הנהלת הקריה דעם פסוק פון כל כלי יוצר עליך לא יוצלח, אַז די אַלע וואָס זוכן דאָס צו שטערן, מבפנים ומבחוץ, זאָלן נישט מצליח זיין אָפּצושטעלן דעם בליה און וואוקס פון די הייליגע שטאָט, עיר לנו עוז קרית יואל, וואָס רבינו הקוה"ט זי"ע האָט אויפגעשטעלט בשארית כוחותיו ועל שמו נקרא, נאָר אדרבא, בקרוב זאָלן מיר הערן די פריידיגע בשורה פון הרחיבי מקום אהלך.

# "אַנעקסעישאָן סעשאָנס"

(פאַרזעצונג פון זייט 17)

האָבן שוין אַ מייק אין סאַמע קרית יואל האָבן זיי דאָס אויסגענוצט צו ליאַרמען קעגן אירע איינוואוינער און די קינדער-געבענטשטע פאַמיליעס בליעה"ר. אַנדערע האָבן איבערגעקייט די ליגנטס איבער סאָושעל-סערוויס פעלשערייען און באַשולדיגונגען איבער פאַלשע וואַל-מיסברויכן, אַלעס אין אַ פאַרזוך צו העצן די געמיטער, פּרובירנדיג צו אַרומדרייען אַז דער אָוונט זאָל פאַרקירעווען ווערן צו אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דאָס עצם עקזיסטענץ פון די הייליגע שטאָט קרית יואל.

דורכאויס די גאַנצע צייט האָבן די באַטייליגטע איינוואוינער געהאַלטן פאַר די אויגן דעם פליכט פון אַ איד אין אַזאַ מצב, אָננעמענדיג דעם מיטל פון אַ טאָטאַלע אינגנאָרירונג. עס האָט קיינער נישט געשריגן ווען די צעיושעטע באַטייליגטע האָבן געפּאַטשט מיט די הענט נאָך וואַנזיניגע זאַצן אָדער לעכערליכע בלבולים; עס איז נישט געקומען קיין רעאַקציע ווען באַטייליגטע פון "יונייטעד מאָנראָ" האָבן געהעצט קעגן די אָפּגעזונדערטקייט אין וועלכע תושבי קרית יואל זוכן צו לעבן. ווען צווישן אנדערע האט אויך געקלינגען אין די אויערן איינע פון די קאמענטירער וואס האט פשוט גע'טענה'ט דעם "יקרה ויאה את אין תערבי למרותא..." אויף די ענגלישע שפראך, מ'האָט יעדן געלאָזט אָפּזאָגן זיינע דריי-מינוטיגע זאַצן און די זיצונג איז ווייטער געפאָרן מיט אַ רואיגקייט, וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך.

אינצווישן האָט מען אויך געהערט באַלאַנסירטע און טרעפליכע רעדעס פון עטליכע תושבי קרית יואל און לאַנד-אייגנטומער פון אינדרויסן וועלכע ווילן אַז זייערע באָדנס זאָלן אַנעקסירט ווערן. די היימישע רעדנער האָבן אַלע אַרויסגעברענגט אין קורצע ווערטער אַז תושבי קרית יואל זענען נישט דאָ צו טשעפּען קיינעם, נאָר פאַרקערט, אונזער עקזיסטענץ האָט נאָר געברענגט בענעפיטן פאַר'ן אומגעגנט, ווען היסטאָריש האָט דאָס געברענגט אַ קרימינאַל-פרייע אַטמאָספערע און נאָר געהויבן די עקאָנאָמיע פאַר'ן גאַנצן אומגעגנט, מיט דזשאַבס פאַר לאָקאַלע איינוואונער, און פראצענטועל האט דאס גאר א נידריגע טראפיק-ראטע, אַזוי אַז ווער עס וויל קוקן מיט אַ ניכטערן בליק וועט "אַנעקסעישאָן" גאָרנישט שאָטן פאַר די שכנים, נאָר פאַרקערט, עס קען נאָר אַרויסקומען אַ טובה פאַר יעדן איינעם.

ווי געזאָגט זענען די רעדעס געגאַנגען איינער נאָך דער צווייטער אָן קיין ערנסטע צווישנרופן. די "יונייטעד מאָנראָ" באַטייליגטע האָבן זיך גאָר שנעל איבערצייגט אַז זייערע פאַנטאַזיעס אַז מ'זוכט דאָ עפּעס צו באַהאַלטן, אַדער אַז קרית יואל שרעקט זיך פון זייער אָנוועזנהייט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס לופטיג און לעכערליך, טראָץ דעם וואָס עס איז קיינעמס נישט וואונטש אַז אַזעלכע עלעמענטן זאָלן זיך דרייען צווישן אונז, און האָפנטליך נאָכדעם וואָס זיי האָבן איינגעזען אַז זייער קומען אַהער ברענגט זיי נישט קיין רעזולטאַטן, וועט דאָס אפשר אָפּשטעלן זייער רייץ זיך צו באַווייזן דאָ אין קומענדיגע געלעגנהייטן.

ביילייפיג 8:30 אום אָוונט האָט זיך די זיצונג אָפיציעל געשלאָסן ווען דער לעצטער רעדנער האָט געענדיגט זיינע דריי מינוט. אלע קאמענטארן זענען


# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

## ימים טובים סקעדזשועל פון אונזערע באסעס

**תשע"ה**

**מיטוואך ערב ר"ה**
**Sep. 24**
**לאקאלע רוט:**
פון 11:00 ביז 3:00

**זונטאג צום גדלי'**
**Sep. 28**
**לאקאלע רוט:**
פון 12:00 ביז 5:30
**וואלמארט (רוח החיים) רוט:**
פון 12:00 ביז 5:15

**פרייטאג ערב יוה"ק**
**Oct. 3**
**נישטא קיין טראנספארטאציע סערוויס**

**זונטאג נאך יו"כ**
**Oct. 5**
**לאקאלע רוט:**
**וואלמארט (רוח החיים) רוט:**
פון 12:00
**די רוטס וועלן זיך ענדיגן אויפ'ן רעגולער סקעדזשועל**

**מיטוואך ערב סוכות**
**Oct. 8**
**לאקאלע רוט:**
פון 9:00 ביז 3:00

**זונטאג - מאנטאג - דינסטאג חוה"מ**
**Oct. 12, 13, 14**
**וואלמארט (רוח החיים) רוט:**
פון 1:00 ביז 7:00

**מיטוואך הושענא רבה**
**Oct. 15**
**נישטא קיין טראנספארטאציע סערוויס**

**זונטאג נאך יום טוב**
**Oct. 19**
**לאקאלע רוט:**
פון 1:00
**וואלמארט (רוח החיים) רוט:**
פון 12:00
**די רוטס וועלן זיך ענדיגן אויפ'ן רעגולער סקעדזשועל**

**נ.ב. אין די נישט געוועגליכע טעג (צ.ב.ש. אין די ימים טובים צייטן, חגאות, אדער ווען ס'איז דא טוישונגען אין די סקול טראנספארטאציע), איז ראטזאם אריינצורופן צום ווילידזש טראנספארטאציע ליין, 783-8300 Ext. 1-4-2 צו הערן צו די באס סקעדזשועל איז אויף די האלידעי סקעדזשועל**

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

געדענקט: ווען איר קויפט א טיקעט-בוך באקומט איר די ביליגסטע פרייזן

# עפאָרדעבל דירות אינפארמאציע

צוליב פילע אָנפראַגעס איבער די "עפאָרדעבל דירות געזעץ" און היות
עס זענען אריינגעקומען א צאל קאמענטארן און קאמפלעינס איבער געוויסע
"דירות פראיעקטן" פון דער פאַרגאַנגענהייט ווי געוויסע

# "עפארדעבל דירות"
# זענען פארטוישט געווארן

און פאַרקויפט געוואָרן אונטער אַנדערע באדינגונגען ווי דער מוכר
האט עס דאָקומענטירט ביים אַרויסנעמען די בוי פערמיט, וואָס האָט געפירט
אז די קונים האבן געהאט דערנאך עגמת נפש

**דעריבער טוען מיר דא פארעפנטליכן א פונקטליכע**

## ליסטע פון "עפארדעבל דירות"

ביי אלע פראיעקטן וואס האלטן יעצט אינמיטן די בוי-אַרבעט
מיט די דעטאלן לויט ווי אזוי עס איז ארויסגעשריבן אינעם בילדינג פערמיט.
(מעגליך אז א חלק דערפון זענען שוין פאַרקויפט)

ווען איר האנדלט וועגן א דירה, נעמט אין באטראכט דעם פונקטליכן "יוניט נומבער"
און די ציפער פון די "סקווער פיס", כדי נישט אַנטוישט צו ווערן נאָכדעם.

* * *

## קאָמענטאַרן און באמערקונגען

ביי דער געלעגנהייט טוען מיר זיך באדאנקן פאר אלע וואס האבן אריינגערופן מיט
וויכטיגע קאָמענטאַרן און אינפאָרמאַציע, און אזוי אויך ווילן מיר נאכאמאל בעטן:

**אויב האט איר דעטאלן וועגן סיי וועלכע אומלעגיטימע זאך אדער פאר**
**פארשלאגן און קאמענטארן איבער'ן "עפארדעבל האוזינג געזעץ"**
**רופט אַריין אויף: 845-492-3287**
**און לאזט איבער א מעסעדזש**

אייער אידענטיטעט וועט בלייבן קאנפידענשל לויט אייער פאַרלאַנג, מיט דעם טוט איר ארויסהעלפן
דעם ציבור צו קענען צוקומען צו "עפארדעבל דירות" בצדק וביושר.




(פארזעצונג פון זייט 16)

אויסגעהאַלטן.

מיט דאַנק פאַר'ן פאַרעפנטליכן די שורות און מיט ברכת גמר חתימה טובה, אַ יאָר ווען אַלע אידן זאָלן זיין אָפּגעהיטן מכל נגע ומכשול ח"ו.

**נ. ק.**
**תושב גאַרפיעלד רד.**

**רעדאַקציע:** דער בריוו איז אַריינגעקומען אויף ענגליש פון איינעם נישט פון אונזערע קרייזן. מיר זעצן דאָס איבער צו ברענגען צו קענטעניס אַ וויכטיגע זאַך, טראָץ דעם וואָס עס איז אפשר נישט נוגע קיין גרויסן ציבור ביי אונז צייגט אָבער דער בריוו אַז דאָס קען זיך גרעניצן מיט אַן ענין פון חילול השם

### איבער קליידונג-פירמע מיט נאַצי פאַרגאַנגנהייט

צו די איינוואוינער פון קרית יואל,

עס איז מיר אויסגעקומען צו באַמערקן לעצטענס אַז געוויסע איינוואוינער פון קרית יואל קויפן קליידונג פון די "הוגא באסס" פירמע, וואס האט א געשעפט אין די אומגעגנט, וואָלט איך געוואָלט ברענגען צו זייער קענטעניס וואס קען זיין אַז נישט יעדער איז באַקאַנט מיט די פאַקט, אַז דער מאַן אויף וועמענ'ס נאָמען די פירמע ווערט גערופן האָט גאָר "דעזיינט" אַנצוגן און מונדירן פאר די פאַרשאָלטענע נאַצי מיליטער. עס איז אפילו פאַרבליבן אַ בילד פונעם דערמאַנטן פירמע-הויפט מיט'ן רשע היטלער ימש"ו.

איך ווייס אַז די פירמע האָט אין די לעצטיגע צענדליגער יאָרן פרובירט זיך אָפּצושאָקלען פון זייער שוואַרצע פאַרגאַנגענהייט, דאָך ווער איך שטענדיג שאָקירט ווען איך זע אַז אידן דרייען זיך מיט אַזעלכע מלבושים.

מיט דאַנק און עהרע,

**מר. ק. נ.**

| אדרעסס | יוניט | סקווער פיס | | בילדער/פארקויפער |
|---|---|---|---|---|
| 16 Fillmore Ct. | #201 | 1,600 | 1 | ר' משה יאקאבאוויטש |
| | #202 | 1,600 | 2 | |
| | #302 | 1,600 | 3 | |
| | #402 | 1,600 | 4 | |
| | #404 | 1,600 | 5 | |
| 2 Lizensk Bl. | #201 | 1,600 | 1 | ר' בנימין ווערצבערגער |
| | #202 | 1,600 | 2 | |
| 7 Van Buren Dr. | #102 | 1,600 | 1 | ר' זלמן לייב ווייס |
| | #202 | 1,528 | 2 | |
| | #213 | 1,312 | 3 | |
| 13 Van Buren Dr. | #203 | 1,600 | 1 | ר' אברהם יודא ג"ב |
| | #402 | 1,583 | 2 | |
| | #403 | 1,583 | 3 | |
| 15 Van Buren Dr. | #113 | 1,300 | 1 | ר' בנציון קליין |
| | #211 | 1,400 | 2 | |
| | #311 | 1,400 | 3 | |
| | #411 | 1,400 | 4 | |
| Veinyard - BUILDING # 1 | #001 | 1,600 | 1 | |
| | #002 | 1,600 | 2 | |
| | #003 | 1,600 | 3 | |
| | #004 | 1,600 | 4 | |
| Veinyard - BUILDING # 2 | #001 | 1,500 | 5 | |
| | #002 | 1,500 | 6 | |
| Veinyard - BUILDING # 3 | #001 | 1,300 | 7 | |
| | #002 | 1,300 | 8 | |
| | #005 | 1,300 | 9 | |
| | #006 | 1,300 | 10 | |
| | #007 | 750 | 11 | |
| | #011 | 1,200 | 12 | |
| | #012 | 1,300 | 13 | |
| | #013 | 1,150 | 14 | |
| | #014 | 1,150 | 15 | |
| | #015 | 1,300 | 16 | |
| | #016 | 1,300 | 17 | |
| | #017 | 850 | 18 | |
| | #301 | 2,600 | 19 | |
| Veinyard - BUILDING # 4 | #001 | 1,300 | 20 | |
| | #002 | 1,000 | 21 | ר' אהרן וויינבערגער |
| | #003 | 1,000 | 22 | |
| | #004 | 1,000 | 23 | |
| | #005 | 1,000 | 24 | דער פראָיעקט ווערט געבויעט צווישן געציל בערגער און ישראל זופניק |
| | #006 | 1,400 | 25 | |
| | #102 | 1,500 | 26 | |
| | #103 | 1,500 | 27 | |
| | #104 | 1,500 | 28 | (ביי דעם פראיעקט איז די סך הכל עפארדעבל סקווער פיס 30% פונעם גאנצן פראיעקט וואס איז מיט פופציג פראצענט מער ווי די געווענליכע מינומום פון 20%) |
| | #105 | 1,500 | 29 | |
| | #202 | 1,500 | 30 | |
| | #203 | 1,500 | 31 | |
| | #204 | 1,500 | 32 | |
| | #205 | 1,500 | 33 | |
| | #302 | 1,500 | 34 | |
| | #303 | 1,500 | 35 | |
| | #304 | 1,500 | 36 | |
| | #305 | 1,500 | 37 | |
| | #404 | 1,500 | 38 | |
| | #405 | 1,500 | 39 | |
| Veinyard - BUILDING # 5 | #001 | 1,600 | 40 | |
| | #002 | 1,550 | 41 | |
| | #003 | 1,550 | 42 | |
| | #004 | 1,550 | 43 | |
| | #005 | 1,550 | 44 | |
| Veinyard - BUILDING # 6 | #001 | 1,600 | 45 | |
| | #002 | 1,600 | 46 | |
| | #003 | 1,600 | 47 | |
| | #004 | 1,600 | 48 | |
| | #005 | 1,600 | 49 | |
| | #006 | 1,600 | 50 | |

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

## - קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט -

# מודעה חשובה!

## דערמיט ווילן מיר מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער, אז אונזער "פאספארט אפטיילונג" שטייט גרייט אייך צו באדינען מיט אלע אייערע

# פאספארט געברויכן אויפ'ן פלאץ

## אין אפיס פון די ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט אין שאפינג סענטער

פאלגענד זענען עטליכע וויכטיגע אנווייזונגען ווען איר אפלייעט פאר א פאספארט:

- ביטע מיטברענגען בוירט סערטיפיקעט, סאשעל סעקיורעטי קארד און א פיקטשער איי די, (עס איז ראטזאם מיטצוברענגען אלע אידענטיפיקאציע דאקומענטן).
- די וואס האבן שוין אמאל געהאט א פאספארט, דארפן אויך מיטברענגען דעם אלטן פאספארט.
- פאר קינדער וואס פארמאגן נישט קיין פיקטשער איי די, דארף מען מיטברענגען א פיקטשער איי די פון ביידע עלטערן, ווי אויך דארפן ביידע עלטערן אראפקומען פערזענליך.
- דאס געלט פאר די סטעיט דעפארטמענט דארף באצאלט ווערן דורך טשעק אדער מאני ארדער.
- פאספארט בילדער ווערט געמאכט אויפ'ן פלאץ.

## – פאספארט פרייזן –

**U.S. Passport Book**

| | **Passport Fee** Payable to Department of State | **Execution Fee** Payable to Acceptance Facility | **Total First-Time Applicant Fee** |
|---|---|---|---|
| **Adults** First Time (age 16 and over) | $110 | $25 | **$135** |
| **Adults** Renewal (Applying with DS-82) | $110 | $0 | **$110** |
| **Minors** (under age 16) | $80 | $25 | **$105** |

**U.S. Passport Card**

| | **Passport Fee** Payable to Department of State | **Execution Fee** Payable to Acceptance Facility | **Total First-Time Applicant Fee** |
|---|---|---|---|
| **Adults** First Time (age 16 and over) | $30 | $25 | **$55** |
| **Adults** Renewal (Applying with DS-82) | $30 | $0 | **$30** |
| **Minors** (under age 16) | $15 | $25 | **$40** |

## דער פאספארט אפטיילונג איז אפן אין די פאלגנדע זמנים:

מאנטאג ביז דאנערשטאג: פון 10:00 פארמיטאג ביז 4:00 נאכמיטאג

פרייטאג: פון 10:00 ביז 11:00 פארמיטאג

## פאר מער אינפארמאציע רופט אין ווילידזש אפיס: 783-8300 Ext. 2

מיט דאנק

**דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט**

# אינפארמאטיווער שמועס

## מיט דער ווילעדזש קאמיוניטי סאושעל סערוויסעס

## פאספארט אפטיילונג




אפצייכענענדיג 5 יאר זינט באשטעטיגט ווערן אלס "פאספארט אגענטור" - און אין אנבליק פון פרישע לייסענס-באנייאונג פאר אירע 5 פאספארט אגענטן

אין די איצטיגע טעג איז אויפגענומען געווארן מיט פרייד די מעלדונג פון דער לייסענס-באנייאונג פאר די ווילעדזש "קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס" דעפארטמענט צו קענען ווייטער ארויסגעבן און זיך אָפּגעבן מיט די פּאַספּאָרט אַפּליקאַציעס פאר'ן ציבור און עס דערנאך ווייטער שיקן צו די פעדעראלע סטעיט דעפארטמענט, וואו עס ווערט ענדגילטיג פראצעסירט.

אין אנבליק פון די נייעס האט "הקריה" געכאפט א שמועס מיט'ן געטרייען אנפירער פונעם "קאמיוניטי סאושעל סערוויסעס" אָפּטיילונג אינעם ווילעדזש, ה"ה הר"ר איסר יודא בערגער הי"ו, און מיט'ן געטרייער עסקן הר"ר יואל (ברא"י) מערץ הי"ו, וועלכע ארבעטן כסדר געטריי און איבערגעגעבן פאר די סאָושעל סערוויס געברויכן פון תושבי קרית יואל, און שטייען אויך בראש פון די וויכטיגע אונטערנעמונג זיך אָפּצוגעבן מיט די פּאַספּאָרטן דא אין קרית יואל, וואס האט שוין ארויסגעהאלפן העכער 4,500 איינוואוינער צו ערלעדיגן די וויכטיגע זאך אויף א לייכטן און שנעלן אופן.

### בעפאר מיר גייען ארומרעדן וועגן א פּאַספּאָרט, וואָלט איר אפשר אונז געקענט ערקלערן וואס איז דער באדייט פונעם "פּאַספּאָרט אָפּטיילונג" אינעם ווילעדזש? איז א פּאַספּאָרט נישט עפעס וואס ווערט ארויסגעגעבן דורך די פעדעראלע רעגירונג - נישט דורך לאקאלע סטעיטס און ווילעדזשעס?

ס'איז ריכטיג אז דאס באשטעטיגן פּאַספּאָרטן איז עפעס וואס געהער צו די פעדעראלע סטעיט דעפארטמענט, און די פעדעראלע רעגירונג האט בערך 25 פּאַספּאָרט-אפיסעס איבער גאנץ אמעריקע (א שטייגער ווי דער אפיס אין סטעמפארד, קאנעטיקוט).

אבער אזויווי די פּאַספּאָרט-אפיסעס פארפיגן אויף גאר גרויסע שטרעקעס און געגנטער, און ס'איז אוממעגליך פאר דעם איינעם אפיס צו קענען אליינס באהאנדלען אזויפיל הונדערטער טויזנטער מענטשן, נעמען זיי אויף אנדערע באאמטע אונטער זיך, ווי צב"ש לאקאלע פאסט-אפיסעס און מוניציפאליטעטן, אז זיי זאלן אויספירן די ארבעט פון האנדלען מיט די לאקאלע בירגער, אויפצונעמען און זיך אפצוגעבן מיט די אלע פרטים פון די פּאַספּאָרט אַפּליקאַציעס.

די לאקאלע אגענטורן דינען אזויווי "אגענטן" (Acceptance Agents) פון די פעדעראלע פּאַספּאָרט אפיסעס, און זיי ווערן באפולמעכטיגט אנצונעמען און זיך אפצוגעבן מיט די פּאַספּאָרט-אַפּליקאַציעס אין נאמען פון די פעדעראלע רעגירונג.

### איז יעדע לאקאלע מוניציפאליטעט בארעכטיגט צו דינען אלס א פּאַספּאָרט-אגענטור?

יא. יעדע מוניציפאליטעט קען טעכניש אריינגעבן א פארלאנג צו ווערן א פּאַספּאָרט-אגענטור, אבער די פעדעראלע רעגירונג מאכט גרויסע שוועריקייטן אויפצונעמען נייע אגענטורן, צוליב וואס זיי ווילן נישט האבן צופיל אגענטן אין איין געגנט, און אויב עס איז נישט פארהאן אזא שטארקער געברויך אין יענער געגנט, נעמען זיי נישט אָן דעם פארלאנג.

### וויאזוי און ווען איז דער ווילידזש געווארן באשטעטיגט אלס א פּאַספּאָרט-אגענטור?

ס'איז גראדע א גוטע פראגע, ווייל מיר האבן געהאט דערביי שטארקע סייעתא דשמיא און זיך קלאר איבערצייגט אינעם "יגעת ומצאת תאמין" אז ווען מ'טוט לטובת הציבור און מ'גיבט נישט אויף, העלפט מען פון הימל און מען קומט סוף כל סוף אָן.

באמת האט קרית יואל שוין געארבעט יארן לאנג צו קענען קריגן די רעכט צו דינען אלס א פּאַספּאָרט אגענטור. נאך אין די צייט פונעם לעגענדארן עסקן און סאושעל סערוויס דירעקטאר ר' הערשל גודוויין ע"ה זכור לטוב - ווען א גרויס טייל קרית יואל געדענקט נאך ווי ער האט געארבעט מיט געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט לטובת די קרית יואל'ער איינוואוינער מיט אלע זייערע געברויכן - האט ער זיך שוין בשעתו געהאט אריינגעלייגט צו פארלאנגען פון די רעגירונג אז זיי זאלן ערמעגליכן אהערצושטעלן דא א פּאַספּאָרט אָפיס, וואס זאל קעגנקומען די אייגנארטיגע געברויכן פון אונזער ציבור, אז מ'זאל זיך נישט דארפן אַרומקריכן אינדרויסן, ועוד ועוד.

למעשה איז עס בשום אופן נישט געגאנגען. מ'האט געהאט אָנגעקלאַפּט אויף די פענסטער פון אלערליי פאליטישאנס; דער באקאנטער קאנגרעסמאן בען גילמאן - וועלכער האט, אגב, ביי אסאך געלעגנהייטן שטארק געהאלפן תושבי קרית יואל, ספעציעל אין אימיגראציע געברויכן - האט פילע מאל געשיקט בריוו און אנגעקלאפט ביי די הויכע פענסטער אין וואשינגטאן, אבער מ'האט נישט סוקסעסירט.

אבער דער ווילידזש האט נישט אויפגעגעבן, און מיט ארום זעקס יאר צוריק, אין יאר '08 למספרם, האבן דער געטרייער מעיאר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו זיך ווידעראמאל פארבינדן מיט די פעדעראלע פּאַספּאָרט אינסטאנצן אין מאנהעטן און געבעטן נאכצוקומען דעם פארלאנג פון די טויזנטער קרית יואל'ער איינוואוינער.

נאך א צאל בריוו-אויסטוישן און טעלעפאנישע געשפרעכן איז געקומען אן ענטפער פון די קאנעטיקוט פּאַספּאָרט אפיס מענעדזשער, מיט וועמען מיר האבן באלד פון אנהייב אנגעקניפט גוטע באציאונגען, וועלכע האט אונז אויפגענומען זייער סימפאטיש און ערנסט באטראכט אונזער פארלאנג.

דער קאָנעטיקוט אפיס האָט זיך שפעטער נאכאמאל פארבינדן מיט די ווילידזש באאמטע, און אונז געלאזט וויסן אז נאכן גוט שטודירן און נישטערן איבער קרית יואל מיט'ן לעבנס שטייגער פון אירע טויזנטער איינוואוינער, פון וואס זיי זענען געווארן מורא'דיג איבערגענומען, האָבן זיי באשלאסן אנצונעמען די אַפּליקאַציע און באשטעטיגט אז דער ווילידזש קען דינען אלס א פּאַספּאָרט אגענטור.

צו קענען ווערן א פּאַספּאָרט אגענטור דארפן די איינגעשטעלטע דורכגיין ספעציעלע טרענירונג צו קענען ווערן "פּאַספּאָרט אגענטן", און אַ פאָרשטייערן פון די דערמאַנטע קאָנעטיקוט אפיס האט זיך אנגעטראגן אז צו די ערשטע טרענירונג וויל זי אליינס אראפקומען קיין קרית יואל צו זען מיט די אויגן פון וואס מ'רעדט.

ס'איז דאַן אראנדזשירט געווארן א טרענירונג אינעם היזיגן ביזנעס צענטער אויף בעיקערטאַון ראוד, וואס האט ב"ה אויסטערליש שטארק באאיינדרוקט די פּאַספּאָרט אָפיס באַאַמטע סיי די גאנצע פרעכטיגע ווירטשאפט וואס קומט פאָר אין די שטאט בכלל און די ווירטשאַפט אינעם ווילעדזש אפיס בפרט.

נאך די סעריע טרענירונג האבן מיר ב"ה ענדגילטיג באקומען דעם אפיציעלן סערטיפיקאט אלס באשטעטיגונג אז דער ווילידזש קען דינען אלס א פּאַספּאָרט אגענטור, לטובת דעם גאנצן ציבור.

### וואס איז טאקע דער אויפטו פאר'ן ציבור אז מ'האט דא אייגענע פּאַספּאָרט אגענטן?

ס'דערקענט זיך פון דיין פראגע אז דו האסט שוין לאנג נישט געמאכט קיין פּאַספּאָרט...

מאכן א פּאַספּאָרט פלעגט זיין אן אפקומעניש פון צייט און געלט, כח און עגמת נפש. מ'האט געוואוסט פון פאראויס אז אַ 'פּאַספּאָרט טאג' מיינט דערלייגן א טאג צייט פון לערנען און/אדער ארבעטן, מיט פילע עגמת נפש פון אנהייב ביז'ן סוף. ווער רעדט נאָך אויב מ'האט געדארפט האבן דעם פּאַספּאָרט אין דער איילעניש און מ'האט פרובירט צו רעדן צום הארטנעקיגן באאמטן פון די אנדערע זייט דיקע גלאז, און ס'האט צומאל געקענט אויסזען ווי יענער האט וואטע אין די אויערן...

כדי צו קענען מאכן א פּאַספּאָרט פלעגט מען דארפן אראפפארן ביז גאושען, אדער שפעטער, ווען די מאנרא פאסט-אפיס האט שוין אויך אנגעהויבן אויפצונעמען פּאַספּאָרטס, האט מען זיך געדארפט ספראווענען מיט לאנגע ליניעס און אנדערע אפקומענישן.

[הערת הזעצער: יעצט טאקע דערמאן איך זיך ווען איך בין געווען יארן צוריק אין מאנהעטן אינעם פּאַספּאָרט אפיס. אנגעקומען 10 פארמיטאג און געזעצן אויף שפילקעס ביז 5 נאכמיטאג, בלי גוזמא. ווען ס'איז ענדליך געקומען מיין רייע האט דער באאמטער נישט געוואלט אקצעפטירן מיין סאשעל סעקיוריטי קארטל וויבאלד ס'איז נישט געווען אונטערגעשריבן...

ער האט מיר אפילו נישט געוואלט לאזן אונטערשרייבן אויפ'ן פלאץ, נאר אויב איך ברענג אים אן אלטע אונטערשריפט פון ערגעץ אנדערש, אז ער זאל קענען באשטעטיגן אז דאס איז ווירקליך מיין אונטערשריפט. גיי זיי מסביר פאר דעם גוי אז איך בין א ישיבה בחור וואס האט נישט קיין באנק אקאונט, קיין דרייווערס לייסענס, קרעדיט קארד, ושאר ירקות. ער האט מיר אנגעקוקט ווי כ'וואלט אראפ פון דער לבנה.

ענדליך האב איך זיך דערמאנט אז איך האב געהאט אונטערגעשריבן קאלעדזש פראגראם, און ברוב טובו האט ער מסכים געווען צו נעמען דאס אלס עדות. ס'האט מיר אבער געקאסט נאך

(פארזעצונג אויף זייט 22)

### נעמט אין אכט!

**די סאָושעל סערוויס דעפּאַרטמענט האָט אונז אויפמערקזאַם געמאַכט אַז ס'שטאַרק וויכטיג אַז דער ציבור זאָל צום קענטעניס נעמען, אַז אזוויי עס האבן זיך לעצטנס פארמערט די צאל לענדער וועלכע אַקצעפּטירן נישט קיין פאספארט וואס לויפט אפ אין די קומענדיגע 6 חדשים, אפילו די לענדער וואו מ'דארף נישט קיין וויזא ווען מ'קומט פון אַמעריקע, און זיי מאכן פראבלעמען ביים אריינקומען אין זייער לאנד אונטער אַזעלכע פּאַספּאָרטן, דעריבער איז גאָר וויכטיג צו באנייען אייער פאספארט מער ווי זעקס חדשים בעפאר דער פאספארט לויפט אָפּ און אַזוי ארום צו שפּארן אומזינסטע עגמת נפש בס"ד.**

**ס'איז זייער זייער וויכטיג דאס צו וויסן און האלטן אין חשבון, ווייל מ'קען זיך טרעפן מיט אן ערנסטן פראבלעם ווען מ'האלט אט אט ביים פאָרן.**

# אינפארמאטיווער שמועס

מיט דער ווילעדזש קאמיוניטי סאושעל סערוויסעס

## פאספארט אפטיילונג

(פארזעצונג פון זייט 21)

א האלבן טאג ביז ווען כ'בין געגאנגען נעמען א קאַפּי פון מיין אייגענע אונטערשריפט און אים ברענגען איבערצייגן אז איך בין טאקע יא איך.]

היינט-צו-טאגס קען מען זיך דאס גארנישט פארשטעלן! מ'קומט ארויף אין ווילעדזש אפיס וואו עס זיצן דארט 5 היימישע באאמטע וועלכע זענען אדורך די נויטיגע טרענירונג און לייסענס צו דינען אלס פּאַספּאָרט אגענטן. זיי רעדן צו אייך אין א היימישן אידיש, ערקלערן געדולדיג אויב איר פארשטייט נישט עפעס, און העלפן אייך אויף טריט-און-שריט ביז איר באקומט אייער פּאַספּאָרט ווי אמשנעלסטן בע"ה.

### וואס למשל הייסט "טרענירונג"? צי וואס דארף מען א לייסענס?

קודם דארפן די אגענטן זיכער מאכן צי מ'האט אלע ריכטיגע דאקומענטן און צי אלע אינפארמאציע אויף דער אַפּליקאַציע איז ריכטיג אויסגעפילט.

אויך דארפן די אגענטן זיין גוט טרענירט אויפצוכאפן אויב עמיצער זוכט אויסצושפילן דעם סיסטעם, וואס איז אלעמאל געווען זייער שטרענג, און נאכמער זינט די טעראָר-אטאקע פון סעפטעמבער עלעווען און די נאכפאלגנדע מלחמה קעגן טעראר.

ביי אונזער היימישן ציבור איז ב"ה נישט פארהאן די סארט פראבלעמען. וואס ס'מאכט זיך אבער יא, און אביסל צו אפט, איז מענטשן וואס האבן פארלוירן א פּאַספּאָרט און זיי ווילן איבערמאכן זייער פּאַספּאָרט, וואס דאס איז עפעס אויף וואס דער פעדעראלער אפיס קוקט זייער שטרענג נאך, ווייל דאס איז א מיטל וואס אסאך שווינדלער נוצן צו ערהאַלטן נאָך אַ פּאַספּאָרט, וואס זיי נוצן דערנאך פאר זייערע פעלשערייען.

אין דער אלגעמיינער אינטערוועלטניק גאס איז פארהאן א גאנצע אינדוסטריע וועלכע גיבט זיך אפ מיט פראדוצירן פאלשע פּאַספּאָרטן, און דערפאר קוקט די פעדעראַלע רעגירונג נאך מיט זיבן אויגן יעדן פּאַספּאָרט פארלאנג וואס קוקט זיי אויס פארדעכטיגט, און זיי פארלאנגען פון אלע פּאַספּאָרט אגענטן אונטער זייער אויפזיכט צו זיין גאר שטרענג מיט יעדע זאך וואס שמעקט פארדעכטיגט.

אָט צום ביישפיל האָבן מיר געהאט עמיצן וואס האט צוויי מאל פארלוירן זיין פּאַספּאָרט און דער פּאַספּאָרט אפיס האט אים מער נישט ארויסגעגעבן קיין פּאַספּאָרט אויף לענגער ווי 1 יאר, פאר די קומענדיגע 5 יאר. יעדעס איינציגע יאר האט ער געדארפט פריש אראפגיין אין אפיס מאכן א נייעם פּאַספּאָרט. הערשט 5 יאר שפעטער האָבן זיי זיך שוין געפילט גענוג רואיג און האבן אים ענדליך געשאנקען א נייע פּאַספּאָרט אויף 10 יאר.

ס'מיינט נישט צו זאגן אז איינער וואס וויל איבערמאכן א פארלוירענעם פּאַספּאָרט האט עפעס וואס מורא צו האבן, מ'דארף נאר זיין גערישט אז דער פעדעראלער פּאַספּאָרט אפיס האלט אן אויג אויף אזוינע פעלער.

נאך א מערקווירדיגע זאך וואס מ'דארף זיך טרענירן ביים ווערן א פּאַספּאָרט אגענט, איז דאס זיין באהאוונט מיט אלערליי סארט "דרייווערס לייסענס" פון גאנץ אמעריקע און קאנאדא!

אויב קומט למשל עמיצער מיט א לייסענס פון קענסאס אדער ארעגאן, מוזן מיר קענען וויסן צי דאס איז טאקע ריכטיג, אדער געפעלשט. דא אין אונזער אפיס האָבן מיר א ספעציעלער ביכל מיט אלערליי סארט דרייווערס, און נאן-דרייווערס, לייסענס וואס ווערט ארויסגעגעבן איבעראל אין די פאראייניגטע שטאטן אדער אין קאנאדא, כדי מיר זאלן עס קענען שטודירן און איבערקוקן.

> ס'איז שטאַרק וויכטיג אַרויסצו-ברענגען און צוּוויסן טון פאַר'ן ציבור, אַז אויב א פּאַספּאָרט ווערט פארלוירן זאל מען נישט צעגערן, נאר זאפארט אריינרופן אינעם פּאַספּאָרט אפיס זיי איינמעלדן אז דער פּאַספּאָרט איז פאַרלוירן געגאנגען, וואו זיי וועלן באלד אנולירן דעם אַלטן פּאַספּאָרט.
>
> די פּאַספּאָרט באַאַמטע האבן אונז אמאל איבערגעגעבן אז זיי האבן שוין געטראפן א "היימישן" פּאַספּאָרט אין די הענט פון רוסישע שמוגלערס! גאט באהיט וואס זיי האבן אלס אנגעמאכט אויפ'ן נאמען פון דעם אומשולדיגן איד וואס האט פשוט פארלוירן א פּאַספּאָרט!
>
> מ'דאַרף אויך זיין זייער פארזיכטיג, אַז איינמאל דער פּאַספּאָרט איז אנולירט, און איר טרעפט עס, איז עס ווייטער שוין נישט גילטיג, און אויב איר וועט עס פרובירן צו נוצן, קען מען אייך ארעסטירן דערפאר!

פארשטייט זיך אז דאס ביכל ווערט כסדר געאפדעיט, וויבאלד די דאזיגע אינפארמאציע און לייסענס האלטן זיך אין איין טוישן.

אויך דאַרפן זיך די אַגענטן טרענירן אז ביים אויספרעגן אן "עדות" (וויטנעס) זאל מען באטראכטן וויאזוי דער עדות גיבט אראפ די ענטפערס, אויב ער ווייסט קלאר די דעטאלן פונעם מענטש אויף וועמען ער זאגט עדות, אדער יענער מוז אים 'ארויסהעלפן' זיך צו 'דערמאנען' געוויסע פרטים, וואס איז א קלארער באווייז אז ס'איז א פוסטער שווינדל [ב"ה אז ביי אונז האט מען נאך קיינמאל נישט געהאט אזא זאך. אבער דאס איז אויך עפעס אויף וואס מ'דארף זיך טרענירן].

### אז מ'רעדט פון "נאן-דרייווערס לייסענס" איז מיר טאקע אינטערעסאנט צו וויסן, וואס פונקטליך איז דער חילוק צווישן א פּאַספּאָרט און א נאן-דרייווערס איי-די? בכלל, איז דא עפעס א בענעפיט פאר סתם א מענטש צו מאכן א פּאַספּאָרט? סתם אזוי וועט מיר קיינמאל נישט בייפאלן זיך אויפצוהייבן און ארויספארן פון לאַנד פון איין מינוט אויף די אנדערע, איז וואס דארף איך יעצט מאכן א פּאַספּאָרט? האב איך נישט קיין צייט צו מאכן א פּאַספּאָרט ווען איך באשליס צו פארן? העכסטנס וועל איך מאכן אן 'עקספעדייטעט' פּאַספּאָרט?!

דאס איז שוין טאקע יא א גוטע פראגע...

קודם כל, צו מאכן א נאן-דרייווערס איי-די ברויך מען אראפפארן צו א "מאטאר וויהיקל" אפיס און א פּאַספּאָרט קען מען מאכן אינעם ווילידזש אפיס.

אויך זענען פארהאן היפשע חילוקים צווישן א פּאַספּאָרט און אַ נאן-דרייווערס איי-די. ס'זענען דא פעלער וואו נאר איינע פון דיביידע קענען ווערן גענוצט.

בכלל איז וויכטיג צו וויסן אז יעדער מענטש קומט אפט אויס צו דאַרפן האבן מיט זיך א לעגאלע איי-די, און ס'איז כדאי צו האבן א פּאַספּאָרט גרייט אויף ווען אימער ס'פעלט אויס. אזוי צב"ש אויב וויל מען זיך איינשרייבן ביי איינע פון די פעדעראלע הילפס פּראָגראַמען, מוז מען האבן א פּאַספּאָרט, וויינגסטנס א פּאַספּאָרט-קארטל.

### וואָס איז דאָס אַ "פּאַספּאָרט-קארטל", און וואס איז דער חילוק צווישן דעם און דער געווענליכער פּאַספּאָרט-בוך?

דער "פּאַספּאָרט-קארטל" איז א רעלאטיוו נייע זאך, און איז אויפגעקומען אין יאר '08.

עס איז א ספעציעלע סערוויס צוגעשטעלט אלס ביליגער און פראקטישער אלטערנאטיוו צו א פּאַספּאָרט, ס'קאסט היפש ביליגער ווי א פּאַספּאָרט, און מ'קען עס גרינג האלטן אין בערזל.

מ'קען אבער נישט איבעראל נוצן קיין פּאַספּאָרט-קארטל.

מ'קען נישט נוצן דעם קארטל ביים פליען אינטערנאציאנאל, ד.ה. פון די פאראייניגטע שטאטן צו אן אנדער לאנד, אפילו אויב מ'וויל פליען בלויז צו קאנאדא אדער מעקסיקא. דער באנוץ דערפון איז געצוימט בלויז צו קענען ארויס און אריינפארן ביי גרעניצן דורכ'ן ים אדער דורך די יבשה. ד.ה. אז מ'קען מיט דעם קארטל אדורכפארן די גרעניץ ביי קאנאדא, מעקסיקא, בערמודא, און די קאריביען אינזלען, אבער נאר אויב מ'פארט מיט א שיף אדער א קאר, נישט דורך קיין עראפלאן.

עס איז בעיקר פראדוצירט געווארן פאר מענטשן וועלכע פארן אפט אריבער די גרעניץ פון ניו יארק קיין קאנאדא אדער מעקסיקא (מאכט זיך זייער אפט ביים היימישן ציבור מיט קרובים אין מאנטריאל) אז זיי זאלן קענען האבן עפעס צו האלטן אין טאש כסדר און נישט דארפן אלעמאל שלעפן דעם פּאַספּאָרט און ווערן געזיגלט.

אזוי אויך קען מען עס נוצן צו פליען "דאמעסטיק" פון איין שטאַט צו די אנדערע אינערהאלב די פאראייניגטע שטאטן, ווי צב"ש פארן פון ניו יארק קיין לאס אנזשעלעס, פונקט ווי מ'קען נוצן א דרייווערס לייסענס.

### וואָס פעלט אלס אויס צו קענען מאכן א פּאַספּאָרט?

מ'דארף האבן ווי פאלגנד:

1) די אויסגעפילטע פּאַספּאָרט אַפּליקאַציע

2) באווייז פון סיטיזענשיפ, צב"ש א בוירט סערטיפיקאט אדער סיטיזען פאפירן.

(פארזעצונג אויף זייט 23)

County of Orange
COUNTY CLERK'S OFFICE

Orange County Government Center — Goshen, New York 10924-1697, Tel (914) 291-2690, Fax (914) 291-2691

ORANGE COUNTY NEW YORK

DONNA L. BENSON, County Clerk — MARY S. COLEMAN, Deputy County Clerk

June 16, 1999

Aron Schreiber
Director of Community Services
Village of Kiryas Joel
51 Forest Road, P.O. Box 566
Monroe, New York 10950

Dear Sir:

A request from Abraham Wieder, Mayor of Kiryas Joel, for regular scheduling to provide U.S. Passport Application Services to your village has been brought to my attention.

I will certainly take this request into consideration for all of the areas and population of Orange County; unfortunately, at present this office is unable to accommodate your community with this service.

The Passport Office is open Monday through Friday between 9:00 a.m. and 5:00 p.m., and will gladly process your applications. The Passport Office telephone number is (914) 291-2699.

Thank you for your understanding in this mater.

Very truly yours,

Donna L. Benson
COUNTY CLERK

DLB:cmd

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Jacob Mittelman
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau

December 9, 2008

Customer Service Manager

376 Hudson Street, 10th Floor
New York, New York 10014

Re: Passport Application Center

To Whom It May Concern:

The Village of Kiryas Joel, the fastest growing community in Orange County (the fastest growing county in New York State) currently provides assistance to residents applying for and renewing U.S. Passports. Last year the Village's Office of Community Social Services help approximately 1500 residents fill out applications for new U.S. Passports.

Currently there is no Post Office in the community, and the closest place to submit an application is in the Village of Monroe. As many residents do not drive for cultural reason, submission of an application is often a hardship. Due to the high volume of local passport application requests, and to simplify and speed the process, the Village is requesting it be designated as an official application center that can forward paperwork directly to the Passport Office. The Village would operate the facility.

On behalf of the entire community, I thank you for your consideration of this request and look forward to working with your office to provide all information required to move our application forward. Should you have any questions regarding this matter, please feel free to contact me at (845) 783-8300.

Sincerely,

Abraham Wieder
Mayor

**דער קארעספאנדענץ צווישן די ווילעדזש באאמטע און דער פאספארט אגענטור**

# אינפארמאטיווער שמועס

מיט דער ווילעדזש קאמיוניטי סאושעל סערוויסעס

## פאספארט אפטיילונג

(פארזעצונג פון זייט 22)

3) א פיקטשור איי-די פון זיך, אויב מ'איז אן ערוואקסענער. פאר א קינד ברויך מען האבן די איי-די פוןביידע עלטערן. - אויב מ'פארמאגט נישט קיין איי-די איז בעסער צו ברענגען ווי מער "סעקאנדערי איי-די'ס", ווי למשל א מעדיקעיד/אינשורענס קארד, סאושעל סעקיוריטי קארד א.ד.ג. ווי אויך דארף מיטקומען א "וויטנעס" (א משפחה מיטגליד וואס פארמאגט א פיקטשור איי-די, צו דינען אלס לעגאלער עדות).

4) א פּאַספּאָרט בילד [דאס קענט איר מאכן ביי אונז אין אפיס. אמאל האבן זיי פארלאנגט צו כאפן 2 בילדער; היינט איז אבער גענוג צו האבן איין בילד.]

5) טשעק אדער מאני ארדער (לויט'ן באשטימטן פרייז אויף די אַפּליקאַציע - זעט בייגעלייגט אונזער עד מיט די פונקטליכע פרייזן.)

ס'איז וויכטיג צו וויסן אז אויסער די אלגעמיינע פּאַספּאָרט אַפּליקאַציע, זענען פארהאן נאך עטליכע סארט אַפּליקאַציעס, ווי למשל איינער וואס האט פארלוירן זיין פּאַספּאָרט, אדער וויל טוישן זיין נאמען אויפ'ן פּאַספּאָרט אדער צולייגן בלעטער צום פּאַספּאָרט, א.ד.ג. אונזערע פּאַספּאָרט אגענטן וועלן אייך שוין פונקטליך אנווייזן וואספארא אַפּליקאַציע איר דארפט נוצן.

געוועגליך דויערט צווישן 4-6 וואכן ביז דער פּאַספּאָרט קומט אָן צו אייך אויף די פּאָסט, ממילא איז ראטזאם צו קומען מאכן א פּאַספּאָרט ווען אימער איר האט א געלעגנהייט, כדי אז ווען איר נויטיגט זיך דאס צו האבן ווי שנעלער, זאלט איר נישט דארפן מאכן אן "עקספעדייט" (פארשנעלערטן) פּאַספּאָרט.

אויב איר ווילט אפלייען פאר אן "עקספעדייט" פּאַספּאָרט דארף מען צוצאלן באזונדערע $60, און איר קענט עס ערווארטן אין אייער פאסט-קעסטל ביז 2 וואכן בע"ה.

ס'וויכטיג צו באמערקן, אז ווען ס'פארלאנג זיך א "וויטנעס", ווי פריער דערמאנט, איז טראץ וואס אפיציעל ווערט נישט פארלאנגט אז דער עדות זאל זיין דוקא א בלוט-קרוב, טוען זיי אבער שטארק בעפארצוגן אז דוקא א "בלוט-קרוב" - אַ טאטע/מאמע, ברודער/שוועסטער, זון/טאכטער - זאלן עדות זאגן אויף דעם באטרעפנדן.

מיר ווען אייך דערציילן אן אינטערעסאנטע געשיכטעלע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט:

א היימישע קאר-סערוויס פירמע, וועלכע פלעגט כסדר טראגן קרית יואל'ער איינוואוינער קיין גאושען צו מאכן זייערע פּאַספּאָרטן, איז ווען ס'איז געקומען צום פראצעדור אַז די פּאַספּאָרט באַאַמטע האָבן פאַרלאַנגט צו ברענגען אן עדות, פלעגט דער קאַר-סערוויס דרייווער אונטערשרייבן עדות'שאפט.

נאכ'ן באַמערקן אז דער דרייווער שרייבט עפּעס אונטער עדות'שאַפט פאר אַזויפיל אידן, זענען זיי געווארן פאַרדעכטיגט און זיך איינמאָל געוואָנדן צו אים מיט די שאלה: 'פון וואו קענסטו פלוצלונג אזויפיל מענטשן עדות צו זאגן פאר זיי'...?! גיי זיי אים מסביר אז מיר טאנצן הקפות שוין 16 יאר אינאיינעם...

### אויב מ'דערזעט זיך פלוצלונג אז מען דארף פארן ערגעץ אין עטליכע טאג און מען פארמאגט נישט קיין פּאַספּאָרט, אדער דער פּאַספּאָרט איז פונקט אפגעלאפן, וואס איז שייך צו טון? קען מען באקומען א פּאַספּאָרט אין איילעניש?

אז מען דארף א פּאַספּאָרט אין וויניגער פון צוויי וואכן איז דא צוויי אויסוואלן. 1) מ'קען מאכן אן אפוינטמענט ביי איינע פון די פעדעראלע פּאַספּאָרט אפיסעס, צב"ש אין קאנעקטיקוט אדער מאנהעטן, און אליין אראפפארן אהין, אדער 2) קען מען זיך באנוצן מיט א 'פּאַספּאָרט קוריער סערוויס', דאס זענען ספעציעלע פירמעס וועלכע גייען אראפ אנשטאט אייך צום פּאַספּאָרט אפיס און ערלעדיגן דעם פּאַספּאָרט פאר אן עקסטערן אפצאל.

BUREAU OF CONSULAR AFFAIRS
PASSPORT SERVICES
Department of State — Washington, D.C.

*Certificate of Designation*

PASSPORT AGENT

Village of Kiryas Joel

Monroe, New York

is hereby designated as an Agent of the Department of State for the purpose of accepting applications for passports and administering oaths in connection therewith. This designation will remain in effect only during assignment to a position requiring such authorization.

Date September 10, 2009

Deputy Assistant Secretary for Passport Services

ווען מען מאכט א פּאַספּאָרט אין איילעניש מוז מען מיטגעבן אן איבערווייז אז מ'דארף פליען אין די נאנטע טעג, ווצב"ש אן עירליין טיקעט אד"ג

### איז דא נאך עפעס אינפארמאציע וואס איז כדאי צו וויסן ביים מאכן א פּאַספּאָרט?

פארשידענע, און כ'וועל אייך אויסרעכענען וואס ס'קומט מיר יעצט אויפ'ן געדאַנק:

- אויב פעלט דער ערשטער נאמען אויפ'ן בוירט סערטיפיקאט [וואס פלעגט זיך אפט מאכן ביים היימישן עולם], דארף מען אויספילן א באזונדערע "בוירט עפידעוויט".
- ביים מאכן א פּאַספּאָרט פאר קינדער אונטער 16 יאר אלט, מוזן ביידע עלטערן מיט'ן קינד פערזענליך אראפקומען ביים מאכן דעם פּאַספּאָרט [זיי ווילן פארזיכערן אז ס'איז נישט קיין מעשה וואו איינער פון די עלטערן וויל פארכאפן די קינדער און ארויספארן פון לאנד א.ד.ג.]

אויב קענען נישט ביידע עלטערן מיטגיין, דארף מען מיטנעמען א געשריבענעם "נאוטערייזד פאָרם" וואו דער אנדערער שרייבט אונטער אז ער גיבט רשות צו מאכן א פּאַספּאָרט.

ס'איז אויך פארהאן א ספעציעלע פאָרם פאר פעלער וואו איינער פון די עלטערן קען נישט קומען און אויך נישט אונטערשרייבן קיין "נאוטערייזד" אַפּליקאַציע.

- אויב מ'האט צוליב סיבות באקומען א "לימיטעד" פּאַספּאָרט וואס איז גילטיג אויף וויניגער ווי א יאר, קען מען איבערמאכן דעם פּאַספּאָרט פאר אומזיסט, אבער דער נייער פּאַספּאָרט וועט נאר זיין פעליג פאר צען יאר פון ווען די אריגינעלע פּאַספּאָרט איז באשטעטיגט געווארן.
- אויך אויב מ'וויל טוישן א נאמען אויפ'ן פּאַספּאָרט, ווי למשל נאך די חתונה, קאסט עס נישט קיין געלט אויב ס'איז וויניגער ווי א יאר פון וועם דער אריגינעלער פּאַספּאָרט איז באשטעטיגט געווארן. אויב ס'איז שוין מער ווי א יאר, דארף מען שוין דורכגיין א געווענליכע "רינועל" פראצעדור, אזויווי ווען מ'וויל באנייען א פּאַספּאָרט וואס לויפט אפ.
- עמיצער וואס פארט אסאך ארום איז זייער כדאי אז ער זאל לכתחילה ביים אפלייען פאַר'ן פּאַספּאָרט פארלאנגען א דיקערן פּאַספּאָרט מיט מער זייטן, צו האבן פלאץ פאר די מערערע זיגלעך. נעמט אבער אין באטראכט אז ס'וועט אויסקומען גאַנץ דיקליך. מ'קען אלעמאל צולייגן פרישע פאפירן צום פּאַספּאָרט ווען ס'ווערט אנגעפילט, אבער דאן וועט עס שוין קאסטן מער געלט.
- לעגאל, אויב גייט מען מיט א צוגעדעקטן קאפ, מוז מען אריינגעבן א ספעציעלן פארלאנג פאר רשות צו קענען כאפן אזוי דאס בילד. דאס

DEPARTMENT OF STATE
PASSPORT AGENCY
376 HUDSON STREET
NEW YORK, NEW YORK 10014

December 17, 2008

IN REPLY REFER TO:
PPT/NY/ADMIN

The Honorable Abraham Wieder
Village of Kiryas Joel
Post Office Box 566
Monroe, New York 10949

Dear Mayor Wider:

This is in response to your letter dated December 9, 2008 requesting that the designation of an acceptance facility be established in the Village of Kiryas Joel in order to serve the community. We have forwarded your letter to the Customer Service Manager at the Boston Passport Agency in Boston, Massachusetts who oversees your region for a response. You may contact them directly with future inquiries by writing to:

Boston Passport Agency
Attn: Customer Service Manager
Thomas P. O'Neill Federal Building
10 Causeway Street
Suite 247
Boston, MA 02222-1094

Sincerely,

Michael Hoffman
Regional Director

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Jacob Mittelman
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau

January 14, 2009

Boston Passport Agency
Attn: Customer Service Manager
Thomas P. O"Neill Federal Building
10 Causeway Street, Suite 247

To Whom It May Concern:

On December 9, 2008, a letter was sent to the New York Passport Office requesting the approval of an "acceptance facility" to be established in the Village of Kiryas Joel. (A copy of the letter is attached.) Notification has been received from the New York office that the letter was forwarded to your office for review.

I am writing today to request a report on the status of the Village's submission, and to note the availability of Village staff to swiftly answer any question you may have regarding this request. Please feel free to contact Mr. Aron Schreiber at (845) 783-8300 to obtain any additional information you may require in the process of your review.

On behalf of the entire Kiryas Joel community, I look forward to your response and to working with your office to provide the best possible U.S. Passport services to our residents and the surrounding communities.

Sincerely,

Abraham Wieder
Mayor

**דער קארעספאנדענץ צווישן די ווילעדזש באאמטע און דער פאספארט אגענטור**

איז שטארק אקטועל פאר היימישע פרויען וועלכע גייען אלע צוגעדעקט מיט א קאָפּ-צודעק, אַז ס'איז וויכטיג צו וויסן אז באמת דארף מען האבן א ספעציעלע ערלויבעניש דערפאר.

געוועגליך, אין קאנעטיקוט, ווייסן שוין די איינגעשטעלטע אז אידן גייען אזוי אנגעטון און זיי מאכן נישט קיין פראבלעמען. אבער ס'איז דא צייטן וואס זייער אפיס ווערט אזוי פארפלייצט מיט אַרבעט, אז זיי שיקן ארויס א חלק אַפּליקאַציעס צו ניו העמפשיר אדער סאוט קאראליינע און זיי ווערן דארט פראצעסירט.

דארט איז מען וויניגער געוואוינט צו זען רעליגיעזע אידן, און ס'קען זיך מאכן אז זיי זאלן בעטן די לעגאל-פארלאנגטע ערלויבעניש פאר א צוגעדעקטן קאפ, און מ'וועט זיי עס דארפן ארויסשיקן.

*

מיר טוען זיך באַדאַנקען פאַר'ן אַוועקגעבן פון אייערע טייערע צייט אונז צו אינפאָרמירן מיט די וויכטיגע אינפאָרמאַציע. מיר זענען זיכער אז ס'איז נאך דא אסאך וואס צו זאגן, אבער אויף דערווייל איז דא גענוג אינטערעסאנטע אינפארמאציע פאר די ליינער.

ישר כח, אַ גוט געבענטשט יאָר.

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • **Tel.** 845.782.3242 • **Fax:** 845.783.7133

## ושם האחד אליעז"ר

אין דעם יעצטיגן פריילינכן געלעגנהייט טוען מיר אונזערע ווארימע וואונטשן מיטטיילן,
לכבוד דער געטרייער דאקטאר; דער ריכטיגער שליח אונזערע קינדערלעך צו היילן.
יעדעס אויסדרוק פון דאנק און שעצונג טוט ער ערליך פארדינען מיט'ן פולן באדייט,
על כל הטוב והחסד, אויף די געטרייע ארבעט מיט ספעציעלע איבערגעגעבנהייט.
זיין גענויטע ארבעט טוען אלע קרית יואל'ער איינוואוינער שעצן און באגריסן,
רב נחת פון אייערע אייגענע קינדער טוען מיר אייך וואונטשן, שטענדיג צו געניסן.

**ה"ה דער געטרייער קינדער-דאקטאר, בארימט מיט זיין שטארקע ערפארונג און געטריישאפט**

# דר. ר' אליעזר פראמער הי"ו

## Eliezer A. Frommer, MD

## לכבוד די שמחה צום געבורט פון זיין מיידל למז"ט

**מזל טוב** אסאך אידיש נחת מיט געזונט און כח, לנוח ולשמוח
עד מאה ועשרים שנה זאל אייך העלפן דער קודשא בריך הוא, מיט פיל מזל דערצו
זוכה זיין מיט די בני בית צו שמחות אן א צאל, מיט פרייליכע הערצער אלעמאל
רוב ברכות ושובע שמחות בני מזוני וחיי, מיט הצלחה עד בלי די'
תמיד הערן גוטע בשורות כל הימים, ביז מיר וועלן דערלעבן די גאולת עולמים


***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman





מזל טוב
און א גוט געבענטשט יאר,
וואונטשט הערצליך:

# הנהלת "עזרת חולים"

DESIGN & PRINT / 845.782.3382




# עזרת חולים
## אפטיילונג

בורא רפואות - אדון הנפלאות:

# פראַכטפולער נייער "פּידיעטריקס שטאָק" אין "עזרת חולים העלט צענטער" רופט אַרויס וואונדער ביי אַלע באַזוכער

רענאָוואַציע-אַרבייט צו פאַרדאָפּלען "דענטאַל שטאָק" אַריין אין שוואונג – אילוסטראַציע פלענער פונעם "דענטאַל שטאָק" ברענגט אַריין האָפענונג און עקסטאַז ביי אלע תושבי העיר

ווער עס האָט נאָר איבערגעטרעטן דעם שוועל פונעם שפּאָגל-נייעם "פּידיעטריקס שטאָק" אינעם "עזרת חולים העלט צענטער" איז עדות צו אַ זעלטענע איבערגענומענקייט וואָס נעמט אַרום דעם באַזוכער, זעענדיג מיט די אייגענע אויגן אַז די אילוסטראַציעס און קאָלירפולע מאַפּעס מיט וואָס מ'האָט זיך באַגעגנט דורכאויס די אָנגייענדע רענאָוואַציעס און בוי-אַרבעט, האָבן ניטאַמאָל אָפּגעשפּיגלט אַ טייל פון דעם רעאַליסטישן בליק פון אָט דעם הערליכן שטאָק, אין בחינה פון "אינו דומה שמיעה לראיה".

דאָס אַלעס איז צושטאַנד געקומען מיט עטליכע וואָכן צוריק, ווען נאָך לאַנגע חדשים פון בוי-אַרבייט אויפ'ן אונטערשטן שטאָק פון דער צענטראַלער "עזרת חולים" געביידע אויף פאַרעסט ראָוד, האָט דער ברייטפאַרצווייגטער און היינט-שוין-וועלט-באַרימטער "פּידיעטריקס אָפּטיילונג" זיך אַריינגעצויגן בשעטומ"צ אינעם נייעם שטאָק, און אָנגעהויבן סערווירן די פּידיעטריקס געברויכן פון קרית יואל אין אַ פאַרדאָפּלטן פאַרנעם, סיי בכמות מיט אַזויפיל ווי זיבעצן הערליכע "עקזעם רומס" און אַנדערע צימערן, און אויך באיכות, מיט אַ פאַרברייטערטע שטאַב פון דאָקטוירים און געהילפן, און אַלעס אין אַ הערליכע אַטמאָספערע מיט מאָדערנע איינריכטונגען און טעכנעלאָגישע פאָרשריט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גרויסע שטאָט בליעה"ר, מיט קינדער-געבענטשטע משפחות וואָס וואַקסט און בליהט ב"ה אויף אַן אויסערגעוועהנליכן פאַרנעם.

איינמאָל די "פּידיעטריקס אָפּטיילונג" האָט זיך אַרויסגעצויגן פונעם ערשטן שטאָק וואו זי איז ביז דאַן געווען סטאַנציאָנירט, האָט דאָס געגעבן די געלעגנהייט צו קענען אָנהייבן פאַר-ווירקליכן די גרויסצוגיקע פלענער פון פאַרדאָפּלען דעם "דענטאַל אָפּטיילונג" אינערהאַלב עזרת חולים אויפ'ן גאַנצן ערשטן שטאָק. די דענטאַל אָפּטיילונג סערווירט אַ ריזיגע צאָל פּאַציענטן טעגליך, און נעמט אַריין גאָר אַ ברייטע שטאַב פון דענטיסטן און ציין-ספּעציאַליסטן אויף פאַרשידענע געביטן, און איז איינע פון די פּאַרנומענסטע אָפּטיילונגען אינעם העלט צענטער, שאַפנדיג אַן אומדערטרעגליכן מצב פון אָנשטויסעניש, און וויפיל מ'האָט כסדר צוגעלייגט שעות און געצײלטע צימערן האָט דאָס ווייט נישט געדינט נאָכצוקומען דעם שטייגנדן פאַרלאַנג פון דעם דעפּאַרטמענט.

דעריבער איז גאָר דערפרייענד צו קענען באַריכטן אַז מ'האַלט שוין יעצט נישט ביי פּלענער, נאָר מ'רעדט שוין פון פאַקטישע בוי-אַרבייט אויסצוברייטערן די דענטאַל אָפּטיילונג איבער'ן גאַנצן ערשטן שטאָק פון די עזרת חולים געביידע, וואָס דאָס מיינט אַז עס וועט צוקומען באַלד דאָפּלט "עקזעם צימערן" און נאָך וויכטיגע צוגאַבן אויף צו קענען צושטעלן בעזהשי"ת די לאנג-פאַרלאַנגטע סערוויסעס בכמות און באיכות, אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי מ'זעט שוין היינט אין פּידיעטריקס.

כמעשהו בראשון, האָט די אַדמיניס-טראַציע אַרויסגעהאָנגען אַ גיגאַנטישע אילוסטרירטע מאַפּע און סקיצע פונעם געפּלאַנטן פאַרברייטערטן "דענטאַל שטאָק", פאָרנט פונעם עזרת חולים בנין, וואָס האָט באַלד אויסגערופן עקסטאַז און האָפענונג ביי די פּילצאָליגע באַנוצער און געניסער פון די אויסגערופענע דענטאַל סערוויסעס, זעענדיג אַז די פּלענער ווערן געמאַכט מיט גרויס געניטשאַפט און פּאַכמאַנישקייט נאָכצוקומען דעם געברויך און שטייגענדן פאַרלאַנג, וחזקה עליהם אַז אויך דאָסמאָל וועט עס טאַקע אַרויסקומען אַ דבר נאה ומתוקן בסיעתא דשמיא.

ורפואה קרובה לבא.

אָנגייענדע "פּידיעטריקס" פּאָרשריט:

# נייע אויסגעצייכנטע אָרטאָדאָקסישע 'פול-טיים' פּרוי-פּידיעטרישאָן Dina Dick, MD באַרייכערט פּראָפעסיאָנאַלע 'פּידיעטריקס שטאַב'

דבר בעתו מה טוב: פאַסיגע אויפנאמע אין ריכטיגע מינוט, ביי עפנונג פון נייעם פראַכטפולן "פידיעטריקס שטאַק"

**געוואַלדיגער דורכברוך און אויפטו אין מעדיצין פאַר מיידלעך אין צענערלינג יאָרגאַנג**

אין די איצטיגע טעג, ווען תושבי קרית יואל האבן בשעה טובה ומוצלחת זוכה געווען צו באנייען דעם נייעם פראכטפולן "פידיעטריקס שטאק", וואס איז געגצליך פונדאָסניי אַהערגעשטעלט געווארן אינעם אונטערשטן שטאק פון די צענטראלע עזרת חולים געביידע, ווערט אויפגענומען מיט שטארקער צופרידנהייט די טאפלטע בשורה טובה אז דער פראפעסיאנאלער שטאב פונעם "פידיעטריקס" אפטיילונג אין "עזרת חולים" איז שטארק פארברייטערט געווארן מיט די אויפנאמע פון די אויסגעצייכנטע ארטאדאקסישע קינדער-דאקטאר, Dina Dick, MD.

ס'איז איבריג ווידער ארויסצוברענגען פאר תושבי קרית יואל איבער די גרויסע שוועריקייטן וואס איז אנטשטאנען אין די לעצטע פאר יאר אינעם פידיעטריקס אפטיילונג צו קענען געהעריג סערווירן אלע קרית יואל'ער איינוואוינער, וויבאלד די אפטיילונג איז זיך אויסטערליש צעוואקסן, אדאנק דעם אויסגעצייכנטן נאמען וואס זי האט זיך ערווארבן צוליב די שטארקע פראָפעסיאנאליזם און איבערגעגעבנהייט פון אירע דאקטוירים, אונטער די געניטע פירערשאפט פונעם פידיעטריקס דירעקטאר, דר. ר' אברהם פאלינזשער הי"ו, וואס דאס טאקע האט באוואויגן די הנהלה פון "עזרת חולים" זאפארט אונטערצונעמען דעם ריזן פראיעקט פון אהערשטעלן א שפאגל-

(פארזעצונג אויף זייט 27)

# אימפּאָזאַנטער מעמד "קביעת מזוזות" אינעם נייעם "פּידיעטריקס שטאָק" פון "עזרת חולים העלט צענטער"

מרן רבינו הגה"ק שליט"א קלאַפּט מזוזה אויף הויפּט אַריינגאַנג, נאָכגעפאָלגט מיט ענגע מסיבת לחיים – טרעפליכע דרשה געהערט דורך באָורד-טשעירמאַן, ראה"ק וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו

מיט אַ זעלטענעם פרייד האָבן די חשוב'ע חברי ההנהלה פון "עזרת חולים העלט צענטער", געהאַט די זכי' מקבל פנים צו זיין כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א פאַרגאַנגענעם זונטאָג לסדר יפתח ה' לך את אוצרו הטוב (כי תבא) העעל"ט, ווען דער רבי שליט"א איז געקומען באַשיינען דעם מעמד קביעת מזוזות אויפ'ן נאָרוואָס-געעפנטן "פּידיעטריקס שטאָק" אויפ'ן אונטערשטן שטאָק פונעם "עזרת חולים העלט צענטער געביידע".

ווי שוין באַריכטעט אין אַן אַנדער אָרט אין היינטיגן נומער, האָט "עזרת חולים" אונטערגענומען אַ מאַסיווער פּראָיעקט אויפצושטעלן אַ שפּאָגל-נייעם פּידיעטריקס אָפּטיילונג אויפ'ן גאַנצן אונטערשטן שטאָק מיט גאָר מאָדערנע איינריכטונגען. ווי ביי אַ יעדע וויכטיגע זאַך דאָ אין דער שטאָט, פאַראינטערעסירט זיך דער רבי שליט"א אַלס מרא דאתרא שטענדיג ביי די הנהלה אין די כסדר'דיגע אַנטוויקלונגען אינערהאַלב "עזרת חולים", וואָס ווי באַקאַנט איז דער ענין פון רפואה וויכטיג נישט נאָר פון אַ גשמיות'דיגן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך עפ"י הלכה פאַרלאַנגט זיך אַז אַ שטאָט זאָל זיין אויסגעשטאַט מיט די בעסטע וואָס איז שייך אויפ'ן געביט פון רפואה.

דעריבער ווען מ'האָט ב"ה זוכה געווען צו "פתיחת שערים" פון דעם הערליכען שטאָק, נאָך אַזויפיל האָרעוואַניע און שווערע אַרבייט, האָט די הנהלה איינגעלאַדנט און מכבד געווען דעם רבי'ן שליט"א פערזענליך אַריבערצוקומען (צוויי טאג בעפאָר די אָפיציעלע עפנונג) אָפּצושטאַטן אַ באַזוך אינעם נייעם שטאָק און מאציל זיין מברכותיו הטהורים, און צו דער זעלבער צייט זאָל דער רבי מחנך זיין דעם נייעם אָפּטיילונג דורך קובע זיין אַ מזוזה, וואָס איז די בעסטע סגולה און ברכה אויף אַזאַ פּלאַץ וואָס דאַרף כסדר האָבן סייעתא דשמיא.

צום באַשטימטן צייט איז דער רבי שליט"א אין באַגלייטונג פון הגאון הגדול דומ"ץ דמתא שליט"א בעמח"ס אגלי דבש אָנגעקומען צום עזרת חולים געביידע. דער רבי האָט באַלד צוגעטרעטן קובע צו זיין אַ מזוזה אויפ'ן נייעם צענטראַלן אַריינגאַנג פונעם שטאָק. אויך איז דער דיין שליט"א נתכבד געוואָרן צו לייגן איינע פון די מזוזות, וואָס איז נאָכדעם נאָכגעפאָלגט געוואָרן דורך די חשוב'ע חברי הנהלה.

באַלד נאָך די קביעות מזוזות אויף די טירן איז דער רבי שליט"א אין באַגלייטונג פון די חברי ההנהלה אַרומגעגאַנגען איבער די קאָרידאָרן פון דעם נייעם שטאָק, באַטראַכטנדיג די אַרבייט וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַהערצושטעלן אַ פּלאַץ רחבת ידים פאַר די קינדער-געזונטהייט געברויכן פון די שטאָט, ואת עמלינו אלו הבנים. קרית יואל איז בליעה"ר אַ קינדער-געבענטשטע שטאט, און דער געברויך פון אַ קאמפּאַטענטער געזונטהייט צענטער איז גאָר וויכטיג פאַר אַזאַ פּלאַץ. דער רבי שליט"א האָט אויסגעדרוקט שטאַרקע באַגייסטערונג פון די נאָבעלע אַרבייט וואָס מ'האָט אַריינגעלייגט און דערביי זיך פאַראינטערעסירט אין די פּרטים פון דעם אָפּטיילונג און פון אלע אנדערע אפטיילונגען און פון די פלענער אויף ווייטער.

(פארזעצונג אויף זייט 27)



כ"ק מרן רבינו שליט"א ביים קובע זיין די מזוזה אויפ'ן הויפט אריינגאנג

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • **Tel.** 845.782.3242 • **Fax:** 845.783.7133

עזרת חולים קרית יואל
Ezras Choilim Health Center
E.C. H.C.
(845) 782-3242

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

## דער העלט סענטער וועט
## אי"ה זיין אפען דעם קומענדיגן
# יו"ט סוכות
## אין די פאלגענדע זמנים:

| | ערשטע טעג יו"ט Oct. 9-10 | זונטאג (ב' דחוה"מ) Oct. 12 | מאנטאג (ג' דחוה"מ) Oct. 13 | דינסטאג (ד' דחוה"מ) Oct. 14 | מיטוואך (הושענא רבה) Oct. 15 | צווייטע טעג יו"ט Oct. 16-17 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| פידעטריקס Pediatrics | פון 9:00 ביז 4:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 6:00 | פון 9:00 ביז 6:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 4:00 |
| זשענעראל מעדיצין General Medicine | פון 9:00 ביז 4:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 4:00 |
| דענטאל Dental | | פון 9:00 ביז 2:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | פון 9:00 ביז 2:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | פון 9:00 ביז 2:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | פון 9:00 ביז 2:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | |

## וויכטיג:

- נישט שיקן קיין קינדער אן איינע פון די עלטערן. מיר טארן לעגאל נישט אויפנעמען קיין קינדער אליין אן באקומען קיין קלארע רשות פון די עלטערן.
- עס איז וויכטיג צו וויסן די ענגלישע נאמען פונעם קינד, די Date of Birth און די טעלעפאן נומער.

## פארמאסי:

פאר די באקוועמליכקייט פונעם ציבור האבן מיר אויסגעארבעט אז אלע פרעסקריפשאנס דורכאויס די יו"ט טעג וועט גיין צו Central Valley Pharmacy, און עס וועט ווערן דעליווערט צו אייך אהיים.

אויב האט איר עס נישט באקומען נאך 8:00pm קענט איר פרעגן דערוועגן ביי סי' וועלכע פובליק סעיפטי בודקע.

בברכת שמחת יו"ט
# הנהלת "עזרת חולים"

באמערקונגען, בייפאלן, קאמפלימענטס
אדער קאמפלעינטס, רופט אונזער:
"פידבעק" האטליין 774-1699

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

## עזרת חולים אפטיילונג

# אויסטערלישער אָפּרוף צום נייעם "פידבעק דעפּאַרטמענט" שטייגט איבער אַלע ערוואַרטונגען

קוים געציילטע וואכן זינט עס האט זיך געגרינדעט דער שפּאָגל-נייער "פידבעק דעפט" אינערהאלב דעם "עזרת חולים העלט צענטער", און עס קומען די פריידיגע באריכטן אז דער פאזיטיווער אפרוף שטייגט איבער אלע ערווארטונגען, מיט געוואלדיגע רעזולטאטן בע"ה.

טראץ די קורצע צייט זינט דער דעפארטמענט האט זיך געעפנט, האבן שוין אנגעהויבן אריינשטראמען פילע טעלעפאָן-רופן פון אלערליי סארט; ווער מיט א קאמפלעינט, ווער מיט א הערה, מיט א קאמפלימענט, קריטיק, אא"וו. עס איז געווען גאר איבערראשנד צו זען ווי שנעל די "פידבעק" האט אנגעהויבן אריינצוקומען באלד נאך די ערשטע מעלדונגען, דערצו איז עס געקומען אין די ריכטיגע צייט בשעת מ'האט בשעה טובה ומוצלחת אריינגעשפאנט אינעם הערליכן פארטאפלטן פידיעטריקס שטאק, וואס האט אויך געברענגט א גרויסע צאל רופן, אבער די פידבעק איז אויך געקומען פון כמעט אלע דעפארטמענטס, ב"ה.

אויב ביים עפענען דעם ספעציעלן דעפארטמענט האט מען זיך גערישט אז ס'וועט נעמען כאטש א האלב יאר ביז ווען קרית יואל'ער איינוואוינער וועלן זיך איבערצייגן אז די טעלעפאן רופן – פון אלע סארטן! – ווערן גענומען גאר ערנסט, האט אבער דער פלייץ פון טעלעפאָן-רופן געצייגט אויף א טיפן אינערליכן צוטרוי און קשר וואס תושבי קרית יואל פארמאגן מיט'ן העלט צענטער, וואס איז פאקטיש איינס פון די סאמע וויכטיגסטע סערוויסעס וועלכע פעלן זיך אויס פאר'ן עקזיסטענץ און הצלחה פון די הייליגע שטאט קרית יואל.

פאר די הנהלה פון עזרת חולים האט דער שטארקער אפרוף געדינט אלס קוואל פון חיזוק, פון די קריטיק פונקט אזוי ווי פון די קאמפלימענטן. דער וויכטיגסטער שליסל אין דעם ווייטערדיגן סוקסעס פונעם העלט צענטער איז דאס הערן פידבעק פון די באנוצער, און דאס איז א הויפט פריאריטעט ביי די הנהלה, וועלכע טוט אלערליי פעולות צו פארזיכערן אז מ'הערט צוריק די אויפריכטיגע און קריטיש-וויכטיגע קאמענטארן פונעם ברייטן ציבור.

ווי דער פלאן האט געלויטעט ביים עפענען, ווערט יעדער רוף איינגעטיילט צו זיין ספעציפישע אפטיילונג, צו פארזיכערן אז יעדער קאמענטאר און פארלאנג ווערט אויפגענומען מיט דער פולסטער ערנסטקייט און גרייכט צום ריכטיגן ארט.

ותשועה ברוב יועץ.

## פרוי-פּידיעטרישאָן Dina Dick, MD

(פארזעצונג פון זייט 25)

נייעם "פידיעטריקס שטאק".

אויסער די געוואלדיגע הרחבת הדעת וואס דער נייער פּראכטפולער שטאק, אויסגעשטאט מיט די בעסטע צוגעהערן, האט אנגעהויבן צוצושטעלן פאר דער גאנצער אפטיילונג און וועט דערמיט בע"ה דראמאטיש פארבעסערן די פידיעטריקס געזונטהייט סערוויס פאר תושבי קרית יואל, האט דאס אויך צוגעשטעלט א גאלדענע געלעגנהייט צו ערמעגליכן דאס וואס האט זיך שוין לאנג אויסגעפעלט: אריינברענגען נאך אן אויסגערופענע פידיעטריקס דאקטאר צו פארברייטערן די אפטיילונג און נאכקומען דעם געברויך פונעם שטארקן בליה און וואוקס אין די הייליגע שטאט.

און דא האט זיך ארויסגעשטעלט א געוואלדיגע סייעתא דשמיא, אז פונקט צו דער צייט וואס דער פידיעטריקס אפטיילונג איז געווען אין סאמע-מיטן פון די בוי-ארבעט אויפ'ן נייעם שטאק, איז געלונגען אריינצובאקומען די אויסגעצייכנטע דאקטאר, דר. דיק, וועלכע האט שוין באדינט טויזנטער פאציענטן איבער די לעצטע 20 יאר מיט אן אויסערגעווענליכע געטריישאפט, ווען ס'האט זיך 'פונקט' געמאכט איז איר געוועזענע אפיס איז לעצטנס אויסגעקויפט געווארן דורך א גרויסן שפיטאל און זי האט געזוכט א מער פאסיגערן ארט וואו צו סערווירן, און בס"ד איז געשלאסן געווארן דער פאסיגער צאמשטעל צווישן עזרת חולים און די דאקטאר.

גלייכצייטיג וועט איר אויפנאמע אויך זיין אן היסטארישע דערגרייכונג, ווען צום ערשטן מאל וועט קרית יואל פארמאגן אן ארטאדאקסישע "פול טיים" פרוי-דאקטאר אין פידיעטריקס וועלכע וועט זיין גאר צוגעפאסט צו קענען באהאנדלען מיידלעך אין די צענערלינגען יארן, פון 12 ביז די 18 יאר, וואס ביז היינט האט געהערשט א שטארקער חלל אין דעם הינזיכט פון קענען נעמען געהעריגע פיזיקעלס, עפעס וואס אלע עקספערטן שרייען אז ס'איז קריטיש-וויכטיג צו נעמען אין די דאזיגע יארגענג און האט ברייטע אויסווירקונגען אויפ'ן גאנצן לעבן, און אצינד וועט מען בע"ה קענען ממלא זיין דעם חלל מיט די נייע פרוי-דאקטאר, דערצו אז זי איז אן ארטאדאקסישע, וואס פארשטייט גאר גרונטליך די ספעציעלע געברויכן פונעם היימישן ציבור.

דער צוגאב פון די פראפעסיאנאלע דאקטאר אנטשפרעכט נאכמער צו הייבן אי"ה דעם הויכן ניווא און שטארקע קוואליטעט מיט וואס דער פידיעטריקס אפטיילונג צייכנט זיך אויס אין די לעצטע יארן, און וואס האט שוין ביז יעצט אריינגענומען אין זיך די 2 אויסגערופענע פול-טיים פידיעטרישאנס – דער דירעקטאר דר. פאלינזשער הי"ו און דר. פראומער הי"ו – און עטליכע פארט-טיים דאקטוירים.

אצינד שטייט דער גאנצער פארברייטערטער שטאב פונעם נייעם "פידיעטריקס שטאָק" גרייט אויפצונעמען תושבי קרית יואל מיטן גרעסטן מאס געטריישאפט און איבערגעגעבנהייט.

מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות.



מרן רבינו שליט"א ווינטשט אָן ווארימע ברכות פאר
הנהלת קרית יואל און עזרת חולים באורד אין די הייליגע אַרבעט

## "קביעת מזוזות" אין נייעם פידיעטריקס שטאק

(פארזעצונג פון זייט 25)

נאָך דעם קורצן שפּאַציר האָבן זיך די פאַרזאַמעלטע אַוועקגעזעצט צו אַ מסיבת לחיים, בראשות פון כ"ק מרן רבינו שליט"א און הגאון הדומ"ץ שליט"א. די מסיבה איז פאָרגעקומען אין איינע פון די נייע וואַרט-זאַלן אויפ'ן שטאָק, וואו דער רבי שליט"א האָט געוואונטשן לחיים און איבערגעלאָזט ווארימע ברכות פאַר די חשוב'ע חברי הנהלה, שתשרה שכינה במעשה ידיהם.

ביי די קורצע מסיבה איז געהערט געוואָרן גאָר טרעפליכע און האַרציגע רייד פון דעם חשוב'ן ראש העיר און באָורד-טשעירמאן פון "עזרת חולים" הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו. ר' אברהם האָט אין זיין קורצע דרשה אַרויסגעברענגט דעם געדאַנק אַז גענוי ווי קרית יואל שטייט אַרויס מיט אירע הערליכע בתי מדרשים און אַנדערע רוחניות'דיגע בנינים, פאַרלאַנגט זיך אַז אַזאַ שטאָט זאָל האָבן אַ "טאַפּ קוואַליטי" מעדיקל צענטער, אַזוי ווי חז"ל רעכנט דאָס אויס פון די צען זאַכן וואָס אַ שטאָט ברויך צו פאַרמאָגן אַז אַ איד זאָל קענען דאָרט וואוינען.

פון דאָרט איז ר' אברהם אַריבער אויסצושמועסן אַביסל די פיליעריגע היסטאָריע פון "עזרת חולים" נאָך פון די ערשטע צייטן פון קרית יואל, וועלכע איז פילע יאָרן געווען סטאַנציאָנירט אינעם קליינעם בנין אויף פאַרעסט ראָוד, דאָרט וואו עס שטייט היינט דער פּרעכטיגער "קרן ויואל משה" בנין, ביז צו ווען מ'האָט זוכה געווען אויפצושטעלן דעם איצטיגן בנין בשנת תש"ס, וואָס איז שוין זינט דאַן אויסגעוואַקסן געוואָרן און האָט געברענגט אַז מ'זאָל דאַרפן צונעמען אויך דעם אונטערשטן שטאָק און דאָס פאַרוואַנדלען אינעם נייעם "פידיעטריקס שטאָק" איבער וועלכע מען איז זיך היינט צוזאַמענגעקומען.

דער חשוב'ער מעיאָר ר' אברהם הי"ו האָט אָנגעוויזן אויף די ווייטערדיגע גרויסציגע פּלענער אין אלע אפטיילונגען פון עזרת חולים, ווי אַז דער צענטער האט זיך שוין גענומען צו די ארבעט איבערצובויען און פארטאפלען דעם גאנצן ערשטן שטאָק פאַר אַ "24 טשעיר-דענטאל צענטער"; דאָס אַהערשטעלן אַ גענצליך-אָפּגעזונדערטן "פרויען געזונטהייט אָפּטיילונג" אינעם בנין פון "אשת חיל", א.א.וו. מחיל אל חיל.

די ווערטער פון ר' אברהם הי"ו האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק אויף די באַטייליגטע וועלכע זענען זיך דערנאָך צוגאַנגען אין אַ פרייליכן שטימונג, פיל מיט חיזוק פונעם רבי'נס באַזוך באַגלייט מיט אַ תפלה פאַר ווייטערדיגע סייעתא דשמיא, אַז השי"ת זאָל כסדר באַשיצן די הייליגע שטאָט קרית יואל, מכל צער ונזק ומכל נגע ומחלה, מען זאָל אוודאי נישט דאַרפן נוצן די אַלע דאָקטוירים נאָר אויף שמחות, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט והסירותי מחלה מקרבך כי אני ה' רופאיך.





כ"ק רבינו שליט"א ביים אַרומגיין באַזוכן דעם שטאָק און הערט רעפעראַט פונעם באָורד-טשערמאַן וראה"ק הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו, איבער די געוואַלדיגע אונטערנעמונג אַהערצושטעלן דעם פּראַכטפולן "פּידיעטריקס"



דער דיין שליט"א רעפערירט מיט הנהלת העיר. ווערט אויך געזען דער בארימטער פידיעטריקס דירעקטאָר, דר. ר' אברהם פּאַלינזשער הי"ו, אונטער וועמענ'ס געניטע פירערשאַפט די פּידיעטריקס אָפּטיילונג האט זיך איינגעקויפט דעם געוואַלדיגן כתר שם טוב


בס"ד
עזרת חולים
קרית יואל
E.C. H.C.
Ezras Choilim Health Center
(845) 782-3242
פרייליכע מעלדונג!
עס איז אונז א גרויסע שמחה צו מעלדן פאר תושבי קרית יואל
אז מיר האבן בסייעתא דשמיא פארברייטערטע
אונזער פידיעטריק שטאב און אויפגענומען די לאנג-יעריגע
פראפעסיאנאלע ארטאדאקסישע קינדער-דאקטאר
DINA DICK, MD
צו דינען אלס פול-טיים דאקטאר
אינעם "פידיעטריקס דעפארטמענט"
עס איז אונזער וואונטש און האפענונג צו השי"ת אז די נייע דאקטאר וועט זיין די
ריכטיגע שליח, געטריי צו באדינען און זיך אפגעבן מיט די געזונטהייט באדערפענישן
פון די טויזנטער קרית יואל'ער קינדער בליעה"ר
הנהלת עזרת חולים
Chairman
Abraham Wieder
Board of Directors
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein
Executive Director
Joel Mittelman
DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

בס"ד

עזרת קרית יואל חולים
Ezras Choilim Health Center
E.C. H.C.
(845) 782-3242

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

**פידיעטריקס** (ביז 18 יאר)

**זשענעראל מעדיצין** (העכער 18 יאר)

**פרויען געזונטהייט**

**דענטאל**

**וויזשען קעיר** (אויגן)

**פאדייעטרי** (פיס)

**קארדיאלאדזשי** (הארץ)

**דערמאטאלאדזשי** (הויט)

**ספיטש טעראפי**

**פיזיקעל טעראפי**

**אקופעישאנעל טעראפי**



**אייער געזונט**
**איז אונזער אחריות!**



# א שפאציר אינעם נייעם 'פידיעטריקס שטאק'

הקריה באזוכט
דעם נייעם הערליכן שטאק
אינערהאלב דער
'עזרת חולים העלט צענטער'

און הערט דעטאלן
און באריכטן
איבער די פילע
איינריכטונגען
און ווייטערדיגע
פלענער

די נייעס אַז "עזרת חולים העלט צענטער" האָט בסייעתא דשמיא זוכה געווען צום גראַנדיעזן פתיחת שערים פון דעם נייעם "פידיעטריקס שטאָק", איז שוין היינט דער געשפרעך פונעם טאָג און אינעם היינטיגן נומער פונעם 'הקריה' קענט איר דאָס אויך טרעפן ברייט באַריכטעט.

אין ליכט פונעם היסטארישן איבערגאַנג אין די היסטאָריע פון "פידיעטריק געזונטהייט" אין קרית יואל, האָט 'הקריה' זיך פאַרבינדן מיט די אַדמיניסטראַציע פונעם צענטער, און אַראַנזשירט אַ באַזוך אינעם הערליכן נייעם פליגל, באַגלייט דורך די אַדמיניסטראַציע מיטגלידער, און מיר האָבן דעם כבוד פאָרצושטעלן די איינדרוקן און די גענויע דעטאַלן וואָס מיר האָבן בייגעוואוינט דורכאויס דעם באַזוך, באַגלייט מיט אינפאָרמאַציע וואָס מיר האָבן עספיעט צו הערן במשך'ן באַזוך.

## דער ספעציעלער אַריינגאַנג

אָנגעהויבן דער באַזוך האָט זיך געוויס ביים דורכגיין דעם שפּאָגל-נייעם אַריינגאַנג, אָדער איז בעסער דאָס אַרויסצוברענגען אַלס דער נייער "אַריינגאַנג קאָרידאָר" וואָס איז ספעציעל אויפגעבויעט געוואָרן אויף דער לינקער זייט פונעם בנין, אַלס אַ דירעקטער און אָפּגעזונדערטער אַריינגאַנג צום "פידיעטריקס שטאָק".

דער נייער אַריינגאַנג איז ספעציעל אַהערגעשטעלט געוואָרן אַז די מאַמעס מיט די קערידזשעס און קליינע קינדער זאָלן נישט דאַרפן גיין קיין שטיגן, אָדער וואַרטן פאַר אן עלעוועיטאָר, וואָס דערפאַר קומט שטאַרק צונוץ דער נייער אָפּגעטיילטער קאָרידאָר וואָס איז ספעציעל געבויעט ווי אַ "רעמפּ" אַראָפּ צום נייעם פליגל, מיט אַ פאַרלאַנגזאַמטער שיפּקייט, וואָס מאַכט עס זייער באַקוועם און גרינג אַראָפּצוגיין אָדער אַראָפּצושטופּן אַ קערידזש.

אויף אונזער אָנפראַגע פאַרוואָס האָט אויסגעפעלט צו פאַרבויען און אַרומנעמען דעם גאַנצן רעמפּ ווי אַ געהעריגע געביידע, האָט אונז די אדמיניסטראציע געגעבן צו פאַרשטיין אַז דער קאָרידאָר איז ספעציעל אַהערגעשטעלט צו דינען אַלס פאָרצימער איידער מען קומט אַריין אין די וואַרט-זאַלן, זייענדיג באַשיצט פון רעגן און שנייען און קען אויך דינען אַלס אַ גוטער אָרט איבערצולאָזן די קערידזשעס, גרויסע ווי קליינע, ווילאַנג מען געפונט זיך אינעם צענטער.

אַזוי אויך איז דער קאָרידאָר אויסשטאַפירט מיט הייצונג און קילונג סיסטעמען, און קען דינען אַלס אַ וואַרט-אָרט אין צייט וואָס מ'וואַרט אויף אַ טעקסי אָדער אויפ'ן ווילעדזש באָס, אָן דעם געברויך פון זיין אויסגעשטעלט צו עקסטרעמע וועטער-צושטאַנדן אויף דער גאַס.

די אַדמיניסטראַציע לייגט צו אַז דאָס פאַרקירעווען די "פידיעטריקס טראַפיק" פונעם ביז-היצטיגן צענטראַלן אַריינגאַנג צום העלט צענטער צו אַ באַזונדערן אַריינגאַנג, וועט אויך זיין אַ שטאַרקע אויפטוה פאר די אַנדערע אָפּטיילונגען פונעם צענטער און דאָס וועט עלימינירן סיי וועלכע געדרענג אין די עלעוועיטאָרס אָדער אויף די שטיגן.

צום שלוס, איידער מיר טרעטן איבער דעם שוועל אַריין צום נייעם אַפּטיילונג, טיילט אונזער באַגלייטער מיט אַז עס ווירבלען נאָך פלענער צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן דעם פאָרנט פונעם נייעם אַריינגאַנג, אינאיינעם מיט פאַרשידענע פאַררעכטונגען אינעם פאַרקינג-לאַט, וואָס דאָס וועט איינשליסן דאָס אַריבערריקן דעם ריזיגן עלעקטריציטעט אַפּאַראַט וועלכע געפונט זיך היצט אויף די גראָז פאָרנט פונעם בנין, צווישן די צוויי אַריינגענג. דאָס וועט ערמעגליכן צו קענען עפענען אויך אַ זייטיגן אַריינגאַנג צום נייעם קאָרידאָר, און נאָך פאַרשידענע איינריכטונגען.

## די וואַרט-זאַלן און זייערע צוגעהערן

אַריינקומענדיג אינעם בנין האָט זיך געעפנט פאַר אונז אַ הערליכע אויג-פאַרכאַפּנדע בילד, זייענדיג אין די פריע שטונדן איידער דער צענטער איז אָפן פאַר אירע פילע באַזוכער.

די ריינע ציכטיגע וואַרט-זאַלן, די הערליכע "פיש-טענק" און קאָלירפולע דעזיינס, האָט אונז פולשטענדיג איבערגענומען! אויפאיינמאָל האָט זיך געדאַכט אַז מיר געפונען זיך ערגעצוואו אין מאַיעסטעטישער בנין אין מאַנהעטן, ווען אַ געפיל פון הרחבת הדעת און אַן אַטמאָספערע פון רואיגקייט נעמט באַלד אַרום דעם באַזוכער, וואָס איז אַ וויכטיגער באַשטאַנדטייל ווען עס קומט אויס צו דאַרפן צוקומען צו אַ דאָקטאָר.

דער נייער שטאָק איז אויסגעשטאַט מיט צוויי באַזונדערע ברייטע וואַרט-זאַלן, באַזונדער פאַר מענער און פאַר פרויען, מיט באַקוועמע בענקלעך און הערליכע קאַרפעט אויף דער ערד, און ספעציעלע פלעצער פאַר הענגערס פאַר די מאַנטלען אד"ג. אויך האָבן מיר שוין אַריינגעכאַפּט צו זען די פילע פּאָליצעס מיט ליין-מאַטריאַל און ספרי קודש פאַר קינדער און ערוואַקסענע פון אַלע יאָרגענג, און אפילו אַ קליינער שפּיל-פּלאַץ מיט שפּילצייג פאַר די קלענערע קינדער, און ווי קען מען פאַרגעסן נאָכאַמאָל צו דערמאַנען די צוויי גיגאַנטישע "פיש-טענק" וועלכע פיגורירן פראָמינענט אין די צוויי וואַרט-צימערן און שרייט אַרויס "מה רבו מעשיך ה'" דורך אירע הערליכע קאָלירפולע פישן וואָס שווימען אַרום אין די שטילע וואַסערן.

אין צענטער פונעם אויפנאַם-זאל געפונט זיך דער "רעסעפּשאָניסט דעסק" וואו מען שרייבט זיך איין ביים אַריינקומען, ווען אַלעס איז אויסשטאַפירט מיט די נייסטע און פאָרגעשריטנסטע טעכנאָלאָגיע און עלעקטראָנישע געצייג ביים אונטערשרייבן אויף די פאַרשידענע פראַגע-בויגנס צו וועלכע מ'איז געוואוינט ביז היינט.

(פארזעצונג אויף זייט 33)



פראכטפולע רעסעפשאניסט טישל ביים אריינגאנג צו די פידיעטריקס שטאָק

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • *Tel.* 845.782.3242 • *Fax:* 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

# דענטאל מעלדונג!

פאר'ן באקוועמליכקייט פון די חשוב'ע איינוואוינער,
זענען מיר צופרידן צו מעלדן אז מיר האבן פארברייטערט די

## דענטאל עמוירדזשענסי סערוויס

אויך אויף יעדן

## "זונטאג" פארמיטאג

**פון 9:00 ביז 11:00 צופרי**

פאציענטן קענען אריינקומען פאר

## עמערזשענסי באהאנדלונג אן קיין אפוינטמענט

**זונטאג:** פון 9:00 ביז 11:00 פארמיטאג
**מאנטאג** ביז **פרייטאג:** פון 7:00 ביז 9:00 צופרי



**עס איז צוגעשטעלט געווארן א געניטער דענטיסט וואס שטייט ספעציעל גרייט אין די דערמאנטע שעות, צו באהאנדלן סיי וועלכע דענטאל עמוירדזשענסי.**

דאס טוט אונז ערמעגליכן צו קענען צושטעלן מער און בעסערע סערוויס איבער'ן גאנצן טאג, און צו דארפן ווערן געשטערט כסדר פון עמוירדזשענסי אפוינטמענטס, צו די צופרידנהייט פון אלע פאציענטן.

## מיט שעצונג

# הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# א שפאציר אינעם נייעם 'פידיעטריקס שטאק'

(פארזעצונג פון זייט 31)

די אויפנאַמס אָפּטיילונג נעמט אויך אַריין ליכטיגע ביהכ"ס צימערן און אַ הערליכער "פידינג-רום" וואָס איז ספּעציעל אויסשטאַפירט פאַר מאַמעס פון פיצלעך קינדער צו קענען טוישן און פיטערן די קליינוואַרג, אַלעס מיט אַ רחבות און באַקוועמליכקייט.

## די 17 הערליכע "עקזעם" צימערן

איידער מיר האָבן איבערגעטרעטן דעם שוועל טיפער אַריין צו דער "עקזעם" אָפּטיילונג, האָבן מיר זיך אַזוי פּאַראינטערעסירט



איינע פון די ציכטיגע פידיעטריקס "עקזעם צימערן" פולקאָם אויסגעשטאַט מיט די נייעסטע איינריכטונגען

איבער דעם "איבערגאַנג" פּאַראַגנעגענעם דינסטאָג און מיטוואָך פּר' כי תבא, די טעג ווען די פידיעטריקס אָפּטיילונג האָט אָפּיציעל זיך אַריינגעצויגן אין איר נייעם לאָקאַל.

מיר זענען געווען ערשטוינט צו הערן אַז אַדאַנק די גענויע פּראָזיכטיגע פּלאַנירונג און געטריישאַפט פון די שטאַב-הויפּטן און זייערע מיטאַרבייטער, איז דער איבערגאַנג אַריבער אָן קיין שטרויכלונגען ב"ה, און אויף מיטוואָך תבא אינדערפרי, ווען דער נייער שטאָק איז אָפּיציעל געעפנט געוואָרן פאַר'ן פּאַבליק, האָט אַלעס געהעריג פונקציאָנירט מיט אַ פונקטליכקייט.

דער הויכפּונקט, אָדער בעסער געזאָגט: דער פּאַקטישער "דורכברוך", וואָס דער נייער שטאָק שטעלט מיט זיך פאַר, איז דער פאַקט אַז די פידיעטריקס דעפּאַרטמענט איז מיטאיינמאָל אַרויפגעשפּרונגען פון 10 "עקזעם" צימערן צו 17 צימערן, וואָס דאָס



די הערליכע קאָרידאָרן צווישן די צימערן

מיינט אַז זינט דער בנין פונעם העלט צענטער האָט געעפנט אירע טויערן מיט פופצן יאָר צוריק, האָט זיך יעצט די אָפּטיילונג כמעט פאַרדאָפּלט און קען טעראַפּיש באַדינען באַלד דאָפּלט פּאַציענטן אין דער זעלבער צייט.

פאַרשטייט זיך אַז צימערן אַליינס איז נישט אַלעס, און מ'דאַרף דערצו האָבן אַ שטאַב מיט דאָקטוירים און מיטהעלפער, זאָגט אונז אָבער אונזער באַגלייטער אַז דאָס אַז אַ דאָקטאָר קען גיין פון איין צימער צום צווייטן און ווערט נישט אויפגעהאַלטן פון דעם וואָס די שטאַב דאַרף קודם אָנגרייטן דעם צימער, דאָס שניידט שוין אַוועק אַסאַך פאַרלוירענע צייט. אָבער אין אמת'ן אַריין איז דאָס טאַקע נאָר ווי אַן בעפאָרבריטונג צו קענען אויפנעמען אַ פאַרברייטערטע שטאַב מיט דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן, וואָס טייל פון די פּלענער ווירבלען שוין מיט אייפער אַצינד אַז עס איז שוין דאָ דאָס פּלאַץ וואו זיי צו פּלאַצירן.

אַלע זיבעצן צימערן זענען ברייטע און ליכטיגע צימערן; יעדער צימער באַזונדער קומט אויסגעשטעלט מיט אַן עלעקטראָנישער בלוט-דרוק אַפּאַראַט און מאָדערנע 'סקעילס', אַנשטאָט די ביז יעצטיגע 'מעניועל סקעילס' און די וואָס מ'האָט אַרומגעפירט אויף רעדלעך פון איין צימער צום צווייטן. דאָס אַלעס מאַכט אויס אַז די וואַרט-צייט זאָל זיין קורץ, און זאַכן זאָלן גיין אויף אַ שנעלן טעמפּאָ.

אויך איז איין צימער ספּעציעל דעזיגנירט געוואָרן אַלס אַ "טראַמאַ צימער". דער צימער וועט דינען אַלס אַפּגעזונדערטער צימער פאַר עמערדזשענסי פעלער וואָס דאַרפן באַלדיגע באַהאַנדלונג. דער צימער קומט אויסשטאַפּירט מיט אַ גאַנצער שאַפע מיט "פורסט-עיד" צוגעהערן, פאַר בראַנד-וואונדן, טיפע שניטן, מוסקולען אין ביינער 'ספּלינטס' אד"ג, ה"י. אַזוי אויך וועט דער צימער דינען אין פאַל גאָר אַ פּיצל קינד דאַרף געברענגט ווערן צום דאָקטאָר און מוז ווערן באַהאַנדלט 'סטעריל' ד.ה. זיין ווי וויניגער אויסגעשטעלט צו באַקטעריעס און באַצילן, וועט דער צימער זיין בעז"ה געאייגנט דערפאַר.

## אַנדערע צימערן און איינריכטונגען

אין צענטער פונעם שטאָק געפונען זיך די פאַרשידענע "קאָל צענטערן" פאַר די נוירסעס און שטאַב מיטגלידער. אויך איז דאָרט סטאַנציאָנירט דער סאָפיסטיקירטער לאַבאָראַטאָריע מיט פאַרשידענע פּאַרגעשריטענע מאַשינען און נאָך וויכטיגע צימערן.

בכלל איז דער שטאָק זייער געלונגען אויסגעשטעלט אַז די "עקזעם" צימערן געפונען זיך רינגס אַרום דעם שטאָק, מיט אַ ברייטן קאָרידאָר פאַרנט פון די צימערן, און אינדערמיט געפונען זיך די זייטיגע צימערן.

ביים ווינקל פונעם שטאָק געפונען זיך די אָפּיסעס פון די דאָקטוירים און פונעם פידיעטריקס דירעקטאָר - דער באַרימטער דאָקטאָר פּאַלינזשער, מיט פּלאַץ פאַר פּאַציענטן צו קענען זיצן און אַדורכשמועסן האַקלעלע און סענסיטיווע אינפאָרמאַציע.

ביי דער ענדע פונעם קאָרידאָר, איידער'ן אַרויסגאַנג, געפונט זיך דער "טשעק-אַוט רעסעפּשאַניסט" טישל. דאָס איז באַשטימט פאַר אַ באַזונדערע "הילף-סטאַנציע" ביים אַרויסגיין, צוצושטעלן די אַלע אינפאָרמאַציע דאָקומענטן וואָס די דאקטוירים פאַראָרדענען אַרויסצודרוקן פאַר די פּאַציענטן און באַזוכער, אָדער פאַר אַנדערע הילף וואָס ווערט געזוכט איידער מען גייט אַהיים, און פון דאָרט איז דער אַרויסגאַנג-טיר צוריק צום הערליכן "אַריינגאַנג קאָרידאָר".

## באַשטעטיגונג פון "דעפּט. אָוו העלט" און וויטערדיגע פּלענער

אַדורכשפרייזנדיג די קאָרידאָרן שמועסט די אדמיניסטראַציע אויס די ביוראָקראַטישע פּראָצעדורן וואָס מ'האָט געדאַרפט אַדורכגיין אַנצוקומען וואו מ'האַלט ב"ה היינט, ווען אַלעס האָט געדאַרפט פון פאָראויס באַשטעטיגט ווערן דורך די "די-אָו-עיטש", די געזונטהייט מיניסטעריום פון ניו יאָרק. נאָך איידער מען הייבט אָן בויען דאַרף מען אַריינשיקן די פּלענער און ערהאַלטן אַן ערלויבעניש, און נאָר נאָכדעם קען מען צוגיין צו די פּאַקטישע בוי-אַרבייט.

אויף דעם אַלעם פעלט זיך אויס אויפצונעמען אַן אַרכיטעקט, אַ ספּעציאַליסט, וועלכער פאַרשטייט צו די אַלע וויכטיגע פאַרלאַנגען פון די "די-אָו-עיטש" און טוט אַזוי אָנגרייטן די פּלענער אַז עס זאָל שטימען מיט זייערע פאַרשריפטן. דער פּראָצעדור נעמט נאָכדעם עטליכע חדשים ביז זיי שענקען דעם "גאָו-אַהעד" אַז מ'קען צוגיין צו די אַרבייט, און אויך ווען די אַרבייט איז פאַרטיג דאַרף מען אַריינשיקן צו זיי אַ גאַנצע בוך מיט דאָקומענטן, איידער זיי קומען פיזיש אַראָפּ באַטראַכטן דאָס פּלאַץ, און ווען די דאָקומענטן ווערן באַשטעטיגט קומען זיי אָפּיציעל אַראָפּ פאַר אַ באַזוך וואָס געדויערט אַגאַנצן טאָג, און אויף דעם פאַסן זיי זייער ענדגילטיגער באַשלוס איבער דער עפענונג פונעם שטאָק.

דאָס אַלעס האָט פאַרשלעפּט דעם עפענונג פּראָצעדור, און ענדגילטיג נאָכדעם וואָס די פאַרשטייער פון "די-אָו-עיטש" האָבן פאָרמאַל געענדיגט די ביוראָקראַטישע פּראָצעדורן, נאָכדעם וואָס זיי האָבן פון דער נאָנט באַטראַכט דעם הערליכן געבוי און אַלע אירע



די "נורסעס סטעישאַן" אין צענטער פונעם שטאָק

צוגעהערן, האָט דער צענטער ענדליך ערהאַלטן באַשטעטיגונג צו עפענען אירע טויערן, און אָט שטייען מיר היינט מיט אַ שבח והודאה צום אייבערשטן וואָס האָט געהאָלפן ביז אַהער, עד הנה עזרונו רחמיך, און די אויגן זענען ווייטער געוואָנדן אויף אַרויף אַז ואל תטשינו לנצח, מ'זאָל קענען אויספירן די אַלע פּאָרזעצנדע פּלענער אינערהאַלב דעם צענטער.

*

די קומענדיגע פאַזעס פון די בוי-פּראָיעקטן איז די ערשטע אויף דער ליסטע גענצליך אויסצובייטערן דעם דענטאַל אָפּטיילונג אויפ'ן גאַנצן ערשטן שטאָק, אַריינעמענדיג אין זיך אויך דעם אַנדערן האַלבן שטאָק פון וואַנעט די פידיעטריקס דעפּאַרטמענט האָט זיך אָט אַרויסגעצויגן, און די שווערע אַרבעט האָט זיך שוין ב"ה אָנגעהויבן בשטומ"ע (ווי באַזונדער באַריכטעט אין אַן אַנדערן אָרט אין היינטיגן נומער).




מענער "וואַרט-זאַל" באַצירט מיט די הערליכע פיש-טענק

לויט ווי אונזער באַגלייטער האָט איבערגעגעבן וועט די אַרבייט אָנגיין אין פולן טעמפּאָ אַז מ'זאָל ווי שנעלער קענען פאַרברייטערן די דענטאַל סערוויסעס וואו עס הערשט אַ שטאַרקע געדרענג און מאַנגל.

*

בלייבט אונז נאָר צו ווינטשן פאַר די חשוב'ע הנהלת עזרת חולים, יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם, איר זאָלט האָבן הצלחה און סייעתא דשמיא צו קענען צושטעלן די בעסטע וואָס איז שייך אָנבאַלאַנגט די געזונטהייט פון תושבי קרית יואל.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# **ווichטיגע אויפפאדערונג**

**שטייענדיג אין די טעג פון יו"ט סוכות**
**ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן א וויכטיגן פונקט איבער די**

# פובליק סעיפטי שבת ויו"ט פאטראל

ווי שטענדיג אין אזעלכע טעג מאכט זיך ענדערש אז מען זאל דארפן נוצן די פובליק סעיפטי פאטראל. דער ווילידזש שטעלט זיך אהער אין די ימים טובים, און מען ברענגט אריין א פארגרעסערטן שטאב פון פאטראל באאמטע, און מען דינגט מער קארס, כדי מען זאל קענען נאכקומען דעם פארלאנג.

קרית יואל איז א ריזיגע שטאט מיט איבער פיר און א האלב טויזענט פאמיליעס, כן ירבו, און אין אפילו סתם א שבת, כל שכן עטליכע טעג יום טוב, איז א לעבנס וויכטיגע זאך צו האבן גרייט די שבת פאטראל צום באנוץ.

**אין די לעצטערע יארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז אסאך מענטשן באטראכטן דעם סערוויס אלס פריווילעגיע און פארלאזן זיך לכתחלה אויף די פובליק סעיפטי זיי צו שטיין אויף דינסט אויף יום טוב**

דאס פירט צו א פלייץ פון ארבעט פאר די פאטראל אויף א מאסשטאב וואס מען קען נישט נאכקומען

**פילע מענטשן וואס האבן אויסטערליש נויטיג געדארפט האבן א שבת גוי פאר רפואה און אנדערע לעבנסוויכטיגע צוועקן, האבן דאס נישט געקענט באקומען**

## **דעריבער ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן ווי פאלגענד:**

**1) עס איז גענצליך נישט מענטשליך זיך אנצואווארפן לכתחלה אויפ'ן סיסטעם, מען דארף נעמען אין אכט אז יעדע פובליק סעיפטי רוף נעמט כאטש 15 מינוט, און מען וואלט געדארפט צוגרייטן עטליכע הונדערט גוים צו קענען סערווירן אזויפיל מענטשן וואס ווילן נוצן די פאטראל בלויז פאר באקוועמליכקייט.**

**2) פילע אידן דארפן דעם פובליק סעיפטי פאר ריכטיגע עמוירדזשענסיס, מען האט רפואה מאשינען פאר קינדער, צב"ש נעביולייזערס, אידן האבן חולים און עלטערע עלטערן אין שטוב, וואס מען דארף האבן גוים אנצוצינדן און אויסלעשן די מאשינען, די אידן ליידן גרויס צער און עס קומט צו סכנת נפשות, ווייל עס איז נישטא קיין פאטראל צו באקומען, צוליב די וואס נוצן די פובליק סעיפטי פאר מינדערוויכטיגע צוועקן.**

**3) די פובליק סעיפטי איז געמאכט אלס א סערוויס פאַר'ן שטאט צו העלפן מענטשן מיט אומפאראויסגעזעענע אומשטענדן, דער ווילידזש טוט דאס זייער גערן. עס קאסט אָפּ אסאך געלט און פלאנירונג, מיה און שווייס, און עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז מען קען בשום אופן נישט צושטעלן די פובליק סעיפטי פאר זאכן וואס קענען ווערן אויספלאנירט פון פאראויס, א שטייגער ווי אנשטעלן א שבת זייגער וכדו'.**

**עס איז צום האפן אז דער ציבור וועט נעמען צו קענטעניס די הארבקייט פונעם ענין, און דערמיט וועט מען פארמיידן עווענטועלע פראבלעמען ווי אין די פארגאנגענהייט ווען פילע עמוירדזשענסי רופן האבן געמוזט ווארטן שעה'ן צו באקומען הילף**

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע**

**דער ווילידזש**

# פייפליין פראָיעקט

(פארזעצונג פון זייט 3)

אַריינגעלייגט פאַראַיאָר, ווען מ'האָט אָנגעהויבן דעם פראָיעקט, און לויט ווי דער פלאַן לויטעט היצטערט וועט מען פאַרענדיגן דעם סעזאָן מיט ביילייפיג פינף און אַכציג פראָצענט פון די ערשטע פאַזע וואָס נעמט אַריין אַ שטרעקע פון זעקס מייל וועט זיין קאָמפּלעט.

## פלענער פאַר די קומענדיגע יאָרן - פאַזע A-1

אין די טעג האָט מען בסיעתא דשמיא אַריינגעגעבן די פלענער פאַר די קומענדיגע רונדע פון די בוי-אַרבייט, וואָס ביי די אינדזשענירן טראָגט דאָס די צייכענונג פון "פאַזע A-1". דאָס נעמט אַריין די אַרבייט צו פאַרענדיגן די ערשטע פאַזע פונעם גרויסן פראָיעקט, און ערמעגליכט אַז מ'זאָל קענען אָנהייבן פאַקטיש צו געניסן פון די אַרבייט אפי' נאָך איידער דער גאַנצער פייפליין פראָיעקט איז פולקאָם פאַרטיג, דורכדעם וואָס מ'וועט צוטשעפען די ערשטע זעקס-מייל-פייפס צו די "מאַונטענוויל קוועלער" פון וואו מ'האָפט צו קענען פּאָמפּען עטליכע הונדערט-טויזנט גאַלאָן קוואַל-וואַסער טעגליך, און דאָס וועט בעזהשי"ת דינען אַלס אַ שטאַרקער וואַסער-סופליי פאַר די געברויכן פון קרית יואל אין די קומענדיגע יאָרן, ביז ווען מען וועט אי"ה ענדגילטיג קענען געניסן פון די וואַסער פונעם "סיטי עקוועדאָקט", ווען די פייפליין אַרבייט וועט זיין גענצליך פאַרענדיגט.

ווי שוין דערמאַנט אין פריערדיגע געלעגנהייטן, איז די ערשטע פאַזע פון די אַרבייט אויך צעטיילט אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל נעמט אַריין די אַרבייט פון אויסלייגן און ציען די רערן לענגאויס די זעקס מייל, פון קרית יואל ביז צו די קוועלער אין מאונטענוויל, וואָס דאס איז שוין בעז"ה פינף און אַכציג פראָצענט פאַרטיג. דער צווייטער טייל פון די פאַזע נעמט אַריין אין זיך דאָס צוגרייטונג פון די וואַסער-סופליי, וואָס נעמט אַריין די פערמיט פראצעדור און אַקטיוויזירונג פון די קוועלער, און דער גרעסערער טייל אַרבייט איז דאָס אויפבויען צוויי מעכטיגע "פּאָמפּ-סטעישאָנס", איינס האַרט נעבן די קוועלער דאָרט אין מאַונטענוויל, און דאָס צווייטע - בערך אינדערמיט פון די זעקס מייל - וועט מען אויפבויען אויפ'ן שטח וואָס קרית יואל האָט אָפּגעקויפט אין וואודבורי, אויף רידזש ראָוד, דאָרט וואו קאַונטי רוט 44/רידזש ראָוד גרעניצט זיך מיטן סטעיט רוט 32, וואָס די פּאָמפּ-סטעישאָנס וועלן צושטעלן שטויס-קראַפט פאַר'ן וואַסער-סופליי, ארויפצושטופן דאס וואסער דורכאויס די פילע בערגיגע פלעצער, יעדעס איינע דערפון פאר עטליכע מייל, סיי ביים נוצן די מאונטענוויל קוואַל-וואַסער און סיי עווענטועל פאַר די סיטי-וואַסער פונעם "עקוועדאָקט".

ווי געזאָגט האט מען יעצט אַריינגעגעבן די פלענער פאַר די צוויי פּאָמפּ-סטעישאָנס צו די ניו יאָרק סטעיט געזונטהייט מיניסטעריום, באַקאַנט אַלס די "די-אָו-עיטש" דעפארטמענט אוו העלט.

אַזויווי דער טייל פון די אַרבייט וועט פאָרקומען אויף פריוואַטע קרית יואל אפגעקויפטע באָדנס און נישט אויף ראָודס אָדער עפנטליכע פלעצער, איז דאָס אויטאָמאַטיש אַ גרינגערער ערלויבעניש-פראָצעדור, אַנדערש ווי די אַרבייט ביז אַהער וואָס האָט פאַרלאַנגט פערמיטן פון פאַרשידענע רעגירונגס ביוראָען — אָנגעהויבן פון די סטעיט טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט; די טראַוועי אוטאריטי; די קאַונטי און די לאָקאַלע פּאָבליק וואָורקס און אַזוי אויך האָט די "די-אי-סי" געדאַרפט באַשטעטיגן טייל פון די אַרבייט.

דאָסמאָל אָבער פאַרלאַנגט זיך נאָר די דערמאַנטע באַשטעטיגונג פון די "העלט דעפּאַרטמענט", וואָס דאָס וועט האָפנטליך נישט נעמען לענגער ווי צוויי-דריי חדשים, און לויט'ן פּלאַן וועט מען בעזהשי"ת קענען צוגיין צו די אַרבייט דעם קומענדיגן יאַנואַר '15 למספרם.

## "די-אי-סי" פערמיטן אויף די מאַונטענוויל קוועלער

די אנדערע וויכטיגע טייל פון דער ערשטער פייפליין-פאַזע איז דאָס ערהאַלטן ערלויבעניש פון די סטעיט "די-אי-סי" און פונעם "העלט דעפארטמענט" צו קענען נוצן די דערמאַנטע וואַסער-קוועלער אין מאַונטענוויל פאַר'ן טעגליכע באַנוץ פון קרית יואל.

דער פראָצעדור צו ערהאַלטן אַזאַ פערמיט איז נישט דירעקט קאָמפּליצירט. דאָס איז אייגנטליך דער זעלבער פערמיט וואָס קרית יואל האָט ערהאַלטן אויף אַלע אירע קוועלער ביז היינט, סיי אין קרית יואל זעלבסט און אַזוי אויך אויף די קוועלער אין טאַון אָוו מאָנראָ, ווצב"ש די "ברענער פּראָפּערטי" קוועלער נעבן דעם "רוח-החיים קינדער פאַרק".

נאָר ווי מיר האָבן שוין באַריכטעט ביי פריערדיגע געלעגנהייטן, וויבאַלד דאָסמאָל האָבן די אַנטי-וואוקס פאַרפירער און די אַגענדע-געטריבענע העצערס פון וואודבורי פאַרפירט אַז דאָס נוצן די קוועלער אין מאַונטענוויל וועט זיי מ'כלומר'שט שאָטן, האָט די "די-אי-סי" פרייוויליג צוגעשטעלט אַ "פּאָבליק הירינג" אין קאָרנוואָל, וואו דאָרט האָבן זיי געגעבן אַ געלעגנהייט צו קענען פּרעזענטירן סיי וועלכע קאָמענטאַרן פון די דערנעבנדיגע מוניציפּאַליטעטן און אירע איינוואוינער, וואָס דאָס וועלן זיי אַריינעמען אין באַטראַכט ביים באַשליסן איבער'ן פּערמיט.

צו דער באַשטימטער צייט האָבן זיך פאַרזאַמלט איינוואוינער פון די דערנעבנדיגע טאַונס — וואודבורי און קאָרנוואָל, און עס זענען געווען אָנוועזנד פאָרשטייער פון די "די-אי-סי" און פון די ווילעדזש אינדזשענירן, וואו מ'האָט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר קאָמענטאַרן פונעם פּאָבליק.

די אַלע קאָמענטאַרן זענען געוואָרן פאַרצייכנט און דער ווילעדזש - דער אפליקאנט - איז דערנאָך פּרעזענטירט געוואָרן דורך די "-די-אי-סי" מיט אַ גאַנצער בוך מיט דאָקומענטן און פראַגע-בויגנס וואָס האָט געדאַרפט ווערן צוגעשטעלט אַלס אַ צוגאָב צו די אָריגינעלע אַפּליקאַציע, און אין דעם צוגאָב דאַרף אַדרעסירט ווערן די אַלע זאכליכע פראגעס וואָס זענען געוואָרן אויפגעברענגט דורך די באַטייליגער ביים פּאָבליק הירינג אין קאָרנוואָל — סיי די מונדליכע קאָמענטאַרן און אויך די געשריבענע אָנפראַגעס וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן צו די "די-אי-סי" דורכ'ן פּאָבליק, בשייכות מיטן באַנוץ פון די מאַונטענוויל קוועלער.

קיין סאַך פאַקטישע אַרבייט האָט דער נייער צוגאָב נישט צוגעלייגט. רוב דערפון איז בעיקר נאָר שרייבווערק און דאָקומענטן וואָס דאַרף ווערן צוגעשטעלט. וואָס איז יאָ צוגעקומען דורך דעם "פּאָבליק הירינג" איז געווען, ווען דער וואודבורי טאַון אינדזשעניר האָט אויפגעברענגט אַ פאַרדאַכט אַז אַזויווי די קוועלער געפונען זיך אינעם גאָר נאָענטן שכנות פון אַ שטאַרקן וואַסער-שטראָם וואָס לויפט דאָרט דורך, באַקאַנט אַלס דער "מודנע קריעק", און עס איז דאָ — לויט'ן אינדזשעניר — אַ

(פארזעצונג אויף זייט 37)


VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

צייטווייליגע
טראפיק אנווייזונגען

צוליב די אנפראגעס איבער די "דיטאור" סיינס
וואס זענען ארויסגעלייגט געווארן אויף עיקערס און פארעסט ראודס
ווילן מיר קלארשטעלן אז דאס איז אין צוזאמענהאנג מיט די
פייפליין אינסטולאציע ארבייט
אויף סעווען ספרינגס-מאונטען ראוד
וואס צוליב דעם איז פארשלאסן איין ליניע ביי די מאונטען ראוד/סעווען ספרינגס-מאונטען ראוד
אינטערסעקשאן, וואס וועט אנהאלטן פאר די קומענדיגע עטליכע וואכן
דעריבער איז וויכטיג אין קענטעניס צו נעמען אז אלע
טראקס און קאמערציאלע טראפיק
מוזן פארקירעווען זייער וועג און פארן דורך פארעסט ראוד
פאר אנדערע קארס איז אויך ראטזאם צו נוצן פארעסט ראוד
צוליב די פארלאנגזאמטע טראפיק אויף סעווען ספרינגס-מאונטען ראוד אין פארנומענע צייטן
מיט דאנק פאר אייער ווייטערדיגע קאאפעראציע
די "פאבליק ווארקס" דעפארטמענט

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

קאמיוניטי סאשעל סערוויסעס דעפארטמענט

**Trustees**
Jacob Mittelman
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau

# וויכטיגע דערמאנונג!

פאר די אלע וועלכע ווילן זיך אנשליסן אינעם

# מארקעט פלעיס-העלט עקסטשעינזש קאווערעדזש

אז די צייט זיך איינצושרייבן אינעם דערמאנטן פראגראם לויפט

פון קומענדיגן

# November 15, '14

ביז

# February 15, '15

אויב ווילט איר זיך אנשליסן אינעם דערמאנטן פראגראם פאר "העלט קעיר קאווערעדזש", רופט אריין אינעם אפיס פון סאושעל סערוויס דורכאויס די דערמאנטע צייט און מיר וועלן אייך בס"ד העלפן אין אייער געברויך

## קלארשטעלונג!

די דערמאנטע צייט באגרעניצונג איז נאר פאר משפחות וועלכע זענען עליזשעבל נאר פאר'ן "העלט עקסטזשעינדזש" פראגראם

**דאס איז נישט נוגע פאר פאמיליעס וועלכע זענען בארעכטיגט**

**"מעדיקעיד" אדער "טשיילד העלט פלאס"**

**אין דעם קען מען זיך אנשליסן א גאנץ יאר**

מיט דאנק

**די "סאושעל סערוויס" דעפארטמענט**

# פייפליין פראָיעקט

(פארזעצונג פון זייט 35)

מעגליכקייט, אַז אין די צייטן וואָס דאָס וואַסער-טייכל איז נידריג, גערופן אויף זייער שפראַך אַ "לאָו-פלאָו", וועט דער באַנוץ פון די קוועלער פאַראורזאַכן גענצליך אויסצוטרוקענען דעם טייכל, וואָס דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר די ענווייראָמענט, סיי צוליב די פאַרשידענע פישלעך וואָס האָדעווען זיך אין די טייכלעך און אויך פאַר די ערד אַרום, וואָס זעטיגן זיך דורך דעם טייכל.

אין אמת'ן אַריין האָט דער פאַרדאַכט נישט קיין שטאַרקער האַפט, ווייל באַלד אין אָנהויב האָט קרית יואל דורכגעפירט לאבאראטאריע שטודיעס, נעמענדיג וואַסער-סעמפּלס סיי פון די קוועלער און סיי פון דעם "מודנע קריעק", צו זען צי דאס וואַסער איז די זעלבע און האָט אַ שייכות. די טעסטס האָבן זיך בשעתו פאַרלאַנגט צו קענען באַשטימען דעם געברויך וויאַזוי צו פילטערן די וואַסער פון מאַונטענוויל, ווייל געוועהנליכע קוואַל-וואַסער איז פיל זויבערער ווי דאָס וואַסער וואָס לויפט אין אַן אָפענעם שטראָם און ווערט אָנגעפולט מיט דרויסנדיגע שמוץ און קעמיקאַלן פון די ראָודס אַרום.

די דעמאָלסדיגע טעסט-רעזולטאַטן זענען צוריקגעקומען אַז די צוויי וואַסערן זענען נישט פאַרבינדן און די קוועלער ציען נישט אַריין קיין וואַסער פונעם "מודנע קריעק".

טראָץ די רעזולטאַטן פונעם טעסט האָט קרית יואל זיך פאַרפליכטעט אַריינצושטעלן אינעם וואַסער-שטראָם אַ "מעסטער", גערופן "געיזש", וואָס דאָס וועט זאַמלען "דאַטאַ" פונעם וואַסער-שטראָם, אין אַלע צייטן און אונטער אַלע אומשטענדן, און אויב די רעזולטאַטן וועלן צוריקקומען אַז די קוועלער קענען האָבן אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויפ'ן טייכל, אין די "לאָו-פלאָו" צייטן, וועט קרית יואל זיין באַגרעניצט אַז אין יענע צייטן וועט מען נישט קענען פּאָמפּען די פולע מאָס וואַסער אויף וואָס מ'ערהאַלט ערלויבעניש.

אָבער ווי דערמאַנט איז דאָס אַ ווייטע מעגליכקייט און די אינדזשעניר זענען נישט באַזאָרגט אַז עס זאָל אפילו קומען דערצו.

יעצט בלייבט איבער פאַר קרית יואל צו פאַרענדיגן די איבערגעאַרבייטע אַפּליקאַציעס וואָס נעמען אריין אַן אַנטוואָרט אויף די קאָמענטאַרן פונעם פּאָבליק הירינג, וואָס דאָס וועט אַריינגעשיקט ווערן צו די "די-אי-סי" אין די נאָנטע וואָכן, מיט אַ פאַרלאַנג צו באַשטעטיגן צו קענען טעגליך אַרויסשעפּן 670 טויזנט גאַלאָן וואַסער פון די קוועלער, גענוג צו סופּלייען דעם געברויך פאר נאך אריבער טויזענט צוקומענדע קרית יואל'ע משפחות קע"ה, און האָפנטליך וועלן די פּערמיטס שוין זיין ערהאַלטן אויף ווען די אַרבייט פון די צוויי פּאָמפּס סטאַנציעס וועלן זיין געענדיגט, אַון מ'וועט בעזהשי"ת קענען פאַקטיש באַלד אָנהויבן צו געניסן פונעם היסטאָרישן פּייפּליין פּראָיעקט.

## די צווייטע און נאָכפאָלגענדע פאַזע

אזוי אויך האָבן די אינדזשעניר און אַרכיטעקטן פאַרענדיגט די פונקטליכע פּלענער פון די שפּעטערדיגע בוי-אַרבייט, און דאָס אַריינגעגעבן פאר די סטעיט אינסטאַנצן, די פּלענער נעמען אריין דאָס אָנהייבן די צווייטע פאַזע פונעם פּייפּליין, וואָס נעמט אַריין דאָס ציען די רערן איבער אַ לענג פון נאָך זיבן מייל – פון די מאַונטענוויל קוועלער אינעם טאַון פון קאָרנוואָל, ביז צו ניו-ווינדסאַר, וואו עס לויפט אַריבער דער מאַכטפולער "ניו יאָרק סיטי וואַסער עקוועדאָקט", וואו דאָרט וועט מען ענדגילטיג באַהעפטן דעם פּייפּליין און ציען די סיטי-וואַסער דורך די דרייצן מייל "קרית יואל פּייפּליין", פאַר'ן מאַסיוון וואַסער-געברויך פון קרית יואל.

די זיבן מייל לויפן כמעט נאָר אויף סטעיט ראָודס, לויפנדיג דורך די סטעיט רוט 32, פון מאונטענוויל ביז צו וועילס-געיט, וואָס איז באַקאַנט אַלס די "פּייוו קאָרנערס", און דאָרט וועט דער פּייפּליין זיך דרייען אַרויף צו סטעיט רוט 94 ביז צו ריילי ראָוד אינעם טאַון פון ניו-ווינדסאַר. דעריבער וועלן די פּערמיטס פאַר די צווייטע פאַזע נאָר דאַרפן ערהאַלטן ווערן פון סטעיט אגענטורן און פון די טאַון פון ניו-ווינדסאַר און נישט פון די קאַונטי, אַזוווי עס האָט זיך פאַרלאַנגט ביי די ערשטע פאַזע וואָס האָט אויך אַריינגענומען דעם קאַונטי ראָוד רוט 44.

די אַרבייט-פּלענער אויף צו ציען די פּייפּס פאַר די צווייטע פאַזע איז ווי דערמאַנט שוין אַריינגעגעבן געוואָרן פאַר די סטעיט, און עס איז צום האָפן אַז די פּלענער וועלן ווערן באַשטעטיגט אינגיכן, אַז מ'זאָל קענען באַלד אָנהייבן מיט די צווייטע פאַזע ווי נאָר די ערשטע פאַזע וועט זיין פאַרענדיגט.

אויסער דאָס ציען די פּייפּס, וועט נאָכפאָלגן די דריטע פאַזע וואס נעמט אַריין דאָס אויפבויען אַ ריזיגן "וואַסער פילטערינג פּלענט" צו רייניגן און פילטערן די סיטי וואַסער איידער עס קומט אַריין אין קרית יואל. די פילטערינג פּלענט וועט געבויעט ווערן אין וואודבורי, אויף אַ שטח ביי קאַונטי רוט 44, נעבן בעיקרטאַון ראָוד. די פּלענט וועט אויך פאַרמאָגן אַ ריזיגער סטאָרעדזש טאַנק פאַר רעזערוו און נאָך צוגעהערן. אַזוי אויך דאַרף מען אַריינלייגן אין די פּלענער פון די צווייטע פאַזע די אַרבייט פון באַהעפטן דעם פּייפּליין צום עקוועדאָקט, וואָס דאָס פאַר זיך איז אַ קאָמפּליצירטע אַרבייט וואָס דאַרף ווערן גוט פּלאַנירט און באַשטעטיגט.

## "אַנעקסעישאָן" אַלס אינטעגראַלער טייל פונעם "פייפליין"

אַ שטאַרקער און אינטעגראַלער טייל פונעם מאַכטפולן פּראָיעקט איז דאָס שאַפן די נויטיגע פאָנדן צו קענען דעקן די אומגעהויערע הוצאות, וואָס ווערט יעצט געשאַצט אָנצוקומען צו קרוב צו פופציג מיליאָן דאָלאַר אויף ווען אַלעס וועט זיין פיקס-פאַרטיג, און ווי "הקריה" האָט שוין ביי פריערדיגע געלעגנהייטן באַריכטעט, ווערט דאָס קודם אויסגעבארגט דורך לאַנג-טערמיניגע "רעגירונגס באָנדס" וואָס קומט פון אַ ספּעציעל דעזיגנירטע קאַסע פון דער ענווייראָמענטאַלער אַגענטור, באַקאַנט אַלס "אי-עף-סי" (ענווייראָמענטאַל פעסיליטיס קאָרפּאָרעישאָן), וואָס שטעלט צו גרענטס און הלוואות פאַר ענווייראָמענטאַלע פּראָיעקטן, אַ שטייגער ווי סוער און וואַסער איינריכטונגען.

די "אי-עף-סי" האָט פאַרלאַנגט אַ באַווייז אַז קרית יואל וועט זיין ביכולת צו באַצאָלן אַזאַ ריזיגע פּראָיעקט אין לויף פון די קומענדיגע דרייסיג יאָר, וואָס דאָס צו באַווייזן האָט דער "אַנעקסעישאָן פּלאַן" געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע, סיי ווייל די פילע אַפּליקאַנטן פונעם אַנעקסעישאָן האָבן זיך שריפטליך פאַרפליכטעט צו באַצאָלן אַן איינמאָליגער "קאָנעקשאָן אָפּצאָל" זיך צו באַהעפטן צום "קרית יואל וואַסער סיסטעם", וואָס דאָס וועט צושטעלן די פינאַנצן צו דעקן דעם מאָנומענטאַלן פּראָיעקט, און אזוי אויך האבן געוויסע פּראפּערטי אייגנטומער אין די טאון אויך אפּלייעט זיך אנצובינדן אין דעם קרית יואל וואסער סיסטעם און באצאלן דעם איינמאָליגן "קאָנעקשאָן אָפּצאָל" וואָס דאָס אלעס וועט העלפן דעקן די באַצאָלונגען וואָס דאַרף באַצאָלט ווערן פאַר די "אי-עף-סי".

אויף צו פינאַנצירן די ערשטע פאַזעס וואָס קומט אויס צו אַרום 22 מיליאָן דאָלאַר, האָט קרית יואל שוין ב"ה ערהאַלטן באַשטעטיגונג פון די "אי-עף-סי", און צו קענען בארגן די איבריגע 25 מיליאָן דאָלאַר וועט מען בעז"ה ווערן באשטעטיגט נאכן אַנעקסעישאָן אויסגאַנג, און האָפנטליך וועט דער אַנעקסעישאָן נישט נעמען לאַנג און מ'וועט קענען ערהאַלטן די "באָנדס" פאַר די קומענדיגע בוי-פאַזעס אויף ווען מ'וועט האַלטן ביים אָנהייבן די אַרבייט.

עס ברויך אַרויסגעברענגט ווערן אַז די געריכטליכע אויסגאַבן אין וועלכע קרית יואל איז געוואָרן אַריינגעצויגן דורכאויס די אַלע יאָרן ביז מ'האָט ענדליך געקענט אָנהויבן אַרבייטן, ווערן נישט געדעקט אונטער די באָנדס און אַזוי אויך פאַרשידענע אַנדערע צוגרייטונגס-קאָסטן, אלעס אינאיינעם וועט דער פּראָיעקט אַריינציען אין ארום פופציג מיליאָן דאָלאַר.

תושבי קרית יואל ווייסן אויסצונוצן די טעג מתפלל צו זיין אַז קרית יואל זאָל מצליח זיין און קענען בקרוב מאַכן אַ שהחיינו אויפ'ן פּייפּליין, מיט אַ נאָכאַנאַנדע פלוס פון וואַסער, "מים שאין להם סוף", צו קענען נאָכקומען דעם שטענדיגן שטייגענדן פאַרלאַנג און דראַמאַטישער וואוקס בליעה"ר פון די הייליגע שטאָט.

זכותם הגדול פון רבותינו הקדושים זי"ע בגנזי מרומים זאָל ביישטיין אַז די אַרבייט זאָל בקרוב געקרוינט ווערן מיט סוקסעס און הצלחה בס"ד.







אָנגייענדע פּייפּליין בוי אַרבייט אויף סעוווען ספּרינגס-מאַונטען ראָוד ברענגט צייטווייליג אָפּצושפּאַרן איין ליניע ביים "מאַונטען ראָוד אינטערסעקשאָן"

# נאָוועמבער וואַלן

(פארזעצונג פון זייט 43)

און אויסשטעל אין קרית יואל זאָל פאַרבלייבן ווי ביז היינט. דאָס איז ווי פאַרשטענדליך געווען גאָר אַ שווערער און ביטערער דורכפאַל פאַר "יונייטעד מאָנראָ", אַלס די ערשטע אין די סעריע פון דורכפעלער אינעם היי יעריגען וואַל סעזאָן, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט די רעזולטאַטן דינסטאָג נאַכט ווען זייער קאַנדידאַט איז אַרויסגעפאַלן פונעם פאַרמעסט.

דער אינספּעקטאָר סומאטאכע פון איידער די וואַלן האָט געפירט אַז דורכאויס דעם דינסטאָג טאָג זאָלן ביידע וואַל קאָמישענערס פון די קאַונטי אַראָפּקומען פערזענליך, צו זען און זיך אַליינס איבערצייגן איבער'ן געניטן סיסטעם און רואיגע אַטמאָספערע וואָס הערשט דאָ אין אַ וואַל-טאָג, סיי אינעם קרן ויואל משה זאַל און אויך אינעם נייעם לאָקאַל אין די "אשת חיל" בנין. ביידע קאָמישענערס זענען געווען גאָר צופרידן פון זייער באַשלוס, ווען זיי האָבן אויסגעדרוקט באַגייסטערונג פון די מסודר'דיגקייט און געניטשאַפט מיט וואָס קרית יואלער ווילער צייכענען זיך אויס.

נאָך זייער דורכפאַל ביי די פריימערי וואַלן, האָט "יונייטעד מאָנראָ" באַשלאָסן אַריינצוטראָגן די טענה אין געריכט. זיי האָבן אַפּירגעזוכט דעם אור-אַלטן אַנטי-קרית יואל אַדוואָקאַט מייקל סאָסמאַן, וועלכער האָט אויף זיין היסטאָריע אַ קאָנטע פון וויסטע געריכטליכע קלאַגעס קעגן קרית יואל, און פאַרגאַנגענעם סעפּטעמבער 9 האָט סאסמאן אָנגעקלאָגט די קאַונטי רעגירונג אין דיסקרימינאַציע.

אין די קלאַגע באַציט זיך סאָסמאן, אין נאָמען פון די "יונייטעד מאָנראָ" פאַרפירער, צום באַשלוס פון די קאַונטי באָורד אָוו עלעקשאָנס נישט צו ערלויבן דרויסנדיגע וואַל-אינספּעקטאָרס אין קרית יואל, וואָס לויט אים טוט דאָס פאַרלעצן די ציווילע רעכטן פון נישט-אידן, און דיסקרימינירט אַקעגן זיי אויף אַן אומלעגאַלן פאַרנעם.

עס ווערט ערוואַרטעט אַז די קאַונטי אַדוואָקאַטן זאלן אָפּענטפערן די וויסטע קלאַגעס, און האָפנטליך וועלן די "יונייטעד מאָנראָ" קלעגער דאָסמאָל אויך נישט מצליח זיין אין אַריינשטעלן דאָ זייערע אינספּעקטאָרס, וואָס קען פאַרשווערן דעם וואַל-פּראָצעדור אין קרית יואל.

*

אין די איצטיגע טעג נאָך-יו"ט וועט פאָרקומען די יערליכע "עבסענטי בעלאט דרייוו" צו גיין אויפנעמען געשריבענע שטימעס פון מענטשן וואָס וועלן זיך נישט קענען פערזענליך באַטייליגן אין די וואַלן און רופן אריין אויפן נומער פון אנ"ש 845-202-1291, און עס ווערט ערוואַרטעט אַז זה לעומת זה וועט גאַנץ קרית יואל זיך מאָביליזירן און אַרויסקומען שטימען פאַר די אנ"ש-אינדאָרסירטע קאַנדידאַטן, און העלפן פאַר קאַנדידאַטן וואָס פאַרשטייען אַז דער ציבור אין קר"י טאָר נישט ווערן איגנאָרירט, און זענען גרייט קעגנצוקומען די געברויכן פון די טויזנטער משפחות וואָס זענען אָנגעוויזן אויף פאַרשידענע קאַונטי הילף, טראָץ וואָס זיי ווערן דערפאַר אַראָפּגעריסן דורך די אַנטי ק"י עלעמענטן, און מיט דעם צולייגן אַ פלייצע אַז די געטרייע עסקנים זאָלן קענען אָפּשלאָגן די אַלע געמיינע העצערייען מיט'ן פאַראייניגטן כח הרבים, און מיט'ן כח הקדושה פון רבוה"ק זי"ע אשר מפיהם אנו חיים.

ובחרת... למען תחיה אתה וזרעך.

## KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

Kiryas Joel Union Free School District — KJ — Orange County, New York

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


-Transportation Department-

# וויכטיגע אויפמערקזאמקייט!

## מיר ווילן אויפמערקזאם מאכן דעם עולם
אז דורכאויס די ווינטער חדשים
## איז נישט ערלויבט צו פארקן אויף די גאסן אין קרית יואל

ווען איר פארקט אויפ'ן גאס טוט איר דערמיט
**ארייננשטעלן אין א סכנה אייערע אייגענע קינדער**

- באסעם פארשפעטיגן צוליב דארפ'ן ארומפארן די קארס און **אייער** קינד ווערט קאלט ווארטנדיג פאר'ן באס.
- קינדער קענען ארויסלויפן אונטער געפארקטע קארס, וואס שטעלן מער אין סכנה **אייער** אייגן קינד.
- באסעם קענען נישט אריינפארן צו די דעד-ענד גאסן, און **אייער** קינד ווערט אראפגעלאזט פון באס 2 בלאקס אוועק פון אייער הויז.

ביטע באשיצט **אייערע אייגענע** קינדער

# פארקט נישט אויפ'ן גאס!

אויב אייער שכן פארקט אויפן גאס טוט ער דערמיט שטעלן אין סכנה **אייער** קינד.

מיט אכטונג

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**



# מצילי אש אפטיילונג

## מצילי אש וואָלונטירן האַלטן מיט פרישע סעריע "שיעורי הלכה-הל' שבת" דורך הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א

אין די איצטיגע טעג האט זיך אנגעהויבן א פרישע סעריע שיעורים פארגעלערנט דורך הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א אינעם מצילי אש הויפטקוואטיר אויף חברון ראוד, וואו אלע מצילי אש וואָלונטירן האבן אנטיילגענומען, צוהערנדיג זיך צו די גאר קריטיש-וויכטיגע הלכות אין הלכות שבת ויו"ט, וואס איז נוגע אין דער מצילי אש דינסט.

די סעריע שיעורים קומען געווענליך פאָר יעדע עטליכע יאר, וואס גיט די געלעגנהייט פאר די וואָלונטירן כסדר זיך אויפצופרישן די וויכטיגע הלכות לידע המעשה אשר יעשון אין די אנגעצויגענע מינוטן פון א מצילי אש רוף אום שבת ויו"ט, עס זאָל זיך נישט מאַכן.

אצינד זענען די שיעורי הלכה גאר אק-טועל פאר די פרישע איינהייט וואָלונטירן וועלכע זענען לעצטנס אריין אין דינסט, און האבן אצינד געהאט די מעגליכקייט צו ווערן באהאוונט מיט די נויטיגע הלכות ווען זיי האבן אלע מיטגעהאלטן די קלארע שיעורים דורכ'ן דיין שליט"א.

דער ערשטער שיעור איז פאָרגעקומען אין די פאַרגאַנגענע טעג, און תיכף נאך יו"ט סוכות הבעל"ט וועט דער דיין שליט"א נאך עטליכע מאל ערשיינען אינעם מצילי אש הויפטקוואַרטיר ממשיך צו זיין מיט די שיעורי הלכה.

דער ערשטער שיעור איז אדורך מיט גרויס ערפאלג. די חשוב'ע וואָלונטירן זענען גאר שטארק אויסגעקלארט געווארן מיט די גאר קאמפליצירטע הלכות. ספעציעל האָט אַרויסגעשטאַרט דער נייער "שאלות בויגנס" סיסטעם, ווען אלע מעמבערס האבן ערהאלטן א ספעציעלער בויגן וואו מ'קען אנפרעגן דעם דיין שליט"א בכתב פערזענליכע שאלות, אויף וואס דער דיין שליט"א וועט ענטפערן אין דער נאנטער געלעגנהייט.

## "מצילי אש" פולקאָם גרייט אויף ווינטער-סעזאָן

אין דער עקוויפמענט-פלאטע פון "מצילי אש" איז אצינד פארגעקומען א פרישע אויסברייטערונג ווען עס איז איינגעקויפט געווארן גאר טייערע ספעציעל "סוועטערס" פאר אלע מעמבערס, ספעציעל געאייגנט פאר'ן קאלטן ווינטער סעזאן.

אין די גאר קאלטע ווינטער וועטערס, ווען די וואָלונטירן זענען אויסגעשטעלט צו שווערע פרעסטן און שנייען, זענען ווארעמע סוועטערס גאר נויטיג און דרינגנד. דער לעצטער איינקויף איז געווען פאר עטליכע יאר צוריק, אצינד מיט דער פארברייטערונג אין דער מעמבערס איינהייט, און ס'האט זיך אויסגעפעלט מער סוועטערס, איז שוין אינאיינוועגס איינגעקויפט געווארן פרישע נייע סוועטערס פאר אלע מעמבערס.

רעדנדיג פון די פרישע מצילי אש מעמבערס, ווערט איבערגעגעבן איבער די נייע ראדיאס וועלכע זענען אצינד געקויפט געווארן פאר די נייע מעמבערס, ווען ביז איצט האָבן זיך די נייע מעמבערס געמוזט באגנוגענען מיט די אלטע סארט ראדיאס. אצינד זענען זיי אויסגעשטאט געווארן מיט גאר סאפיסטיקירטע ראדיאס וואס וועט פילפאכיג פארשטערקערן די קאמוניקאציע צווישן די וואָלונטירן בעז"ה.

## יערליכער פייער-טראָקס "אינספעקשאָן", באַלד נאָך סוכות

אין די צייט פון יאר קומט געווענליך פאָר דער יערליכער אינספעקשאן איבער אלע מצילי אש טראקס.

דער אינספעקשאן איז גאר וויכטיג פאַר די אויפהאַלטונג פון די מאַסיווע טראָקס, וועלכע פארזיכערט די טראקס פון ליעקס, מאטאר פראבלעמען און פיל אנדערע פראבלעמען וואס קען זיך מאכן און אזעלכע מאסיווע טראקס.

דער אינספעקשאן וועט היי יאר פארקומען תיכף נאך יו"ט סוכות, ווען עס וועט אראפקומען א פריוואטע פירמע וואס איז גאר גוט געאייגנט פאר אזעלכע אינספעקשאנס, און וועט דורכפירן א דורכדרינגליכע איבערזיכט איבער די טראקס "פון באָמפער צום באָמפער" וואס וועט פארזיכערן אז אלע טיילן פון די טראקס פונקציאנירן געהעריג אָן פראבלעמען.

תיכף דערנאך וועט אי"ה אראפקומען א באזונדערע פירמע וואס איז ספעציעל געשולט אויף אינספעקטירן דעם מאַסיוון "לייטער טראק", און טרענירן דעם הויכן לייטער צו פארזיכערן אז עס ארבעט גוט אָן פראָבלעמען.





# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

-קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט-

לתועלת הרבים!

היות אין די טעג פון חול המועד פארט א גרויסער ציבור אויף פארשידענע ערטער, ווילן מיר מודיע זיין פאר'ן ציבור אז עס איז פאראן א ספעציעלער נומער וואו איר קענט אריינרופן איבערצוקוקן צי אייער לייסענס איז אין ארדענונג

דער נומער איז:

**518-474-0841**

מען קען רופן דעם נומער פון מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 4:00 נאכמיטאג

עס איז וויכטיג צו קענטעניס צו נעמען אז עס מאכט זיך אפט אז מען האט פראבלעמען מיט די לייסענס און מען ווייסט נישט דערפון זייט געווארנט! דרייוון מיט סופענדירטע לייסענס איז אומלעגאל. די פאליציי קען ארעסטירן דערפאר און אוועקנעמען דעם קאר

די קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט

**KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT**

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

**TRANSPORTATION DEPARTMENT**

בס"ד

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

אריינטרעטנדיג אין די ווינטער חדשים ווען די סקול באסעס קורסירן אין די גאסן ווען עס איז שוין טונקל

**טוען מיר נאכאמאל דערמאנען און אויפפאדערן דעם גאנצן ציבור, מענער און פרויען, יונג און אלט**

# צו גיין מיט א רעפלעקטאר!

**ס'איז ממש סכנת נפשות עס צו פארנאכלעסיגן!**

אין די טונקלקייט פון די נאכט איז ממש אוממעגליך צו באמערקן קינדער און אפי' ערוואקסענע וואס גייען נישט מיט קיין ריפלעקטאר

**ספעציעלע בקשה צו די עלטערן:**

עס איז אייער פליכט און אחריות צו מאכן זיכער אז די קינדער גייען אנגעטאן מיט רעפלעקטארס אויף זייערע מאנטלען.

וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום

מיט דאנק

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**



# שערי חמלה ווינקל



# ליכטיגער זומער אָפּגעראָכטן אין "קעמפּ פריייליך" מיט די תלמידים פון מוסד הק' שערי חמלה

## ספּעציעלע פּראָגראַמען און אַקטיוויטעטן לעבן אויף די קינדערלעך צום העכסטן שטאַפּל

זומער גייט מען אויף וואקאציע. נישט אזוי?!

אייגנטליך, ניין. נישט אזוי. זומער גייט מען "נישט" אויף וואקאציע.

ביים געטרייען און איבערגעגעבענעם שטאב פון דעם הייליגן מוסד "שערי חמלה", איז נישט פארהאן אזא באגריף ווי זומער וואקאציע. ביי די מחנכים פונעם הייליגן מוסד, וואו די ערציאונג פון די הייליגע נשמה'לעך איז נישט סתם א 'דזשאב', נאר א הייליגער פליכט, קען מען זיך נישט ערלויבן ארויסצוגיין זומער אויף וואקאציע און איבערלאזן די קינדערלעך שיחיו אויף הפקר ח"ו.

אדרבא, זומער איז א צייט ווען די היצן און דער עטוואס-פארדרייטער סדר מיט די לענגערע בייטאג-שעה'ן, פארלאנגט אסאך מער כוחות צו קענען האלטן די קינדערלעך אין די ראמען ווי געהעריג, און עס ווערן טאקע ארייגעלייגט די מאקסימאלע כוחות דורכאויס דעם גאנצן זומער אז די קינדער זאלן באקומען צוגעשטעלט אלעס פון שענסטן און בעסטן, נאך אפילו מער ווי א גאנץ יאר.

און ווירקליך ווען ס'איז אויסגעקומען זיך צו דרייען דורכאויס דעם זומער צווישן די ווענט פונעם הייליגן מוסד איז געקומען צום שטוינען ווי ווייט מ'גיבט זיך אוועק בלב ונפש צוצושטעלן פאר די קינדערלעך די בעסטע פּראָגראַמען און אַקטיוויטעטן וואס נאר מעגליך.

פארשטייט זיך אז פאר די קינדערלעך שיחיו איז יא פארהאן זומער א באזונדערער פּראָגראַם, ספּעציעל דעזיגנירט און אויסגעשטעלט פאר די זומער-וואכן, אהערגעשטעלט אזוי אז דער זומער זאל זיין א באזונדערע ערפארונג וואס זאל זיי בלייבן אין די ביינער אויף שטענדיג, און פון די אנדערע זייט זיכער מאכן אז ס'שטערט נישט זייערע אַלגעמיינע פראגראמען און טעראפּי.

שוין דעם ערשטן טאג ווען די קינדערלעך זענען אנגעקומען צו זייער 'קעמפּ', צווישן די פיר ווענט פונעם מוסד, זענען זיי אויפגענומען געווארן אינעם "קעמפּ פריייליך" דורך ספּעציעלע 'באזוכער'.

א הויכע צוויי-פיסיגע בערעלע האט פריייליך געטאנצט צום טאקט פון זייערע הילכיגע קעלעכלעך; די גרויסע "באמבעל בין" האט זיס געמאכט די גאנצע אטמאספערע, און די קינדערלעך זענען 'מיטגעפלויגן' מיט אים אין די העכערע ספערן; די קאטשקעלע איז שיין געשווימען; די אנגעשטאפּטע 'קלאונס' האבן געמאכט לעבעדיג, און די פראכטפולע ריזיגע "שמייכעלעך" האבן ארויסגעברענגט א באַ'חנ'טע שמחה פון אלע ליכטיגע פנים'ער.

דער גאנצער ארום האט געזינגען דעם נייעם "שמייכעלע" ניגון, די הימנע פון קעמפּ פריייליך, און דער אריינפיר איז געווען אויסטערליש דערהויבן.

יעדעס קינד האט ערהאַלטן א ספּעציעלע פּעקעלע ביים אריינקומען אין 'קעמפּ'. דאַן האט מען זיך באקענט יעדער מיט זיין/איר מחנך אדער מחנכת וואס גייט אים/איר באגלייטן במשך דעם זומער, און דערנאך האט זיך אנגעהויבן דער טאָג, ווען מ'איז געגאַנגען עסן פרישטאָג די יונגלעך און די מיידלעך באַזונדער, וואו מ'האָט שוין פאַרברענגט און געזינגען שיינע לידער לכבוד די עפנונג פונעם היי-יעריגן זומער פּראָגראַם.

במשך דעם זומער זענען די קינדער יעדן טאג געגאנגען שווימען נאָכ'ן עסן פרישטאָג, ווען דער וועטער האט עס ערלויבט, איינגעטיילט אין פיר חלקים — פאר פרי-סקול איז געווען ספּעציעל אויפגעשטעלט פּולס אויף דער לינקע זייט פונעם בילדינג נעבן די סקול פּאַרק, די עלעמענטרי יונגלעך אויף די רעכטע זייט אויבן הונטערן בילדינג, עלעמענטרי און היי -סקול מיידלעך זענען אַריבערפאָרן מיט פיינע עיר-קאנדישאן באסעס צום גרויסן סווימינג-פּול שע"י מוסדותינו הק' און די גרויסע יונגלעך זענען געפאָרן צום שווים-באַסיין פון האברך החשוב ר' בעריש שטערן הי"ו אויף סעווען ספּרינגס.

ווען ס'האט גערעגנט און מ'האט נישט געקענט גיין שווימען, איז געווען צוגעשטעלט ספּעציעלע שפּילן אין די קלאסן. איינמאל האט מען צב"ש געמאכט א ספּעציעלן פארמעסט ווען יעדעס קינד האט גענומען א לעפל וואסער אין מויל און מ'האט געדארפט זען ווער ס'קען גיין דאס שנעלסטע

(פאַרזעצונג אויף זייט 43)







ביים "אראפּשניידן" פון בוים א געשמאקן פעקל



עס גיסן זיך השפעות פון אויבן...



ביים טעגליכן איבערראשונג נאכ'ן שווימען

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176
TRANSPORTATION DEPARTMENT

**חמירא סכנתא מאיסורא**

## אכטונג חשוב'ע עלטערן און קינדער שיחי'
מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען איבער

# די סכנה נאכצולויפן א באס ח"ו

**פון די גרעסטע פראבלעמען ביים טראנספארטירן די קינדער איז, ווען א קינד דערמאנט זיך אין די לעצטע מינוט און נעמט זיך לויפן צום באס**

דאס איז א גרויסע סכנה סיי מצד די קארס - וועלכע קענען דורכפארן און - באמערקן נישט דעם קינד דורכלויפן, און סיי מצד דעם דרייווער וועלכער נעמט זיך פארן נאכדעם וואס ער האט זיכערגעמאכט אז אלע קינדער זענען שוין אויפ'ן באס, און נעמט נישט אין אכט אז א קינד שטייט אים אונטערן רעדל ה"י.

**מאמעס זאלן געדענקען אז אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו**

אויך זענען די דרייווערס אנגעזאגט נישט צו אויפנעמען קיין קינד וועלכע לויפט נאך דעם באס.

ווי אויך, אויב פאלט עפעס אראפ נעבן באס, זאל מען בשום אופן עס נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פאר'ן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס.

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע
**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**




Fine Design · 845.669.1633

# שערי חמלה ווינקל

(פארזעצונג פון זייט 41)

אָן אויסגיסן; מ׳האט געשפילט מיט באלונען, אא״וו.

די דריי קלאסן פון קינדער וועלכע קענען נישט, צוליב זייערע פיזישע באַגרעניצונגען, גיין שווימען, האבן אין די צייט געארבעט אנצוגרייטן א ספעציעלע ׳איבערראשונג׳ פאר די איבריגע קינדער ווען זיי קומען צוריק פון שווימען אום 11:00 אזייגער, יעדן טאג עפעס אנדערש. איין טאג פרישע פּאַפּקאָרן, איינמאל היימישע אייז-קאלטע זיסער געטראנק, אן אנדערס מאל האבן זיי צוגעגרייט פרעצלעך פריש איינגעטינקען אין שאקאלאד מיט ספרינקלס, אא״וו.

עס דארף ארויסגעברענגט ווערן לשבח דער באגאבטער מחנך הר״ר יואל (ברב״מ) ליכטנשטיין הי״ו, וועלכער איז כסדר אויפגעקומען מיט ספעציעלע איינפאלן וויאזוי צו בארעכטיגן פאר ״קעמפ פרייליך״ איר ספעציעלן נאמען... און האט נאכאנאנד איבערראשט די קינדערלעך דורך ערפינדן ספעציעל אינטערעסאנטע וועגן וויאזוי אויסצוטיילן די גוטע זאכן ביים צוריקקומען פון שווימען.

איינמאל צב״ש זענען די קינדער אנגעקומען ביים טויער פונעם מוסד, אבער די געוועגליכע גוטע זאך וואס ווארט זיי אפ געפינט זיך נישט דארט.

וואס גייט פאָר?!

מיטאמאל ציט זיך ארויס א גרויסער עלאסטישער פייפ פון א פענסטער אויפ׳ן אויבערשטן שטאק, און עס הייבן זיך אָן צו גיסן ׳השפעות׳... אנשטאט וואס די פיינע פרישע פּאַפּקאָרן זאָל ליגן אין שיסלעך אויפ׳ן טיש אָדער וועגעלע, איז עס געקומען צו ׳פליען׳ פון אויבן אריין אין דעם טעלער פון יעדן קינד, וועלכע האבן אויפגענומען דעם פאטענט מיט פרייד און גליק.

אן אנדערס מאל איז דער געשמאקער געטראנק געווען אריינגעלייגט אינעם היימיש-פראָדוצירטן ״סאָדא מאשין״. פונדערוויטנס האט עס אויסגעקוקט ווי די ארגינעלע סאָדא מאשינען. יעדעס קינד האָט באקומען א דאלער פונעם איבערגעגעבענעם מנהל המוסד הרה״ח ר׳ חיים ידידי׳ פישער הי״ו, און געדארפט אריינשטופן דאס געלט אינעם ׳מאשין׳. דאן האט דער מלמד פון ׳אינעווייניג׳ ארויסגעגעבן פון אונטן דעם געטראנק, וואס איז געווען שטארק אינטערעסאנט און אויפגעהייטערט די קינדערלעך.

גאָר אינטערעסאַנט און פרייליך איז געווען איין טאָג ווען דער הר״ר יואל ליכטנשטיין נ״י האָט מיט גרויס פּאַכמאַנישקייט אַהערגעשטעלט אַ כמו ״קוואַל-ברונעם״, ווען אינעם ״גרוב״ איז פון פּאָראויס אַריינגעלייגט געוואָרן פילע ״פּאַקסיס״, און די קינדער איינס-ביי-איינס האָבן געדאַרפט ״אַרויסשעפּן״ און אַרויפברענגען אַ פּאַקסי, מיט וואָס מ׳האָט זיך דערקוויקט אינעם הייסן וועטער.

*

אַ גאָר שטאַרקע באַלערנדע אַקטיוויטעט דורכאויס דעם זומער איז געווען, דאָס אַז די קינדער האָבן זיך באַגעגנט מיט׳ן באַגריף און אַליינס מיטגעהאַלטן מיט די אויגן וויאַזוי פרוכט און גרינצייג וואַקסן, אינעם ספּעציעלן גאָרטן פונעם מוסד — פונעם איינפלאַנצן די זומען ביז׳ן דאָס אַראָפּשניידן רייפערהייט פון בוים, אַזש ביז׳ן איינזויערן די אוגערקעס צו פּראָדוצירן היימישע ״סאַוער פּיקלס.״

דער פּראָיעקט איז ספּעציעל אָנגעפירט און באַגלייט געוואָרן דורכ׳ן געטרייען מחנך פונעם מוסד הר״ר משה גוטמאַן הי״ו, וועלכער האָט זיכער געמאַכט אַז יעדעס קינד האַלט מיט און פאַרשטייט וויאַזוי מ׳פּלאַנצט איין די גרינצייג און שפּעטער צוביסלעך דאָס וואַקסן און דערנאָך די ענדגילטיגע הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, ווען די קינדערלעך האָבן געהאַט די געלעגנהייט אַליינס אַראָפּצוקלויבן פון בוים די גרינצייג.

די קינדערלעך האָבן זיך באַגעגנט מיט׳ן באַגריף אַז גרינצייג און פרוכט ווערט נישט באַשאַפן אין גראָסערי. דאָס איז אַ גאַנצער ווינדערליכער פּראָצעדור וואָס דער באַשעפער האָט אַריינגעלייגט אין די טבע הבריאה, און ביים ענדגילטיג מאַכן די ברכה אויף די גרינצייג זיך צו דערקוויקן דערמיט, האָט דאָס געהאַט גאָר אַן אַנדערער באַדייט.

אויך האָט מען איין טאָג אַראָפּגע-ברענגט פאר די עלעמענטערי קלאַסן א דענדיסט, וואס האט אויסגעלערנט וויאַזוי אַכטונג צו געבן כדי מ׳זאָל בלייבן לאַנגע יאָרן מיט געזונטע ציין און יעדעס קינד האָט ערהאַלטן אַ ספּעציעלן זעקל מיט נוצבארע געצייגן פאר די ציין, זיי צו האַלטן ריין.

*

אויף די אַלע אַקטיוויטעטן און פּראָגראַמען איז, ווי געשריבן, אָנגעגאַנגען דער גאַנץ-יעריגער סדר היום, ווען אום 11:15 פאַרמיטאָג זענען די קינדער אריין אין די קלאסן וואו זיי זענען אנגעגאנגען ווי געהעריג מיט זייערע פּראָגראַמען און טרענירונג.

## והיה ביום השישי והביאו...

חוץ פון די טעגליכע זומער-אַקטיוויטעטן האָט ״קעמפּ פרייליך״ צוגעשטעלט א ספעציעלע ענדע-וואָך זומער-פּראָגראַם אויפצולעבן און פריילֹיך מאכן די זיסע קינדערלעך.

יעדן פרייטאג — פון די לאנגע זומער-פרייטאגס, גענוג געזאגט... — איז געווארן צוגעשטעלט א ספעציעלער פּראגראם ווען מ׳האט אראפגעברענגט פאר די קינדערלעך ספעציעלע ריידס.

די ערשטע וואָך האט מען געברענגט וואַסער-ריידס, אין וועלכן די קינדער האבן געפּלאַטשקעט און געטאַנצט און זיך אונטערגעהאַלטן.

א צווייט מאל האט מען אויפגעשטעלט גרויסע באלון ריידס וואו די קינדער האבן זיך אויסגעטאנצן עד כלות...

אויך האט מען במשך דעם זומער אויך אראפגעברענגט ״פאום״ ריידס [ענליך צו וואַסער-ריידס נאר מיט פאום], עלעקטראנישע סווינגס, אא״וו.

איין וואך האט מען ספעציעל אראפגעברענגט א גאנצן לעבעדיגן פאַרעם. פערד, ציגן, קעלבער, לעמעלעך, שעפעלעך און א לעבעדיג האזל, וואו די קינדער האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו דרייען צווישן זיי און זיך באַקענען מיט די בהמות און זיי אָנפיטערן און אָנטרינקען מיט זייערע ספּעציעל עסנוואַרג.

אזוי אויך האט מען אַראָפּגעברענגט א שלאנג און אן עליגעיטאר. דער מויל פונעם עליגעיטאר איז געווען פעסט פארבינדן אזוי אז די קינדער האבן נישט געהאט וואס מורא צו האבן. זיי האבן געגלעט די באשעפענישן און געהערט אסאך אינטערעסאנטע פאקטן וועגן די נפלאות הבורא.

א באזונדערער קאפיטל זענען געווען די באזוכן, ווען עטליכע מאל במשך זומער זענען געווען באזוכן קינדער פון אנדערע קעמפס וועלכע זענען געקומען זיך באקענען מיט די קינדערלעך פון קעמפ פרייליך. איינמאל איז געקומען ״מחנה שלווה ד׳באבוב״, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט אינעם ספּעציעלן אודיטאריום א הערליכן שפּיל פון וואָס די טייערע קינדערלעך האָבן זיך שטאַרק דערקוויקט. די קינדער און די מחנכים פון מחנה שלוה דבאָבוב זענען דערנאָך ארויס גאָר שטאַרק ענטציקט פון די געוואַלדיגע אַרבעט וואָס מ׳לייגט אַריין אין די קינדער.

גלייכצייטיג זענען אויך געווען צוגעגרייט פון פאראויס א גאנצע רייע אקטיוויטעטן אין פאל ווען מ׳קען נישט ארויסגיין שווימען, וואס איז געווען גאנץ אפט — פארשידענע ערליי שפּילן און שפּילערייען מיט וואס מ׳קען פאַרברענגען אונטער א דאַך, ווי ״אַרטס-ענד-קרעפטס״, פאַרשידענע אינטערסאנטע עסן-טרינקען אקטיוויטעטן און קאלאר-וואָר, ווען צוויי קלאַסן זענען ״טיעמס״ און געשפּילט קעגן זיך, וואס דאָס העלפט זיי שטאַרק זיך אויפצובויען.

אויך האָט מען אויסגענוצט די צייט מיט׳ן פאַרברענגען געשמאַק אינעם הערליכן סקול-פּאַרק.

## מי שטרח בערב שבת

באזונדער איז דער זומער אויסגענוצט געווארן דורכ׳ן שטאב אנצוגרייטן פון פאראויס די ארבעט פאר׳ן קומענדיגן יאר [תשע״ה], ווי שוין געמאלדן אין א באזונדערע נייעס אין ״הקריה״, אז היי יאר האט מען צום ערשטן מאל אויסגעארבעט די גאנצע קאריקולום פאר יעדן קינד נאך בעפאר מ׳האט געטוישט קלאסן, און ס׳שטעלט זיך שוין ארויס אלס געוואלדיגער סוקסעס בע״ה.



איינע פון די טעגליכע איבעראשונגען ביים צוריקקומען פון שווימען



ביים ״קויפן״ דער טעגליכער איבערבייס פון א כמו ״סאדע-מאשין״



ביים ״ארויפשעפן״ די פאקסיס



דער גארטן אין הויף פון די ׳שערי חמלה׳ געביידע, וואו עס האבן געוואקסן די געשמאקע נארהאפטיגע גרינצייגן



די קינדער פון באבובער קעמפ ביים פריילך מאכן אין ״קעמפ פרייליך״

שערי חמלה ווינקל

# זעלטן-רייכער "שטאב אָריענטאַציע" פּראָגראַם פאַר הונדערטער איינגעשטעלטע אינעם מוסד הק' שערי חמלה שע"י ק"י סקול דיסטריקט

צום ערשטן מאָל: ספּעציעלער פּראָגראַם און סדר הלימוד פאַר יעדן קינד באַזונדער פולקאָם גרייט

באַלד צום אָנהייב פון נייעם לערן-יאָר – נאָך אימערמידליכע כוחות פון קאָאָרדינאַטאָרן במשך זומער-וואָכן

**באַזוך פון הויכראַנגיגער "וועסט פּוינט" קאָלאָנעל ברענגט אַרויס שטאַרקער באַגייסטערונג און קידוש שם שמים**

אַזויווי די טעקסט פון די נייעס איז צוליב טעכנישע סיבות אַרויסגעפאַלן פון די פּאָריגע הקרי', דרוקן מיר דאָ איבער די גאַנצע נייעס – מיט פאַרשטענדעניש

מיט עטליכע וואָכן צוריק, ווי אין אלע שולעס, האט זיך בשעה טובה ומוצלחת אנגעהויבן דער נייער לערן-יאר אינעם הייליגן מוסד שערי חמלה שע"י קרית יואל סקול דיסטריקט, ווען די טייערע נשמה'לעך האבן אנגעהויבן מיט א פרישקייט און חשק די קומענדיגע שריט אין זייער ווייטערדיגן לעבן, וואו די געטרייע און פראפעסיאנאלע שטאב וועט זיי בע"ה שטעלן אויף די פיס צו קענען דערגרייכן אויפ'ן העכסטן שטאפל וואו זיי קענען אנקומען, יעדער לויט זיין דרגא.

אבער היי יאר איז געווען ממש פנים חדשות באו לכאן, מיט'ן געוואלדיגן איינפיר וואס איז איינגעשטעלט געווארן דורכ'ן איבערגעגעבענעם פרינציפל הרה"ח ר' לייבוש האלפערין הי"ו, וועלכער לייגט אריין קאפ און מח און ארבעט אומערמידליך בייטאג און ביינאכט צו פארזיכערן דעם העכסטן סוקסעס פונעם הייליגן און לעבנסוויכטיגן מוסד.

## א ריכטיגער פנים חדשות!

ביז היינט, ווי עס איז דער סדר אין רובא דרובא שולעס, פלעגט זיך אַרויסשטעלן אז ווען די קינדער האבן אנגעהויבן זייער נייעם לערן-יאר האט אלעמאל גענומען עטליכע וואכן ביז יעדעס קינד האט זיך אקלימאטיזירט אין זיין/איר נייעם מצב – סיי די נייע קינדער וועלכע זענען נארוואס אריינגעקומען אינעם מוסד, און סיי די אלטגעזעסענע תלמידים וועלכע זענען אריבער אין א נייעם, העכערן קלאס.




הנהלת מוסד הק' שערי חמלה ביים ענטפאַנגען דעם הויכראַנגיקן "וועסט פּאוינט" קאָלאָנעל

אויב ביי געווענליכע קינדער איז דער איבערגאנג צו א העכערע כיתה נישט קיין גרינגע מעשה און דורכגאנג, איז דאך אודאי און אודאי אז ביי די דאזיגע לעכטיגע קינדערלעך שיחיו איז דער איבערגאנג א גאנצער איבערלעבעניש וואס נעמט א ווײלע ביז מ'קען צופאסן פאר יעדן קינד די ריכטיגע פלעגונג וואס זאל זיין צוגעשטעלט פאסיג לויט זיין שטאנד און מצב – חנוך לנער עפ"י דרכו.

היי יאר האט דער פרינציפל הר"ר לייבוש הי"ו איינגעשטעלט דעם שפאגל-נייעם איינפיר, אז אין די לעצטע זומער-וואכן, אינדערצייט וואס אין אנדערע שולעס זענען די איינגעשטעלטע אויף א געשמאקע וואקאציע, זענען אבער די געטרייע קאארדינאטארן פון אלע פיר אפטיילונגען אינערהאלב דעם מוסד הק' שערי חמלה געזעצן און געארבעט אומערמידליך, פילצאליגע שעות אויף שעות, אהערצושטעלן פאר יעדן איינציגן קינד א צוגעפאסטן סדר היום לויט'ן מצב וואו ער/זי האלט יעצט, און לויט דעם גאנג וואו מ'וויל ארויפברענגען די קינדערלעך צו זייער העכסטע מעגליכקייט, דבר דבור על אופנו.

און ווירקליך זעט מען שוין יעצט, אין די געציילטע טעג זינט דער מוסד האט זיך געעפנט, די געוואלדיגע גוטע פירות פון די שווערע הארעוואניע ב"ה. די גאנצע עבודה קשה שבמקדש האט זיך שוין אויסגעצאלט ווען מ'האט געזען וויאזוי די קינדערלעך שיחיו זענען באלד פונעם ערשטן טאג ביים אריינקומען אין קלאס שוין געווען פולקאם מסודר און גרייט; די מחנכים און מחנכות זענען געווען באהאוונט פונקטליך מיט די ספעציעלע אומשטענדן און סיטואציעס פון יעדן איינציגן פון זייערע תלמידים, וואס איז אן אויסטערליש-שטארקער הילף אין קענען צושטעלן די בעסטע סערוויסעס פאַר יעדן קינד, און טאקע ווי אמשנעלסטען, פון ערשטן טאג אָן.

## די געפאקטע איבערראשונג

די גלענצנדע רעזולטאטן פון דער שווערער הארוואניע איז געווען דער ערשטער קבלת פנים וואס האט אפגעווארט דעם גאנצן שטאב און איינגעשטעלטע פונעם מוסד, ביים דער גרויסארטיגער "שטאב אריענטאציע" פראגראם וואס איז אפגעראכטן געווארן דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג און פרייטאג פר' שופטים.

ווי יעדעס יאר איז אויך היי יאר צוגעשטעלט געווארן א רייכער פראגראם וואס האט ערמעגליכט דעם שטאב זיך פריש איינצוגלידערן אין זייערע פאזיציעס אין פארברייטונג צום נייעם לערן-יאר וואס איז אריין אין קראפט פאַרגאַנגענע וואָך פר' כי תצא העעל"ט, און ווי אלע יארן איז דער פראגראם געווען א געוואלדיגער סוקסעס בס"ד, סיי אין אריענטירן די פרישע מיטגלידער אין די גרויסע שערי חמלה 'פאמיליע', ווי אויך בכלל צוריק צוזאמענברענגען דעם 'גאַנצן' שטאב נאך עטליכע וואָכן פון אָפּוועזנהייט און צוריק אויפבויען די געשמאקע אטמאספערע און היימישקייט וואס הערשט אגאנץ יאר צווישן די ווענט פונעם געטרייען מוסד, וואס דאס שפילט א שטארקע ראלע אין די אויסטערלישע הצלחה ביים זיך אפגעבן מיט די טייערע קינדערלעך שיחיו.

אבער היי יאר האט אפגעווארט פאר די באטייליגטע א שטארקע איבערראשונג, ווען באלד ביים אנקומען צום ברייטן הויף פארנט פונעם מוסד איז געווען אויפגעשטעלט פיר באזונדערע טישלעך, איינגעטיילט לויט די פיר אפטיילונגען פונעם מוסד הק': פּרי-סקול, עלעמענטערי, היי סקול יונגלעך און היי סקול מיידלעך. יעדער מחנך און מחנכת האט באקומען א פארטיגן "פאָלדער" צוגעגרייט מיט די פולע אינפארמאציע פון אלע תלמידים און תלמידות וואס וועלן דורכגיין זייערע הענט במשך דעם קומענדיגן לערן-יאר, און ס'איז שוין געווען פון פאראויס פונטקליך איינגעטיילט דעם סדר הלימודים און אלע אנדערע נויטיגע צוגעהערן וואס פארלאנגט זיך פאר יעדן קינד באזונדער.

די אישי החינוך האבן אויפגענומען די איבערראשונג מיט אן אויסטערלישע צופרידנהייט, וואס ווער נאך ווי זיי ווייסן וויפיל צייט און כח עס קאסט יעדעס יאר ביז מ'קען זיך באקענען מיט דעם פאסיגן סדר פאר יעדן קינד באזונדער, און יעצט איז די גאנצע ארבעט געטון געווארן פון פאראויס דורך די געטרייע קאארדינאטארן הי"ו פון יעדער אפטיילונג, וועלכע האבן אוועקגעגעבן די צייט פון זייער באַרעכטיגטע זומער-וואַקאַציע, אבי צו פארזיכערן אז די ליכטיגע נשמה'לעך ווערן זארגפעלטיג אפגעווארט באלד פון דער מינוט וואס זיי קומען אריין אינעם נייען קלאס.

## דברים היוצאים מן הלב

נאך א קורצע "אריענטאנציע" אינעם בנין פונעם מוסד אויף דינוב רד., איז דער גאנצער שטאב אריבערגעגאנגען אין זאַל פון "בית רחל פאראדייס", וועלכע איין האַלב זאַל איז געווען ספעציעל אויסגעלייגט מיט הונדערטער בענקלעך צו קענען אקאמאדירן די הונדערטער איינגעשטעלטע בכבוד ובריוח, מיט מחיצות אינדערמיט, אפצוטיילן צווישן די מענער און פרויען איינגעשטעלטע, און ברייט צוגעשטעלט צו אויפנעמען יעדן ווי עס פאסט.

דער פראגראם איז געווארן איינגעלייטעט דורכ'ן טשעירמאן, דער באגאבטער פרינציפל הרה"ח ר' לייבוש האלפערין הי"ו, וועלכער האט באגריסט די אנוועזנדע און ארויסגעלייגט פילע וויכטיגע נקודות וואס יעדער איינגעשטעלטער אינעם הייליגן מוסד שערי חמלה דארף זיין דערין אריענטירט און באהאוונט, און בכלל האט ער אנגעפירט דעם גאנצן אוונט מיט א מייסטערהאפטער ארדענונג.

צום ערשט האט מען געהערט א רייכן רעפעראט דורכ'ן בארימטן סופעראינטענדענט פונעם סקול, ר' יואל פעטלין נ"י, וועלכער האט צוערשט אראפגעגעבן א געניטן און גוט דעטאלירטן איבערזיכט אויפ'ן גאנצן פארלאפענעם יאר, די פילע אקטיוויטעטן און פילצאליגע שינויים לטובה וועלכע זענען איינגעשטעלט געווארן. דאן האט ער בטוב טעם ודעת ארויסגעלייגט זיין וויזיע פאר'ן קומענדיגן יאר, וויאזוי צו ערמעגליכן פאר די סקול נאכמער צו הייבן איר ניווא לטובת די חשוב'ע קינדערלעך.

אזוי אויך האט ער ברייט אויסגעשמועסט די פארשידענע בענעפיטן פון וואס די סקול ארבעטער קענען געניסן און די רעכטן וואס די ארבעטער פארמאגן געזעצליך און יושר'דיג כלפי זייער ארבעט אינעם סקול. פארשטייט זיך אז דאס איז אויסער די נאטורליכע געוואלדיגע זכות, און צופרידנהייט געפיל, פון קענען געבן דאס מערסטע וואס מעגליך לטובת די קינדער אינעם מוסד.

א גאר ספעציעלער איינדרוק האט איבערגעלאזט דער ספעציעלער גאַסט-רעדנער דער לעגענדארער ראש הקהל וראש העיר, הרה"ח ר' אברהםווידער שליט"א, דער בעל מסירות נפש וועלכער האט אלעס אוועקגעגעבן פון זיך לעשות רצון צדיק, כ"ק מרנן רבוה"ק בעל דברי יואל וברך משה זי"ע, און לאנגע יארן האט ער נישט גערוט ביז ווען ער האט באוויזן דאס אומגלויבליכע און אהערגעשטעלט און געראַטעוועט דעם פענאמענאלן קרית יואל סקול דיסטריקט, און באזונדער דעם וועלט-בארימטן מוסד הק' שערי חמלה, וואס האט שוין אפגעראטעוועט הונדערטער אידישע שטיבער מיט הצלת נפשות ממש.

ביז לעצטנס האט הרה"ח ר' אברהם שליט"א זעלבסט געדינט אלס טשערמאן פונעם סקול דיסטריקט באורד, און היי יאר איז ער ספעציעל געלאדנט געווארן דורך די אדמיניסטראציע פון דער סקול צו קומען אויפטרעטן פאר די אנגעשטעלטע.

און ווירקליך האבן די ווארימע דברים היוצאים מן הלב איבערגעלאזט אן אומגעהויערן רושם ביי אלע צוהערער. מיט פאטאס און א שטימע געשטיקט פון טרערן האט ר' אברהם געשילדערט די

## המוציא אדער מזונות?!

בשעת די רעדעס איז צוגעגרייט געווארן אין אנדערן האלב זאל א גאר רייכער לאנטש, ספעציעל צוגעשטעלט פאר די הונדערטער איינגעשטעלטע וועלכע זענען נאך די רעדעס אריבער אהין זיך צו דערכאפן דאס הארץ. דערנאך זענען די איינגעשטעלטע און די הנהלה צוריק אריבער אין די שולע געביידע, וואו די "אריענטאציע" פראגראם האט ווייטער פארגעזעצט, דאסמאל אין די קלאסן זעלבסט.

באזונדער איז דארט אפגעראכטן געווארן א ספעציעלער לאנטש מיט'ן הויכראנגיגן קאלאנעל, וועלכער האט ווייטער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו שטילן זיין שטארקן דורשט צו וויסן מער און מער איבער דעם אידישן לעבנסשטייגער.

אזוי צב"ש האט אן אומשולדיגע פראגע פון אן אנוועזנדן, צי די "ראללס" ביים פרישטאג זענען המוציא אדער מזונות, ארויסגערופן א שטארקן נייגער ביים קאלאנעל, וועלכער האט צו זיין ערשטוינונג באקומען א לענגערן הסבר איבער דעם אונטערשיד צווישן א "ראָלל" וואס ווערט געבאקן מיט בלויז וואסער און א "ראָלל" וואו ס'ווערט אריינגעמישט אויך מי פירות...

דער קאלאנעל האט אויסגעדרוקט זיין שטארקע באגייסטערונג איבער דער טיפקייט פון די אידישע הלכה, וויאזוי יעדער פרט ופרט אין טאָג-טעגליכן לעבן פון א איד ווערט געפירט לויט די תורה הק', און באזונדער האט ער ארויסגעברענגט זיין אומגלויבליכער התפעלות אז טראץ וואס ס'איז נישטא קיין שום פאליציי וועלכע גיבט אכט אז מ'זאל אויספירן פונקטליך די הלכה, און קיינער וועט נישט ווערן ארעסטירט אויב מ'מאכט א מזונות אויף אן המוציא ראָלל... מיט דעם אלעם זענען ערליכע אידן אזוי שטארק נזהר און אפגעהיטן אין יעדן דקדוק הלכה.

# שערי חמלה ווינקל

## "שטאַב אָריענטאַציע" פּראָגראַם

(פארזעצונג פון זייט 44)

אומגלויבליכע שוועריקייטן און די אומצאליגע שטיינער וואס דער שטן האט געלייגט אין וועג ביז מ'האט ענדליך באוויזן ענדגילטיג אהערצושטעלן אַ פעסטע באַזע פאַר'ן הצלת נפשות פראיעקט פונעם סקול דיסטריקט און דער מוסד שערי חמלה, וואס איז היינט צו טאגס ממש לשם ולתפארת איבער דער גארער וועלט, בלי שום גוזמא, ווען ס'איז מקוים געווארן דער "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך", וויאזוי מען האט באוויזן אויפצושטעלן אזוינע הייליגע פירות, די וואס וועלן זיין אונזער שטאלץ מיט וועמען מיר וועלן מקבל פנים זיין משיח צדקינו. (זעט דער פולער טעקסט פון די האַרציגע רעדע, אין אַ באַזונדערן באַקסל.)

### דער הויכראנגיגער קאָלאָנעל

א ספעציעלער איבערראשנדער גאסט וואס האט אפגעווארט די פארזאמלטע איז געווען דער הויכראנגיגער קאלאנעל אין די אמעריקאנער ארמיי, טאד וואודראף, וועלכער איז טאקע אין זעלבן דאנערשטאג געשטיגן אין ראנג פון "לוטענאנט קאָלאָנעל" צו גרייכן די הויכע "קאָלאָנעל" פאזיציע. עס רעדט זיך טאַקע דאָ פונעם קאָלאָנעל פון די "וועסט פוינט" אפיצירן וועלכע האבן באזוכט דעם פארגאנגענעם ווינטער אין מוסד שערי חמלה, כדי זיך צו באקענען מיט דעם אייגנארטיגן לעבנסשטייגער און קולטור פון ערליכע תורה-טרייע אידן.

אצינד איז ער איינגעלאדנט געווארן דורך די הנהלה פונעם מוסד צו קומען איבערגעבן דעם באריכט וואס ער האט באקומען פון זיינע סאלדאטן און אפיצירן איבער זייער היסטארישן באזוך. דער קאָלאָנעל איז געווען שטארק דאנקבאר פאר די איינלאדונג, און ער האָט ארויסגעברענגט דער טיפע באגייסטערונג פונעם ריינעם און הייליגן לעבנסשטייגער מיט וואס ער האָט זיך דא באגעגנט.

אין א לענגערן רעפאראט האט דער קאלאנעל באוואונדערט אז דער מוסטערהאפטער סדר און דיסציפלין וואס איז איינגעשטעלט אינעם מוסד, מיט איר היערארכיע און ווירטשאפט, איז היפש ענליך צום שטאפל וואס איז איינגעשטעלט אין די מיליטערישע ארדענונג, און וויאזוי דאס ערמעגליכט ארויסצובאקומען די בעסטע רעזולטאטן לטובת די טייערע קינדערלעך שיחיו.

גלייכצייטיג האט ער איבערגעגעבן וויאזוי זיינע אפיצירן זענען איבערראשט און באגייסטערט געווארן מיטצוהאלטן פונדערנאנט וויאזוי חסיד'ישע אידן האבן אויפגעשטעלט אזא הערליכן מוסד, וואו מ'גיבט זיך אוועק אזוי געטריי און איבערגעגעבן מיט אן אויסטערליש הויכן פראפעסיאנאלן שטאפל פאר די טייערע קינדערלעך, זיי ארויפצוברענגען אויף א פארנעם וואס איז זעלטן צו טרעפן ערגעץ אנדערשוואו. און בכלל זענען זיי ארויסגעגאנגען זייער פארגאפט פונעם גאנצן ווירטשאפט און הלוך ילך פונעם חסיד'ישן שטעטל, וואס זיי האבן יעצט צום ערשטן מאל זיך באקענט פונדערנאנט אָן די 'פילטערס' פון די אלגעמיינע העסליכע מידיא אד"ג [ווי שוין באשריבן באריכות אין "הקריה" דעם פארלאפענעם ווינטער העעל"ט].

די אריענטאציע האט זיך ווייטער פארצויגן, און איז פארגעזעצט געווארן אויך במשך דעם נאָכפאָלגנדן פרייטאג אינדערפרי, ווען די איינגעשטעלטע האבן זיך פארזאמלט אינדערפרי אינעם בנין פונעם און נאך א לייכטן נאראפטיגן פרישטאג פארגעזעצט מיט'ן ווייטערדיגן פראגראם, און בע"ה וועט דערפון ארויסקומען דער ריכטיגער תועלת צו קענען העלפן די ריינע נשמה'לעך שטייגן מעלה מעלה צום העכסטן שטאפל.

ירבו פעלים לתורה ולתעודה.

## האַרציגע רעדע פון הרה"ח ר' אברהם וויעדער הי"ו, ראש הקהל וראש העיר

### ביי ספעציעלע "אָריענטאַציע" פּראָגראַם אין בית רחל פּאַראַדייס

ברוכים הבאים בשם ה'.

גוט מאָרגן. אַלס דער מעיאָר פונעם ווילידזש אָוו קרית יואל, איז מיין כבוד צו זיין דאָ, פאַר דער עפענונג פונעם 25'סטן שולע-יאָר פונעם קרית יואל סקול דיסטריקט, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן צו סערווירן די ספּעציעלע קינדער.

מיר זענען געקומען אַ לאַנגען וועג, זינט מיר האָבן געהאַט דעם שמועס פון אויפשטעלן דעם קרית יואל סקול דיסטריקט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין 989', ווען דער סטעיט לעגיסלאַטור האָט דורכגעפירט דעם ערשטן סקול דיסטריקט געזעץ. עס איז דורכגעגאַנגען אין יולי 989' און גאָווערנאָר קאָומאָו האָט עס אַריינגעשריבן אין געזעץ. דער ערשטער סקול טאָג איז געווען סעפּט. 5 990'.

דאַן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן: אָנגייענדיגע לעגאַלע שלאַכטן מיט'ן "ניו יאָרק סטעיט סקול באָורד אַסאָסיעישאָן"; אַרגומענטן אינעם סטעיט סופּרים קאָורט; אַרגומענטן אינעם אַפּעלאַט דיוויזשאָן; אַרגומענטן אינעם קאָורט אָוו אַפּיעלס, האָבן באַדראָעט דעם עקזיסטענץ פון אונזער סקול.

צווישן יולי 993' און אוגוסט 997', איז דער געזעץ דריי מאָל אַנידערגעשטימט געוואָרן דורך די געריכטן, און איז דריי מאָל צוריק דורכגעפירט געוואָרן אינעם סטעיט און איז אונטערגעשריבן געוואָרן – צוויי מאָל דורך גאָווערנאָר קאָומאָו און דאָס דריטע מאָל דורך גאָווערנאָר פּאַטאַקי.

די טענות קעגן די סקול דיסטריקט זענען אָנגעקומען אַזוי ווייט ווי צום סופּרים קאָורט אין וואַשינגטאָן די. סי. דאָרטן איז דער דריטער געזעץ אויך אַנידערגעשטימט געוואָרן, ביז גאָווערנאָר פּאַטאַקי האָט אויסגעאַרבעט אַ פּערטן געזעץ און עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין אוגוסט 3 999'

דורכאויס די אַלע לעגאַלע שלאַכטן, האָבן מיר געקעמפט פאַר איין זאַך: פאַר אונזערע ספּעציעלע קינדער.

*

עס איז געווען פאַרשידענע צייטן, ווען דער שיקזאַל פונעם סקול דיסטריקט האָט געהאָנגען אין באַלאַנס, אָבער די סקול דיסטריקט אַרבעטער זענען ערליך געקומען צו דער אַרבעט און געטאָן זייערע אויפגאַבן ווי גאָרנישט וואָלט ווען פּאַסירט, בשעת זיי האָבן נישט געוואוסט צי זיי וועלן בכלל באַקומען באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט.

טאַקע אָט די לאָיאַליטעט, איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט, פון די טיטשערס, טעראַפּיסטן און פּאַראַ-פּראָפעסיאָנאַלן אויפ'ן שטאַב, איז דאָס וואָס האָט אונז אָנגעהאַלטן און געגעבן כוח און מוט אויסצוהאַלטן דורכאויס די יאָרן פון פּראָבלעמען.

אַלע פון ענק מאַכן, און זענען פּאָר צו מאַכן, אַ גרויסן אונטערשייד אין די לעבנס פון די קינדער און זייערע פאַמיליעס.

אונזער שולע איז געוואָרן אַ שיינענדיגער ביישפּיל פאַר ספּעשל עדוקעישאָן שולעס, נישט נאָר דאָ אין ניו יאָרק, נאָר אויך אין ניו דזשערסי און אין דער גאַנצער וועלט. מיר צייגן איבער וואָס אַן איבערגעגעבענעם שטאַב קען דערגרייכן מיט ספּעציעלע קינדער. דאָס אַלעס איז אַן אויסצייכענונג פאַר אייך אַלע, די טיטשערס, טעראַפּיסטן, פּאַראַ-פּראָפעסיאָנאַלן, די קלוירקס און דעם אַדמיניסטראַטאָר פונעם סקול. עס איז אַן איבערצייגונג אויפ'ן פּראָפעסיאָנאַליזם וואָס זיי לייגן אַריין אין די אַרבעט.

אַלס דער מעיאָר פון קרית יואל און דער געוועזענער פּרעזידענט פונעם באָורד אָוו עדוקעישאָן, באַקום איך כסדר צוריק גריסן פון עלטערן, און אויך פונעם אַלגעמיינעם פּאָבליקום, איבער ווי סוקסעספול מיר זענען אין צושטעלן די ריכטיגע סערוויסעס, אייגנאַרטיג באַזירט אויף די געברויכן פון יעדן קינד באַזונדער. אַלע אונזערע סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט דאָ אויפ'ן אָרט, צו דער פולער צופרידנהייט פון די עלטערן.

*

מיר ווערן אָפט אומריכטיג באַשולדיגט מיט דיסקרימינעישאָן, און מיר ווערן אַראָפּגעמאָלן אין די פּרעסע אויף אַ נעגאַטיוון וועג. דאָך, ווען אַ ריפּאָרטער פונעם טיימס העראָלד רעקאָרד, האָט באַזוכט אונזער שולע, איז זי געווען גאָר אַנטציקט און האָט אָפּגעשריבן אַ הערליכן אַרטיקל איבער די געוואַלדיגע אַרבעט וואָס ווערט געטאָן אין אונזער סקול דיסטריקט.

איך געדענק ביי די צייטן, וואָס דער קעיס איבער'ן לעגאַליטעט פונעם סקול דיסטריקט איז געשטאַנען פאַר'ן סופּרים קאָורט אין וואַשינגטאָן די. סי., דאַן האָט דאָ באַזוכט איינע פון די איינפלוסרייכסטע ריפּאָרטערס אין לאַנד, פונעם "נעשאָנאַל פּאָבליק רעדיאָ", וועלכע איז באַזירט אין וואַשינגטאָן די. סי.

זי איז געקומען דאָ קיין קרית יואל באַזוכן דעם סקול דיסטריקט. בעפאָר זי איז געקומען האָט זי געזאָגט: "דער סקול דיסטריקט האָט קיין שאַנס דורכצוגיין אינעם סופּרים קאָורט, ווייל עס ווערט באַטראַכט אַז די רעגירונג גיבט געלט פאַר רעליגיע".

נאָכ'ן באַזוכן דאָ און זען די אַרבעט וואָס ווערט געטאָן אין דער שולע, האָט זי געטוישט דעם טאָן אויף פּונקט פאַרקערט. זי האָט געזאָגט אַז עס איז אַ שאָד אַז די וואָס דאַרפן אורטיילן אויפ'ן סקול דיסטריקט קומען נישט אַראָפּ זען וואָס דאָ טוט זיך, ווייל דער סקול דיסטריקט דאָ אין קרית יואל איז ריכטיג טאַקע אַ ספּעשל סקול; מען גיבט זיך אָפּ מיט די קינדער ווי יעדער פון זיי וואָלט געווען עפּעס ספּעציעל.

אין קען אייך אויך זאָגן די עדות'שאַפט פונעם געוועזענעם סופּעראינטענדענט פון "באָוסיס", דר. עקסעלראַד. ער איז געקומען דאָהי דריי מאָנאַטן נאָכדעם וואָס דער סקול דיסטריקט האָט זיך געעפענט. ער האָט געזאָגט: "איך האָב אַ סקול פאַר טויזענטער קינדער, און איך זע דעם אייגנאַרטיגן קליינעם סקול דיסטריקט שפּאַנען אויף אַ וועג, אין וועלכע זי וועט דערגרייכן צו ברעכן גרעניצן, און וועט דערגרייכן אומגלויבליכע זאַכן אויפ'ן געביט פון ספּעשל עדוקעישאָן".

אַזוי איז עס טאַקע.

שטייענדיג דאָ פאָרנט פון אייך, די שטאַב פון קרית יואל סקול דיסטריקט, ביך אין שטאָלץ מיט אונזער שולע, איך בין שטאָלץ מיט'ן איבערגעגעבנקייט פון די אַרבעטער, ווי גוט זיי ערציען די קינדער, מיט'ן פולסטן פּראָפעסיאָנאַליזם. אָבער דאָס איז נישט אַלעס. די געטריישאַפט, די איבערגעגעבנקייט, די האַרץ מיט וואָס די טיטשערס, טעראַפּיסטן און אַנדערע פּראָפעסיאָנאַלן באַהאַנדלען די ספּעציעלע קינדער, אַרויסצוברענגען פון יעדן פון זיי דאָס מאַקסימום, איז נישט שייך צו שילדערן מיט ווערטער.

מיר זענען אַ מוסטער פון צוזאַמאַרבעט, וואו אַרבעטער פון אַלע הונטערגרונטן און אָנגעהעריגקייטן אַרבעטן צוזאַמען צו העלפן אונזערע שולע קינדער.

*

איך וועל אייך איבערלאָזן מיט אַ קליינעם פּונקט, איך האַלט אַז דער סקול דיסטריקט, אַנטהאַלט אין זיך אַ געצייג, וואָס מאַכט דאָס פאַר די שטאַב זייער גרינג, צו האַנדלען מיט באַגרעניצטע קינדער.

צום ערשט, קיינער קען נישט אַרבעטן מיט באַגרעניצטע קינדער אויב מען האָט נישט אין זיך די טבע צו געבן. די שטאַבלייט דאָ אַרבעטן נישט פאַר'ן געלט, ווייל מען קען פאַר די אַרבעט נישט באַצאָלן. זיי אַרבעטן ווייל זיי האָבן אַ האַרץ צו העלפן די ספּעציעלע קינדערלעך, און טאַקע וועגן דעם סוקסעסירן זיי אַזוי שטאַרק בעזרת השם.

דער ספּעציעלער געצייג וואָס אונזערע שטאַבלייט האָבן, איז אַז זיי קענען ליינען די שפּראַך פון די ספּעציעלע קינדער און פאַרשטיין צוצוטרעפן זייערע געברויכן, און וויאַזוי טוען זיי דאָס? ווייל זיי האָבן אַ האַרץ, און אַ האַרץ ליינט אַ האַרץ, אַזוי ווי עס שטייט (משלי כ"ז פסוק י"ט) "כמים פנים על פנים כן לב האדם על האדם".

ווען דאָס האַרץ רעדט צו אַ האַרץ, איז פאַרשטענדליך וויאַזוי די שטאַבלייט קענען גרינג אידענטיפיצירן וואָס עס פעלט פאַר'ן קינד, און אים דאָס צושטעלן. דאָס האָבן מיר געזען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און דאָס ערקלערט פאַרוואָס מען איז ביי אונזער סקול דיסטריקט אַזוי סוקסעספול בעזרת השם, אין אַרויפברענגען די ספּעציעלע קינדער צום מאַקסימום פון זייערע מעגליכקייטן און פעאיגקייטן.

*

איך בין דאָ געווען איינמאָל, ביי איינע פון די שווערע צייטן, נאָכדעם וואָס דער ניו יאָרק סטעיט סופּרים קאָורט האָט אַנידערגעשטימט דעם סקול דיסטריקט, טענה'נדיג אַז עס איז אומקאָנסטיטוציאָנאַל.

מיר האָבן זיך צוזאַמגעזאַמעלט, די עלטערן און די שטאַב, און אַלע פּראָפעסיאָנאַלן, און איך האָב געזאָגט עטליכע ווערטער. נאָכדעם איז אַ מוטער צוגעקומען צו מיר און האָט מיר געזאָגט מיט פאַרוויינטע אויגן אָט די ווערטער, וואָס ברענגט מיך אויף טרערן אַפילו היינט צוטאָגס ווען איך דערמאַן מין דערפון.

זי האָט געזאָגט: "דער באַשעפער האָט מיר געגעבן דעם ספּעציעל קינד. דער באַשעפער גיבט זיי נאָר צו די סאָרט עלטערן וואָס דער באַשעפער ווייסט אַז זיי קענען דאָס אָננעמען און באַהאַנדלען. ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן, 'וואָס גיי איך דאָ טאָן?' דאַן האָב איך געזען די שולע סקול וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן, האָב איך באַקומען אַ געוואַלד מיט מוט אָנצוגיין, וויסנדיג אַז דאָס קינד וועט אַרויפגעברענגט ווערן צום מאַקסימום וואָס עס קען דערגרייכן".

"אַזוי איז עס געווען. איך האָב אָנגעהויבן שיקן מיין קינד צו דער שולע, און איך האָב אָנגעהויבן שמייכלען. און יעצט, אַז עס ווערט אויפגעלעזט, בין איך גענצליך צושטערט. ביטע, איך בעט אייך ר' אברהם, ברענג צוריק דעם שמייכל, געפין אַ וועג אַז דער סקול דיסטריקט זאָל קענען אָנגיין!"

דעריבער, דער מעסעדזש וואָס איך לאָז אייך איבער איז, אַז עס איז אונזער פאַרפליכטונג צו געדענקען, אַז דאָס זענען ספּעציעלע קינדער און מען דאַרף זיי העלפן. יאָ, צומאָל קומט דאָס אָן שווער, אָבער מיר האָבן אַ האַרץ און מען באַהאַנדלט אַ פּראָבלעם. מען אַנערקענט וואָס דער פּראָבלעם איז, מען נעמט די ריכטיגע שריט, מען לייזט דעם פּראָבלעם און עס ווערט גרינגער. ווייל די פרייד און גליק וואָס מען באַקומט, פון זען די אַנטוויקלונג פון די קינדער, דאָס גייט העכער אַלעס אויף דער וועלט.

איך וואונטש אייך: איר זאָלט זוכה זיין פאָרזעצן צוצושטעלן פאַר אונזערע קינדער די בעסטע עדוקעישאָנאַל סערוויסעס פאַר לאַנגע יאָרן, און איר זאָלט זיין געבענטשט דורכ'ן באַשעפער מיט שטאַרקייט פאָרצוזעצן אין אייער הייליגע מיסיע, צו בענעפיטירן אונזערע קינדער און די קאָמיוניטי.

מאַכט די עלטערן און די קינדער, און אַלע פון אייך, שמייכלען.

אין נאָמען פון די גאַנצע קאַמיוניטי, אַ דאַנק אייך פאַר אַלעס וואָס איר טוט.

# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

TRANSPORTATION DEPARTMENT

# וויכטיגער רוף און אויפפאדערונג

אזיווי' עס קומען אריין קאמפלעינט'ס איבער דרייווערס וועלכע
פארן אריבער סקול-באסעס בשעת די רויטע סטאפ-לייטס זענען אנגעצינדן

**ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן דעם חשוב'ן ציבור**

## אז דאס איז א שרעקליכע סכנה!

**אריבערפארן א סקול באס ווען די רויטע לייטס בלינקען איז אומלעגאל**

**און מען קען פארלירן די לייסענס בלויז פארן פארלעצן דעם דאזיגן געזעץ!**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**




Fine Design • 845.669.6133

# אַ האַלב מיליאָן סקווער פיס הרחבת גבולי הקדושה אין קרית יואל

## כאשר זכינו: תשע"ד

(פארזעצונג פון זייט 5)

זאלדאן שליט"א אויף דער געציל בערגער גאַס, הונטערן בנין הת"ת.

די הנהלת המוסדות האט שוין ביז היינט אויך גענוצט יענעם שטח פאר'ן געברויך פון די מוסדות, ווען עס פלעגט דארט פלאצירט ווערן די זומער-קלאסן פאר די זומער-געסט במשך די זומער-וואכן. אצינד האט מען צוגעבויעט דערנעבן אן איין-שטאקיגער בנין פאר א היכל בית המדרש, און דערצו האט מען געענצליך איבערגעמאכט די פראוועזארישע זומער חדרים, עס זאל ווערן "ווינטערייזד" צו קענען זיין אין באנוץ אויך אין די ווינטער חדשים פאר כיתות לשיעורים פאר די בחורים.

אזוי אויך האט מען רענאווירט דעם גאנצן אויסשטעל, עס זאל זיין צוגעשטעלט פאר'ן באנוץ פון די בחורים צו קענען עוסק זיין בתורה ועבודה מיט הרחבת הדעת.

### אונטערשטער שטאָק פון ביהמ"ד ישמח משה בשכונת ברך משה איינגערישט פאַר ישיבה קטנה "השיב משה"



צווישן די שפאלטענעס פון "הקריה" איז שוין מערערע מאל באריכטעט געווארן איבער'ן אויפבוי פונעם בית המדרש המפואר "ישמח משה" דקהלתינו הק', וואָס שטייט מיט איר פולסטן פראַכט אינעם צענטער פון שכונת ברך משה און ווערט באַנוצט מדי יום ביומו ומדי שבת בשבתו דורך די תושבי השכונה.

תושבי קרית יואל האבן מיטגעהאלטן און באגלייט די אנטוויקלונגען פון ווען דער ביהמ"ד האט זיך צום ערשטן מאל געעפנט צייטווייליג אויף די ימים נוראים, און דערנאך ווען דער היכל הביהמ"ד איז פארענדיגט געווארן פון אינעווייניג און ארייגעשטעלט געווארן אין טאָג-טעגליכן באנוץ. דערנאך איז אנגעגאנגען די ווייטערדיגע ארבייט אויפ'ן דרויסנדיגן געשטעל, ווען דער הערליכער און אויג-פאַרכאַפנדער געשטעל איז געענצליך פאַרענדיגט געוואָרן בסייעתא דשמיא.

אצינד ווערט מיט פרייד געמאלדן אז דער אונטערשטער שטאק פונעם בנין איז אצינד פארענדיגט געווארן, און צום נייעם ווינטער זמן וועט אויפ'ן ערשטן שטאק איינקווארטירט ווערן די ישיבה קטנה "השיב משה" בהנהלת הרה"ג ר' שמעון אברהם ראטה שליט"א. דער אונטערשטער שטאק פארמאגט א באזונדערע אריינגאנג, אזוי ארום וועט דער גאנצער שטאק זיין דעזעגנירט ספעציעל פאר די ישיבה קטנה להגדיל תורה ולהאדירה.

### נייער "היכל מנחם זאב" צוגעבויעטער פליגל צום "היכל ראָזנבערג" אין ביהמ"ד הגדול, בעז"ה פאַרענדיגט

### אויסשטאַפירט מיט פרישע טויזנטער ספרי קודש



תלי"ת א דאנק די געוואלדיגע התעוררות ללימוד התורה וואס מרן רבינו שליט"א איז כסדר מעורר דעם ציבור אין יעדן געלעגנהייט, זעען זיך טאקע אָן די פירות, ווען עס איז פשוט פארהאן א מאנגל אין פלאץ אין דעם וועלט-באַרימטן "היכל ראָזענבערג" דער מקום מיוחד ללימוד התורה אין בית מדרשינו הגדול, און עס האט זיך געשאפן א געברויך צוצולייגן נאך פלאץ פאר לימוד התורה.

ווען דער היכל התורה איז אויפגעבויעט געווארן און עס איז געפראוועט געווארן דער חנוכת הבית, האט דאן דער רבי שליט"א ביי די דברות קודש אנגעוואונטשן בדרך מליצה "זה הגדול קטן יהי'"; דער גרויסער היכל וועט נאך אמאל קליין ווערן און מען וועט נאך דארפן צובויען דערצו. בשעתו האט דאס אפשר אויסגעקוקט ווי א חלום, אבער גאר שנעל האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער פלייץ פון לומדים האלט אין איין שטייגן ב"ה און מען מוז עפעס טוהן צו קענען פלאצירן די פילע לומדים.

אין ליכט פון דעם איז היי יאר צוגעבויעט געווארן נאך א פליגל צום היכל ראזענבערג ווען מען האט אריינגענומען דעם געוועזענעם "קבלת פנים זאל" וועלכע איז דערנאך גענוצט געווארן פאר א סטארעדזש פאר'ן ביהמ"ד, און מען האט עס איבערגעמאכט צום לערנען און אויסשטאפירט מיט טישן, בענקלעך און פולע צוויי שטאקן מיט שענק, אנגעפולט מיט טויזנטער ספרי קודש.

דער נייער פליגל טראגט דעם נאמען "היכל מנחם זאב" בנדבת לבו פון הרבני הנגיד ר' זאב וואלף פערל הי"ו חבר הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ק, וועלכער האט דאס מנדב געוועזן לע"נ חותנו הרה"ח ר' מנחם זאב ב"ר אברהם אבא הירש ע"ה מחשובי תושבי קרית יואל.

### ביהמ"ד "בית ברוך" פילפאַכיג פאַרברייטערט מיט רענאָווירטער צענטראַלער אַריינגאַנג און נייער שטאָק פאַר ווייבער-שול



(פארזעצונג אויף זייט 49)

## כן נזכה: תשע"ה

14'טע בנין אין די גאלדענע קייט פון די הערליכע מבצרי החינוך לתורה וליראה פון די מוסדות הק' אין קרית יואל.

עס איז שוין באמת א לענגערע זמן וואס ס'שפירט זיך א געברויך מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה פאר די בית רחל. זייענדיג אבער געדרוקט אין געלט, ווען ווי פארשטענדליך איז נישט לייכט פאר די הנהלת המוסדות אונטערצונעמען אזעלכע מולטי-מיליאן דאלאר'דיגע פראיעקטן, בפרט ווען מ'האלט נאך אינמיטן אהערשטעלן דעם נייעם בנין פאר די תלמוד תורה, האט מען בדיעבד פרובירט צו שטופן די צייט אויף ווילאנג עס איז מעגליך.

אבער אזוי ווי דער מצב ווערט נאר ערגער ב"ה, דאס דחקות שרייט שוין ארויס פון יעדן ווינקל אין די בניני בית רחל, ווען פילע קלאסן זענען פלאצירט אין פראוועזארישע טרעילארס וואס שטערט פאר די מנוחת הנפש און הרחבת הדעת פון די מיידלעך און די לערערינס און עס ווערט שוין פאראויסגעזען א פרישע מאנגל אין פלאץ אויפ'ן קומענדיגן יאר. איז די הנהלת המוסדות געצווינגען זיך אריינצולאזן אין דעם נייעם פראיעקט בכל לבם ונפשם מיט'ן געוויכט אהערצושטעלן דעם נייעם בנין ווי פריער מעגליך בסייעתא דשמיא, כדי צו קענען ברענגען א תועלת פאר'ן חינוך פון די אלפי בנות ישראל להעמדת הדורות מתוך הרחבת הדעת.

אלענפאלס, די פריידיגע פרישע נייעס פון 'הרחיבי מקום אהלך', רופט ארויס גרויס שמחה דקדושה ביי אלע עלטערן פון די מוסדות הק', ביי אלע תושבי קרית יואל, און ביי אלע תלמידי וחסידי סאטמאר אלוועלטליך, וועלכע קוועלן פאר שמחה מיטצוהאלטן ווי שיין עס פלעגט זיך בעז"ה ווייטער דער גאלדענער קייט פון די מוסדות הק' בפלטרין של מלך "קרית יואל".

### שוין געגאָסן פונדאָמענט פאַר צווייטן נייעם 50,000 סק. פיס געביידע פאַר מתיבתא הקדושה



ווי דערמאנט אנהייב פון דעם באריכט האט די הנהלת המתיבתא הק' בס"ד פארענדיגט אין די לעצטערע וואכן דעם נייעם בנין וואס איז נארוואס פארענדיגט געווארן אויף בארדיטשוב ראוד, און וועט שוין זיין אין באנוץ אין דעם קומענדיגן זמן החורף תשע"ה.

אבער אין די זעלבע צייט גייען ווייטער אן די פלענער אהערצושטעלן נאך א געביידע פאר'ן געברויך פון די מתיבתא דער צווייטער בנין החדש ווערט אויפגעבויעט אביסל נענטער צום אנהייב פון די בארדיטשוב גאס נעבן דעם וואסער טריעטמענט פלענט. אין לויף פונעם פארגאנגענעם יאר זענען שוין געגאסן געווארן די פונדאמענטן פונעם בנין, און צום נייעם יאר האפט מען בעז"ה אנצוהייבן ווייטער די בוי ארבעט מיט א פולן טעמפא להרחיב גבולי הקדושה.

### ביהמ"ד הגדול וועט פאַרברייטערט ווערן מיט נייעם פליגל פון 14,000 סק. פיס

אין א היסטארישער אנטוויקלונג גרייט זיך הנהלת קהילתינו הק' צו פארברייטערן דעם היכל ביהמ"ד הגדול מיט א נייעם פליגל פון 14,000 סקווער פיס, ווען דער ביהמ"ד וועט ארויסגעבויעט ווערן אויף צפון זייט, וואס דאס וועט פארברייטערן דעם היכל התורה אויפ'ן אונטערשטן שטאק, און וועט צולייגן נאך פילע הונדערטער זיצן אינעם היכל ביהמ"ד הגדול, צו קענען נאכקומען דעם פארלאנג פון דעם וואקסענדן ציבור וועלכע ווילן מיטהאלטן די געהויבענע תפילות אין ביהמ"ד הגדול במחיצתו פון מרן רבינו שליט"א אין די שבתות וימים טובים.

א דעטאלירטע באריכט פון די בוי פלענער ערשיינט אין דעם ספעציעלע "הקהלה" אויסגאבע וואס איז ערשינען לכ' יו"ט דורך הנהלת קהילתינו הק'.

### נייער ביהמ"ד "קדושת יו"ט" פאַר תושבים פון ישראל זופניק גאַס און אַרום

א מקום מכובד צווישן די הרחבת גבולי הקדושה פארנעמט זיכער דער נייער ביהמ"ד קדושת יו"ט וועלכע וועט אי"ה אויפגעבויעט ווערן צו ערזעצן דעם ביז-יעצטיגן ביהמ"ד וועלכע איז געעפענט געוואָרן מיט יאָרן צוריק, גלייך ווי עס איז פאַרענדיגט געוואָרן דער אָרטיגער שטאָטישער דירות קאָמפּלעקס, וואו דער אָריגינעלער "קאָמיוניטי רום" איז גענוצט געוואָרן אַלס מקום תורה ותפלה פאַר די תושבים פון די דירות.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווען דער ביהמ"ד איז אויסגעשטיגן אַלס תל תלפיות פאר די תושבים פון די גאַנצע געגענט אַרום און דער אָריגינעלער ביהמ"ד איז גלייך אויסגעוואַקסן דעם געברויך. דאָס קליינע שטיבל האָט ווייט נישט געקענט אַקאָמאַדירן דעם גאַנצן ציבור מתפללים בליעה"ר, און מ'האָט געמוזט אָנהייבן צו זוכן וועגן וויאַזוי צו פאַרגרעסערן דעם ביהמ"ד.

אַצינד, ווי שוין באַריכטעט, וועט מען אי"ה מטעם הנהלת הקרי' בויען אַ שפּאָגל-נייעם צוגעלייגטן פליגל ביי די שטאַטישע הייזער קאמפלעקס אויף דער ישראל זופניק דר. גאַס, וועלכע וועט אַקאָמאַדירן דעם ביהמ"ד "קדושת יום טוב", וואו די תושבי ישראל זופניק וועלן האָבן די ברייטע מעגליכקייט זיך דאָרט קובע מקום צו זיין לתורה ותפלה מתוך הרחבת הדעת ומנוחת הנפש.

עס איז שוין דאָ אַ היבשע ווײַלע וואָס די געטרייע הנהלת הקריה האָבן זיך אַריינגעלייגט אין די אַרבעט און האָבן אַסאַך גע'שתדל'ט ביי די שטאָטישע אַגענטור וואָס פאַרפיגט אויף דעם גאַנצן קאָמפּלעקס און אָנגעקלאַפּט אויף אַנדערע פענסטער, מיטן ציל צו באַקומען די נויטיגע ערלויבעניש אויסצונוצן דעם ליידיגן שטח וואָס געפינט זיך האַרט נעבן דעם קאָמפּלעקס, כדי אַז מ'זאָל דאָרט קענען אויפשטעלן דעם נייעם פליגל.

נאכ'ן ערהאלטן די ערלויבעניש, האָבן די

(פארזעצונג אויף זייט 49)




VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

פובליק סעיפטי דעפארטמענט

Trustees
Jacob Mittelman
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau

מיר ווילן דערמאנען די חשוב'ע דרייווער, אז אין איינקלאנג
מיט דעם וואס מען האט לעצטנס אינסטאלירט א נייעם

# פלעשינג
# סטאָפ לייט

ביי די גאר פארנומענע

## מירון-בעיקרטאון-ביזנעס צענטער אינטערסעקשאן

וואו עס קומען צו פארן קארס פון דריי ווינקלען און דינט אלס א שטארקע דורכגאנג פאר פיסגייער

**איז גאר וויכטיג, פאר די זיכערהייט פון די פיסגייער און דרייווער, אלעמאל אויסצופאלגן די טראפיק פארשריפטן וועלכע פארלאנגט צו קומען צו א**

## פולשטענדיגן סטאָפ!

**און צו ווארטן אריבערצולאזן די פיסגייער וועלכע ווילן אריבערגיין די גאס**

## עס איז פאר אייער אייגענער זיכערהייט
## און פאר די זיכערהייט פון אייערע קינדער

ביטע נעמט דאס נישט פאר לייכט!

מיט דאנק פאר אייער ווייטערדיגע קאאפעראציע
די "פובליק סעיפטי" דעפארטמענט

# אַ האַלב מיליאָן סקווער פיס הרחבת גבולי הקדושה אין קרית יואל

## כאשר זכינו: תשע"ד

(פארזעצונג פון זייט 47)

אין קייט פון די הרחבת גבולי הקדושה אין די שטאט איז היי יאר פארברייטערט געווארן דער ביהמ"ד בית ברוך וואָס געפונט זיך אויף די סאסוב גאס, און דינט אלס א הערליכער ווינקל לתורה ולתפלה פאַר די עטליכע גאַסן קאַרלין, סאַסוב, טעיטש און מאַונטען ראָוד, תחת הדרכת רב הביהמ"ד הגה"צ רבי יואל שליט"א בן כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דער ביהמ"ד איז נדבת לבו פון הרה"ח רבי אברהם וויעדער שליט"א ראה"ק וראש העיר פון קרית יואל, וועלכער האט מנדב געווען דעם ביהמ"ד לזכר נשמת זיין אומפארגעסליכן זון להבחל"ח ר' ברוך בענדיט ע"ה וואס דער ביהמ"ד איז טאקע נקרא על שמו, און איז כסדר מעלה נשמתו דורכן מוסיף זיין על נדבתו.

אזוי ווי עס האט זיך אויסגעפעלט מער פלאץ אין ביהמ"ד, דעריבער האט מען אריינגענומען אין דעם ביהמ"ד די זייטיגע צימערן וואו עס איז בעפאר געווען איינקווארטירט דער ווייבער שול, און די אנדערע צוגעהערן ווי די קאווע שטיבל און די קארידארן פונעם ביהמ"ד, און אנשטאט דעם האט מען ארויפגעבויעט א שטאק פאר'ן ווייבער שול, און דער היכל הביהמ"ד איז געווארן פילפאכיג פארברייטערט, און אינעם אונטערשטן שטאק איז געווארן איינגערישט די קאווע שטיבל און אנדערע איינריכטונגען.

טייל פון די הוצאות איז געקומען מנדבת לבו פון הרבני הנגיד ר' מאיר זעליג ריספלער הי"ו פון וויליאמסבורג, וועלכער האָט זיין זומער-דירה בשכינות פונעם ביהמ"ד, און איז פון די מתפללי הביהמ"ד.

### ביהמ"ד "בית שמואל בנימין" בשכונת ראוונע פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט



נאכדעם וואס דער אריגינעלער בית המדרש בית שמואל בנימין, וואס איז אהערגעשטעלט געווארן אויף דער ראוונע גאס איז געווארן אויסגעוואקסן וצר המקום מהכיל די ריבוי עם בליעה"ר, האט מען מיט א צייט צוריק שוין פארברייטערט דער היכל הביהמ"ד, אריינעמענדיג דאס זייטיגע שטיבל/ווייבער שול אינעם היכל הביהמ"ד.

אבער אזויווי דאס איז שוין אויך אויסגעוואקסן, און עס איז כסדר געוואקסן די פארלאנג ווידער צו פארברייטערן דעם ביהמ"ד צו קענען אקאמאדירן די צוקומענדיגע תושבים פון די שטאַרק-באַוואוינטע גאסן, חברון און ראוונע.

האט מען יעצט אין די לעצטע וואכן צוגעבויט פונדרויסן אן עקסטענשאן פליגל וואס וועט גענוצט ווערן פאר א באזונדערן שטיבל לתורה ולתפלה, און שבת ויו"ט פאר א ווייבער-שול, און אין די צייט האט מען אריינגענומען אינעם היכל הביהמ"ד נאך חלקים פון די ביז איצטיגע קארידארן, אזוי ארום האט מען אויך פארברייטערט דעם ביהמ"ד מיט פרישע צענדליגער זיצן לשמחת לבם פון די איינוואוינער פון די גאסן ארום.

### ביהמ"ד "בית דוב" בשכונת לעמבערג פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט



נאכדעם וואס דער אריגינעלער בית המדרש בית דוב, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אויף דער לעמבערג גאס איז געווארן אויסגעוואקסן וצר המקום מהכיל די ריבוי עם בליעה"ר, איז געווארן א שטארקער פארלאנג מען זאל פארברייטערן דעם ביהמ"ד צו קענען אקאמאדירן די תושבים פון דער שטאַרק-באַוואוינטער גאס.

לעצטע יאר האט מען זיך אריינגעלייגט און מען האט אפגעקויפט א דירה דערנעבן מיטן ציל צו פארטאפלען דעם ביהמ"ד, און פארגאנגענעם ווינטער האט מען נאך פילע איינריכטונגען אינעם נייעם פלאץ שוין געקענט טיילווייז פארברייטערן דעם ביהמ"ד מיט פרישע צענדליגער זיצן לשמחת לבם פון די איינוואוינער פון די גאס.

### צוגעבויט נייעם פליגל צום "מצה בעקעריי" מיט 2 נייע אויוונס נאכצוקומען גרעסערער פארלאנג

נאכדעם וואס דער כתר שם טוב פון די מהודר'דיגע מצות פון קרית יואל איז פארשפרייט געווארן איבעראל, האט דאס געברענגט אז עס איז געווארן גאר א שטארקע פארלאנג פאר די מצות וואס ווערט געמאכט פון די מהודר'דיגע און הונדערט-פראָצענטיגע אויסגעהאַלטענע ווייץ לויט אלע שיטות הראשונים און גדולי הפוסקים, נאכקומענדיג אלע חומרות והידורים וואס זענען איינגעפירט געוואָרן עטליכע יאָר צוריק דורך מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועלכער איז שוין יאָרן לאַנג, זינט דער התייסדות פונעם היזיגן בית האופה, עומד על המשמר ביים שניידן די ווייץ פאר די מצות, צו זען אַז דאָס ווייץ זאָל זיין אויסגעהאַלטן בתכלית ההידור והכשרות אָן קיין פשרות און אָן קיין דיעבד.

תלי"ת האָבן אנ"ש און רוב רובם פון די תושבי עירינו די געוואַלדיגע זכי' מקיים צו זיין מצוות אכילת מצה מיט אַזויפיל הידורים, מיט מצות ביי וועלכן מ'האָט ב"ה נישט געדאַרפט צוקומען צו קיין שום קולות און צו קיין שום צירופים והתירים, און ביים מקיים זיין מצוות אכילת מצה, אויף וועלכן דער הייליגער חתם סופר זי"ע ברענגט ארויס, אַז דאָס איז די איינציגסטע מצוות עשה דאורייתא וואָס איז פאַרבינדן מיט "אכילה" און איז נאָך נוהג בזמן הזה, האָט מען ב"ה די זכי' מקיים צו זיין די מצוה מיט אַלע הידורים און חומרות בלי שום חשש

(פארזעצונג אויף זייט 51)

## כן נזכה: תשע"ה

עסקנים זיך פריש אַריינגעוואָרפן אין די אַרבעט אויסצואַרבעטן די פונקטליכע פלענער פון דעם נייעם בנין וועלכע וועט אי"ה אַהערגעשטעלט ווערן אויפ'ן זעלבן שטייגער פון די אַנדערע גרויסע בתי מדרשים וואָס די הנהלת הקרי' האָט שוין אַהערגעשטעלט אין די לעצטערע יארן, לשביעת רצון אלפי תושבי עירינו, וועלכע זענען טעגליך נהנה פון די מקומות התורה והתפלה, צושפרייט און צוזייט אין אַלע עקן און ווינקלען פון די שטאָט.

### נייער ביהמ"ד און בנין "עושה חיל" אויף דער חברון גאַס

ווי שוין באריכטעט אין "הקריה" גרייט זיך די הנהלת הקרי' צוצוטרעטן צו א שפאגל-נייעם פראיעקט, אויפצושטעלן א נייעם בנין, אונטערן נאמען "עושה חיל", נאנט צום עקזיסטירנדן "אשת חיל" קאמפלעקס, אויף דער זעלבער חברון גאס ביים שפיץ פונעם בארג, וואס דער בנין וועט ווערן ספעציעל צוגעשטעלט צו אקאמאדירן פארפעלקער און עלטערן וועלכע ווילן זיך אפרוען אדער דארפן זיך ערהוילן, און וועלן דארט טרעפן א רואיגער ווינקל מיט אלע צוגעהערן צו קענען פארברענגען אפאר טאג אדער וואכן אין א היימישע סביבה, מיט די בעסטע סערוויסעס ברוחניות ובגשמיות.

גלייכצייטיג האט די הנהלת הקריה געזען פאר פאסיג אז דער נייער בנין זאל ווערן אויפגעשטעלט אויף אזא אופן, אז אַ חלק שטאקן זאלן דינען פאר א ביהמ"ד און א מקוה מיט שטיבלעך, סיי פאַר'ן באנוץ פון די וואס וועלן קומען געניסן פונעם "עושה חיל" ווי אויך פאר די נייע צוקונפטיגע משפחות פון די גאס, און אַ חלק שטאקן וועלן ווערן דעזיגנירט פאר די דערמאנטע "עושה חיל" געברויכן, אויף אן אופן אז די צוויי אריינגענג וועלן נישט זיין פארבינדן איינער צום צווייטן, נאר פארקערט גאר, עס וועט זיין א געלונגענער צאמשטעל און דינען ביידע אינטערעסן צוגלייך

דערמיט וועט צוקומען נאך א רינגעלע אין די גאלדענע קייט פון הערליכע בנינים לשם ולתפארת, ווי עס פאסט פאר אזא הייליגע שטאט וואס טראגט דעם נאמען פונעם גרויסן מייסד מרן רביהקוה"ט זי"ע, וואס איז יוצא פונעם פסוק - "ימין ה' רוממה, ימין ה' עושה חיל".

### נייע מקוה און הרחבת ביהמ"ד "ברך משה" אויף ד.א. ווידער בלווד.

אין די קומענדיגע טעג נאך די ימים טובים הבעל"ט האפט מען בעז"ה צוצוטרעטן צו די בוי-ארבעט מרחיב צו זיין גבולי הקדושה, מיטן אויפבוי פון דער פראכטפולער מקוה טהרה אויפ'ן אונטערשטן שטאק פונעם בית המדרש ברך משה וואס ווערט באנוצט דורך די פילצאליגע איינוואוינער פון די ד.א. ווידער און קאזניץ גאסן און דער אומגעגנט.

דער געברויך אויפצובויען א באקוועמע מקוה פאר די געגנט און מתפללי בית המדרש איז כסדר געשטיגן מיט'ן צופלוס פון נייע דירות אין די געגנט, ובפרט נאכדעם וואס דער בית המדרש זעלבסט האט זיך קונה שם געווען אלס א לייכטטורעם פאר'ן גאנצן געגנט שפרידלענדיג מיט לומדים און מתפללים א גאנצע וואך און הויפטזעכליך ביום השבת קודש ומועדי השנה.

כדי אויפצובויען א מקוה אונטערן ביהמ"ד האט זיך אבער פארלאנגט אז דער חלק פונעם געבײדע וואס ווערט גענוצט דורך די "פאלם גארדנס מענעזשמענט" וועלכע פארפיגט אויף די שטאטישע הייזער אויף ד.א. ווידער קאורט, זאל זיך מוזן ארויסציען צו מאכן פלאץ פאר די מקוה און הרחבת גבולי הקדושה. צו דעם צוועק האט מען ספעציעל אויפגעבויעט א נייעם בנין פאר די "פאלם גארדנס מענעזשמענט" אויף אַ ליידיגן שטח וואס געפונט זיך אויף ד.א. ווידער קאורט, אינמיטן דעם גרויסן בארג וואו עס לויפן די שטיגן ארויף צו קאזניץ ראוד.

נאכדעם וואס דער נייער סטארעדזש בנין איז פארענדיגט געווארן וועט דער סטארעדזש אצינד זיך אריבערציען צו די נייע געביידע און דאס וועט ערמעגליכן אז מ'זאל בעזהשי"ת קענען אנהייבן מיט די בוי-ארבייט אויף די מקוה און הרחבת גבולי הבית המדרש.

דער נייער פראיעקט וועט זיין א דריי-שטאקיגער בנין. דער אונטערשטער שטאק וועט זיין פאר די מקוה, דער מיטעלסטער שטאק צו פארברייטערן דעם עקזיסטירענדן היכל הביהמ"ד, און נאך א שטאק פאר דער ווייבער שול.

### אודיטאָריום געביידע פון 40,000 סק. פיס וואַרט אויף "ד-אי-סי" באַשטעטיגונג צו קענען אָנגיין מיט בוי-אַרבייט

ווי באקאנט האט די הנהלת המוסדות שוין א צייט צוריק אנגעהויבן א פראיעקט פון א נייעם אודיטאריום געביידע פאר'ן געברויך פון די בית רחל. דער בנין ווערט געבויעט דורך די לעידיס אוקזילערי שע"י מוסדותינו הק', אין שפיץ פון די חשוב'ע רביצין תליט"א, וואס איז שוין יארן לאנג עוסק צו שאפן ריזיגע סכומים צו קענען אויפבויען די אודיטאריום געביידע פאר'ן "בית רחל".

נאכדעם וואס מען האט אנגעהויבן די בוי ארבייט האט מען זיך אנגעשטויסן אין פארשידענע אומפאראויסגעזעענע פראבלעמען מיט די "די-אי-סי" וועלכע גיבט זיך אפ מיט די ענווייראנמענטאלע איינגעלעגנהייטן און האבן אפגעהאלטן דאס בויען פאר א לענגערע צייט.

נאך אסאך שתדלנות צו פארשנעלערן די ביוראקראטישע פראצעדורן ווערט ערווארטעט אז די באאמטע וועלן בעז"ה בקרוב געבן די ערלויבעניש ווייטער אנצוגיין מיט די בוי ארבעט צו קענען אויפבויען דעם בנין וועלכע איז גאר נויטיג פאר די תלמידות פון בית רחל.

### פאַרדאָפּלטער "דענטאל שטאָק" מיט נאָך 5,000 סק. פיס אין "עזרת חולים העלט צענטער"



(פארזעצונג אויף זייט 51)

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road, Suite 401 Monroe, NY 10949 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

בס"ד

# באס טראנספארטאציע זיכערהייט אנווייזונגען

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם:
## גיבט אכטונג אויפ'ן זיכערהייט פון אייערע קינדער!

**עלטערן דארפן וויסן אז:**

- ווען מען באגעגנט זיך מיט א סקול באס וועמענ'ס רויטע לעמפלעך בלינקען, **מוזן די קארס פון אלע ריכטונגען זיך אפשטעלן אוןווארטן ביז די רויטע לייטס ווערן אויסגעלאשן.** מען דארף זיך אפשטעלן גענוג ווייט אז די קינדער זאלן קענען אדורכגיין זיכערערהייט. דער געזעץ איז נישט קיין קינדער שפיל נאר געצילט צו פארמיידן פון א סכנה! נעמט אין אכט אז מ'קען זיך רח"ל שפילן מיט'ן לעבן פון טייערע אידישע קינדערלעך!
- **אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו.**
**די דרייווערס זענען אנגעזאגט געווארן נישט אויפצונעמען א קינד וואס לויפט נאך דעם באס.**
- ביי קלענערע קינדער איז וויכטיג אז די עלטערן זאלן ווארטן מיט די קינדער ביים באס צופרי און אפווארטן ביים אהיימקומען.
- ווען מען רופט אריין מאכן א טויש פאר א קינד'ס סטאפ, מאכט שפעטער זיכער אז דאס קינד איז טאקע אנגעקומען אויפ'ן נייעם פלאץ וואו איר האט געהייסן אים שיקן.

**עלטערן דארפן אנזאגן די קינדער אז:**

- ווארטנדיג אויפ'ן באס טאר מען נישט שטיין ביים עק סיידוואלק, און זיכער נישט אויפ'ן ראוד חלילה.
- ווען דער באס קומט אן צום באס סטאפ, טאר מען נישט צוגיין צום באס ווילאנג דער באס קומט נישט צו א גענצליכער אפשטעל און עפנט די טיר.
- ווען מען קראָסט אריבערצוגיין צום באס, מוז מען גוט קוקן פון אלע זייטן צי עס קומען נישט קיין קארס און אזוי אריבערגיין (און נישט זיך פארלאזן אז די קאר וועט זיכער סטאפן).
- אויב עס פאלט עפעס אראפ נעבן באס, טאר מען עס בשום אופן נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פארן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס [און דאס איז פונקט אזוי וויכטיג פאר די עלטערן זעלבסט].
- ביים אריבערגיין דעם באס זאל מען גיין גענוג ווייט פארנט פונעם באס אז מען זאל קענען זען דעם דרייווער'ס אויגן - און אזוי וועט דער דרייווער דיך אויך קענען זען.
- ווען מען קומט אהיים פון חדר/סקול מוז מען קודם אריינקומען אין שטוב זאגן אז מען איז אהיימגעקומען, און דערנאך קען מען צוריק ארויסגיין זיך שפילן.

# חוסו נא על עוללינו וטפינו!!

## - טראנספארטאציע נומערן -

**טראנספארטאציע אפיס**
(נישט פאר עמוירזשענסי)
**782-3687**

**סקעדזשול אינפארמאציע**
ת"ת ובית רחל - **(845) 414-0099**
שערי חמלה - **782-7510 #282**

**עמוירזשענסי נומער**
(צב"ש א קינד איז נישט אנגעקומען אהיים)
**782-2300 EXT 123**

# אַ האַלב מיליאָן סקווער פיס הרחבת גבולי הקדושה אין קרית יואל

## כאשר זכינו: תשע"ד

(פארזעצונג פון זייט 49)

ופקפוק, ואשרי העם שככה לו.

אין ליכט פון דעם איז די הנהלת בית האופה שע"י קהלתנו הק' געווען געצווינגען היי-יאר צו פארברייטערן דעם מצה בעקעריי מיט א נייעם פליגל וואו עס זענען צוגעבויעט געווארן נאך צוויי נייע אויוועס צו קענען נאכקומען דעם שטייגענדן פארלאנג פאר די מצות מהודרות.

### "בית השחיטה המהודרת" פאַרברייטערט מיט 10,000 סק. פיס, א נייעם עקסטענשאן פליגל און באזונדערע גאַראַדזש-געביידע פאַר הינער-טרעילאָרס



תושבי קרית יואל וועלכע האבן אין די פארלאפענע טעג מקיים געווען דעם מנהג "כפרות" ביים בית השחיטה המהודרת, האבן זיך באגעגנט מיט א נייעם בנין אין דעם בית השחיטה קאמפלעקס



וואס איז ספעציעל אויפגעשטעלט געווארן צו קענען האַלטן די טרעילאָרס מיט הינער וואָס ווערן געברענגט טעגליך גע'שחט'ן צו ווערן אינעם בית השחיטה, אַז אידישע קינדער זאָלן קענען האָבן כשר פלייש צו עסן, למהדרין מן המהדרין.

דאס איז איינגעשטעלט געווארן אלס זהירות אז עס זאל נישט צוקומען מען זאל לאָזן די טרעילאָרס פול מיט הינער וואַרטן אַ לענגערע צייט אינדרויסן פונעם בית השחיטה כדי עס זאל זיך נישט מאכן קיין פראבלעמען מיט טריפות צוליב די היצן וכדומה. ווי דער מציאות באַווייזט אַז ביי עופות וואָס שטייען נישט אויס צו די גרויסע זומער היצן, טרעפט מען ווייניגער טריפות. און אַ באַזונדערע בענעפיט האט דאס געברענגט אַז אויך ביינאַכט, ווען די ליידיגע טרעילאָרס פלעגן צומאָל זיין אָנגעלייגט אויפ'ן ראָוד און שטערן דעם טראַפיק, פארמאגן זיי יעצט אַ געהעריגן פלאַץ וואו צו פלאַצירט ווערן אָן שאַפן אומאַנגענעמליכקייטן פאר די אַרומיגע געגנט.

אבער אויסער דעם גאראדזש געביידע, בויעט זיך אין די זעלבע צייט א דריי שטאקיגער געביידע פאר'ן געברויך פון דעם בית השחיטה זעלבסט, ווי עס וועט צוגעשטעלט ווערן פארשידענע איינריכטונגען פאר'ן הרחבת הדעת און געברויך פון די פילע ארבייטער פונעם בית השחיטה.

## כן נזכה: תשע"ה

פון די עזרת חולים אדמיניסטראציע קומט די גוטע נייעס אז עס גייט שוין העפטיג אָן די קאנסטרוקציע ארבייט צו פארברייטערן און פארטאפלען די דענטאל אָפטיילונג מיט נאך 5,000 סקווער פיס נאכצוקומען די גרויסע נאכפראגע אויף די דענטאל סערוויסעס פון עזרת חולים.

דאס קומט נאכדעם וואס מען האט ב"ה מצליח געווען אַהערצושטעלן דעם נייעם שטאק פאר די פידיעטריקס דעפארטמענט אין די אונטערשטע שטאק פון די געביידע, און אצינד וועט דער גאנצער ערשטער שטאק ווערן געווידמעט פארן דענטאל דעפארטמענט.

ווי באקאנט האט זיך דער העלט סענטער אין די לעצטערע יארן פארברייטערט מיט אירע סערוויסעס אין אלע געביטן צו קענען סערווירן דעם פארברייטערטן ציבור בליעה"ר. צווישן די וויכטיגע אָפטיילונגען אין דעם העלט סענטער איז געוויס אויך דער דענטאל דעפארטמענט וועלכע טוט סערווירן די פילע איינוואוינער אויף א גרויסן פארנעם.

צוליב דער גרויסער פארלאנג, זענען היינט-צו-טאגס אלע 11 דענטיסט צימערן אינעם העלט צענטער איבערגעפולט מיט פאציענטן במשך דעם גאנצן טאג, - אייגנטליך נעמט מען שוין אָן פאציענטן פון 7:00 אינדערפרי ביז טיילמאל נאך 10:00 ביינאכט - וואס צוליב דעם ריבוי עם קע"ה, קען דער צענטער שוין כמעט נישט נאכקומען דעם פארלאנג, און ווען מען באשטעלט אן אפוינטמענט קען מען צומאל הערשט באקומען אויף פילע וואכן שפעטער.

מיט די נייע רענאוואציע ארבייט וועט דער דענטאל דעפארטמענט פארדאפלט ווערן צו קענען נאכקומען דעם גרויסן פארלאנג און צו קענען ווייטער סערווירן די איינוואוינער אויף אלע געביטן פון רפואה און געזונט.

*

אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר בכלל און תושבי קרית יואל בפרט געבן אפ א שבח והודי' צו השי"ת אויף די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייט שטענדיג די הנהלת הקהילה והקרי' און די הנהלת המוסדות צו קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה אויף אזא גרויסן פארנעם בליעה"ר, מיט די פילצאליגע בנינים לה' ולתורתו, וואס שטייט צום דינסט פאר טויזנטער שעות תורה ותפלה דורכאויס דעם יאר, און וועט אוודאי נכלל ווערן אינעם עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבל להיקבע בארץ ישראל במהרה.

און אין די זעלבע צייט איז מען ווייטער מתפלל אז דער זכות פון רביה"ק זי"ע וואס האָט זיך אַוועקגעגעבן מיט אַזויפיל כוחות פאר די שטאָט קרית יואל, זאל ווייטער מגין זיין פאַר די שטאָט, משפיע צו זיין פאַר יעדן איינעם בכלליות ובפרטיות כל מילי דמיטב, די שטאט זאל קענען וואקסן און בליען און זאָל זיך ווייטער פירן אונטער די רוחניות'דיגע הנהגה פון ממשיך דרכו ומרא דאתרא מרן רבינו הגה"ק שליט"א עדי נזכה בקרוב לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו בראשינו אמן.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

- קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט -

וויכטיגע דערמאנונג

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען פאר'ן חשוב'ן ציבור שיחיו, אז
אלע וואס אפלייען פאר סיי וועלכע סאשעל סערוויס בענעפיטן
ווי מעדיקעיד, פוד סטעמפס או"וו
מוזן פארמאגן א גאווערמענט באשטעטיגטע "פאטא איי די"
ווי צב"ש א פאספארט, דרייווערס לייסענס, אדער נאן דרייווערס לייסענס
אן די פארלאנגטע אידענטיפיקאציע קען מען נישט אפלייען פאר סאשעל סערוויסעס
מיט דאנק פאר אייער פארשטענדעניש
די קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט

# גרינג, ביליג און צוגענגליך



## אינשורענס וועלכע ווערן דא אקצעפטירט:

- Hudson Health plan
- MagnaCare
- Medicaid
- Medicare
- Multiplan
- Oxford Liberty
- Oxford Freedom
- United Healthcare
- UHC Empire plan
- WellCare
- Affinity
- Aetna HMO & PPO
- AmeriChoice (UHC community plan)
- CHP Empire
- Cigna
- Empire Blue Cross
- Fidelis
- GHI-Emblem Health
- Hamaspic Choice

## סליידינג פי

אויב איר האט נישט קיין אינשורענס דעקונג פאר'ן היינטיגן באזוך קענט איר געניסן פון אונזער "סליידינג פי" פראגראם צו קענען צאלן גרינגער און ביליגער.

פרעגט אן דערוועגן ביי אייער רעסעפשאניסט אדער פארבינדט זיך מיט אונזער בילינג דעפארטמענט פאר ווייטערדיגע דעטאלן.

## פראמפט פעי דיסקאונט

צאלט גענצליך אויס אייער היינטיגן באזוך, און געניסט פון א זאפארטיגע 30% דיסקאונט.

עזרת חולים קרית יואל
Ezras Choilim Health Center
E.C. H.C.
(845) 782-3242

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

בס"ד

# בשורה טובה תדשן עצם

עס איז אונז א גרויס פארגעניגן צו מעלדן
אז מיר טוען צושטעלן פאר אלע אונזערע פאציענטן דעם גאר וויכטיגן

## סליידינג פי
(Sliding Fee)
## פראגראם

צוגעשטעלט פאר אומשטענדן און/אדער פאציענטן וועלכע ווערן
נישט געדעקט דורך אינשורענס פאר סיי וועלכע סיבה, ווי למשל:

- פראצעדורן וועלכע ווערן בכלל נישט באצאלט דורך אייער אינשורענס.
- בחורים, זומער איינוואוינער, אדער באזוכער פון אויסער די שטאט, וועלכע האבן נישט קיין היגע אינשורענס.
- איר טרעפט זיך פאר סיי וועלכע סיבה אן אינשורענס.

מען קען אויסארבעטן מיט אונזער בילינג דעפארטמענט צו צאלן
ספעציעל ביליגע פרייזן, נאכ'ן צושטעלן די נויטיגע דאקומענטן,
און געוואנדן לויט די יערליכע פארדינסט אד"ג.

איינמאל מען שרייבט זיך איין אין דעם פראגראם, איז מען בארעכטיגט צו געניסן דערפון במשך דעם גאנצן יאר. מען דארף יעדעס יאר באנייען די אפליקאציע צו קענען געניסן פון אונזער פראגראם.

באזונדער איז איינגעשטעלט געווארן דער

## פראמפט פעי דיסקאונט
(Prompt pay discount)
## פראגראם

פאר פאציענטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו די "סליידינג פי" פראגראם

אויב באצאלט מען די גאנצע קאסטן אויפ'ן פלאץ פאר סיי וועלכן
פראצעדור (מיט געציילטע אויסנאמען), באקומט מען א **30% דיסקאונט!**

פאר מער דעטאלן
איבער ביידע פראגראמען
ביטע זיך פארבינדן
מיט אונזער בילינג
דעפארטמענט אויף
**845-782-3242 #8**

מיט דאנק
# הנהלת עזרת חולים


DESIGN & PRINT / 845.782.3382

VILLAGE OF KIRYAS JOEL INCORPORATED 1977 ORANGE COUNTY, N.Y.

## VILLAGE OF KIRYAS JOEL BUS TRANSPORTATION SCHEDULE

(845) 783-8300 x14



## WALMART ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 am until 7:10 pm
**Friday:** from 10:00 am until 1:00 pm **Summer:** 3:00 pm ✻✻ **Sunday:** from 11:00 am until 6:00 pm

### Riach Hachaim (when open)

**Monday through Thursday:** from 4:00 pm until 7:10 pm
**Friday:** from 1:00 pm until 3:00 pm ✻✻ **Sunday:** from 3:00 pm until 6:00 pm

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :08
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Kahan
- Girl's School-Bakertown
- Frankfurt by Hamburg
- Toltchav by Dinev :13
- Park & Ride :15
- Target :20
- ✻ Wal-Mart :23
- ✻ *Riach Hachaim* :25
- Spring St. *(When Open)*
- Main St. by Franklin Ave. :30
- D.A. Wieder :33
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :45
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Acres
- Acres & Lemberg :48
- Bakertown
- Toltchav by Dinev :00

✻ *(When Riach Hachim Is Closed)*

**EVEN HOURS**

**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Israel Zupnick
- I. Zupnick by Kahan
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest
- Forest by Mountain :05
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil)
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :08
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :15
- Van Buren by Quickway *(Drop Off on request)*
- Rimenev by Quickway *(Drop Off on request)*
- Forest by Quickway *(Drop Off on request)*
- Forest by Preshburg
- Forest by D.A. Wieder :16
- Franklin Ave. (Shortcut to lake St.) :18
- Spring St.
- *Riach Hachaim* :25
- ✻ Target :27
- ✻ Wal-Mart :30
- Meron-leipnik :39
- Toltchav by Dinev (Drop Off on request only from wall mart)
- Kahan by Israel Zupnick :45
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Satmar *(Drop Off on request)*
- Satmar by Hayes *(Drop Off on request)*
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest :50
- Forest by Mountain
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :00

✻✻ (call for verification)

## WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:30 am until 6:20 pm

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**9:30-11:30-1:30-3:30-5:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Hayes by Forest
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain :35
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Getzel Berger
- Getzel Berger by Kahan :40
- Girl's School - Israel Zupnick
- Frankfurt by Hamburg
- Toltchav by Dinev :42
- Bakertown
- Park & Ride
- Dundenberg
- Rt. 32 (Drop Off - on request)
- **Woodbury Common** :00
- (Shortline Bus Stop) on the Even hours
- Dundenberg
- Spring St.
- Main St
- Franklin Av.
- D.A. Wieder :11
- Schunnemunk (Drop Off on request)
- Toby (Drop Off on request)
- Mountain View (Drop Off on request)
- Ruzhin (Drop Off on request)
- Krakow (Drop Off on request)
- Mezabish (Drop Off on request)
- Nickelsburg & Tzfas (Drop Off on request)
- Chevron (Drop Off on request) :15
- Taitch (Drop Off on request)
- Volova & Sasev (Drop Off on request)
- Mountain & Karlin (Drop Off on request) :18
- Forest (Drop Off on request)
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

**EVEN HOURS**

**10:30-12:30-2:30-4:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- D.A. Wieder :31
- Toby & Mountanview
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :35
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Forest by Acres :38
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick :40
- Israel Zupnick
- Kahan
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Teverya
- Park & Ride :42
- **Woodbury Common** :00
- (Shortline Bus Stop) on the Odd hours
- Dundenberg
- Park & Ride
- Lipnick & Teverya :06
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Kahan
- Israel Zupnick by Kahan
- Frankfurt by Hamburg
- Toltchav by Dinev :10
- Girl's School, Bakertown :15
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Acres by Israel Zupnick
- Satmar by Acres
- Satmar by Siget
- Satmar by Hayes
- Krolla by Satmar
- Forest by Acres
- Forest by Mountain :18
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

## LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 am until 6:30 pm
**Friday:** from 9:00 am until 1:00 pm - **Summer Months:** until 2:00 pm
**Sunday** from 10:00 am until 6:30 pm **Summer** from 11:00 am

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**9:00-11:00-1:00-3:00-5:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Kahan by I. Zupnick
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Forest by Mountain :05
- Forest by Senior Citizens
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :09
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway :10
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Schunnemunk by Forest
- Koznits
- D.A. Wieder :15
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow :20
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :23
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch :25
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Shopping Center :35
- Garfield
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Acres - Krolla
- Acres & Lemberg :38
- Acres - Satmar
- Zupnick
- Meron by Kahan :40
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center :42
- Girl's School - I. Zupnick
- Kahan by I. Zupnick :45
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla :48
- Acres by Forest
- Shopping Center :00

**EVEN HOURS**

**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :09
- Acres by Israel Zupnick
- Getzel Berger
- Meron (Filmore-Kalev Short cut) :10
- Leipnik & Teveryа
- Bussines Center :13
- Israel Zupnick by Kahan :15
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Lemberg
- Acres by Krolla
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova :18
- Taitch (Drop Off on request)
- Chevron (Aishes Chayil) (Drop Off on request) :20
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :25
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- D.A. Wieder :30
- Koznits by Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Forest by Acres
- Satmar by Krolla :45
- Satmar by Hayes
- I. Zupnick by G. Berger :48
- Getzel Berger
- Kahan by I. Zupnick
- Toltchav by Dinev :00

NEW SCHEDULE (UPDATE) **October 2014**

---

אין חגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 1-4-2 783-8300
פאר סקעדזשול טוישונגען

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשעינדזש פון קיין שום סכום, בלויז טיקעט.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן, און ס'עקספייערט נישט.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL INCORPORATED 1977 ORANGE COUNTY, N.Y.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

## TRANSPORTATION DEPARTMENT

# טיקעט אינפארמאציע

**לאקעל רוט / טאון רוט / רוח החיים**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $1.50 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | 75¢ |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**וואודבארי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $3.00 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | $1.50 |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די רייזענדע, אז מיר האבן טיקעט ביכלעך וואס וועט ערמעגליכן צו בעסערע פרייזן,**

**$1**
באקומט טשענדזש 25¢ טיקעט, וואס איר קענט נוצן דעם קומענדיגן מאל
VILLAGE OF KIRYAS JOEL INCORPORATED 1977 ORANGE COUNTY, N.Y.
25¢

**$2**
באקומט טשעינדזש 50¢ טיקעט, וואס איר קענט נוצן קומענדיגע מאל
VILLAGE OF KIRYAS JOEL INCORPORATED 1977 ORANGE COUNTY, N.Y.
25¢
VILLAGE OF KIRYAS JOEL INCORPORATED 1977 ORANGE COUNTY, N.Y.
25¢

**$5**
באקומט א ביכל פון 3 טיקעטס און א 50¢ טיקעט
VILLAGE OF KIRYAS JOEL INCORPORATED 1977 ORANGE COUNTY, N.Y.
Transportation Dept.
845-783-8300
PRICE: $5
3 ADULT TICKETS
6 SENIOR & CHILDREN TICKETS
A 50¢ VALUE TICKET

**$10**
באקומט א ביכל פון 6 טיקעט'ס און 2 טיקעט'ס 50¢
VILLAGE OF KIRYAS JOEL INCORPORATED 1977 ORANGE COUNTY, N.Y.
Transportation Dept.
845-783-8300
PRICE: $10
6 ADULT TICKETS
12 SENIOR & CHILDREN TICKETS
2 - 50¢ VALUE TICKETS

**$20**
באקומט א ביכל פון 13 טיקעט'ס 1 טיקעט אומזיסט
VILLAGE OF KIRYAS JOEL INCORPORATED 1977 ORANGE COUNTY, N.Y.
Transportation Dept.
845-783-8300
PRICE: $20
13 ADULT TICKETS
26 SENIOR & CHILDREN TICKETS
A 50¢ VALUE TICKET
& 1 FREE TICKET

**$30**
באקומט א ביכל פון 23 טיקעטס 3 טיקעטס אומזינסט
VILLAGE OF KIRYAS JOEL INCORPORATED 1977 ORANGE COUNTY, N.Y.
Transportation Dept.
845-783-8300
PRICE: $30
20 ADULT TICKETS
40 SENIOR & CHILDREN TICKETS
& 3 FREE TICKETS

אויב פארט איר קיין **וואודבערי קאמען** אדער **וואל מארט**
דאן צאלט נאר **$2.60** (2 טיקעט'ס)
**אנשטאט $3**

**קויפט א $30 ביכל**
און צאלט נאר
**$1.30 פער טיקעט**
אנשטאט $1.50

מיט דאנק
**ווילידזש טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# געדענקט:
**אז איר ווילט זיך שפארן $4.50,**
**קויפט די $30 ביכל,**
**וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.**

5/7/14

# אינפאָרמאַטיווע און וויכטיגע טיפּס

איבערגעגעבן דורך: Orange & Rockland / Pike County Light & Power Co. / Rockland Electric Company

## פּאָרטעיבל דזשענערעיטאָרס זיכערהייט-פּונקטן

אַ פּאָרטעיבל דזשענערעיטאר איז אַ נוצבאַרע געצייג, אָבער קענען פאָרשטעלן מיט זיך אַן ערנסטער זיכערהייט געפאַר, אויב מען נוצט דאָס אויפ'ן נישט-ריכטיגן וועג. דעריבער דאַרף מען זיין זייער געוואָרנט דערמיט.

**אָט זענען עטליכע וויכטיגע פּונקטן:**

- ליינט דורך דעם "אינסטראַקשן" ביכל פונעם מאַנופעקטשורער, און טוט דאָס געהעריג אויספאָלגן, אַריינגערעכנט אַלע רעקאָמענדאַציעס וואָס דער מאַנופעקטשורער שרייבט פאָר, און פאָלגט אַלעס נאָך אַזוי ווי ס'פארגעשריבן.
- דער דזשענערעיטאָר דאַרף זיין די ריכטיגע מאָס פאַר די עקוויפמענט, (אַפּלייענסעס מאָטאָרן, אד"ג), וואָס מען וויל נוצן בשעת'ן עמוירדזשענסי, דורך ציען קראַפט דערפון.
- פלאָגט אַריין די אַפּלייענסעס וואָס איר ווילט נוצן אינעם גענעראַטאָר, נוצנדיג העווי-דוטי אַוטדאָור רעיטעד קעיבלס, מיט אַ "ווייער געידזש" (דיקקייט) וואָס איז פּאַסיג צו דעם לאָוד וואָס איר ווילט לייגן אויפ'ן ווייער.
- קיינמאָל זאָלט איר נישט אַריינפלאָגן אַ דזשענערעיטאָר צו אַ פלאָג אינעם וואַנט, אַריינצופיטערן מאַכט אין די דירה בשעת אַ בלעקאַוט. דאָס איז אַ פייער-געפאַר און שטעלט אין געפאַר די פּאַוער ליין אַרבעטער.
- קיינמאָל זאָלט איר נישט קאָנעקטן דעם דזשענערעיטאָר צו די ווייערס אין שטוב, צו אַ סירקוט ברעיקער אָדער צו דעם פּאַנעל באַקס. אויב איר דאַרפט האָבן עלעקטעריק מאַכט צו אַפּערירן אַ קוואַל פּאָמפּ, אַ סאָמפּ פּאָמפּ, בוילער, אָדער אַנדערע "האַרד-ווייערד" עקוויפמענט, צו וואָס מען קען נישט איינשטעקן אַ עקסטענשאָן ווייער, רופט אַ קוואַליפיצירטן עלעקטערישן צו אינסטאָלירן אַ מענועל אָדער אויטאָמאַטיק טרענספער סוויטש.
- דער סוויטש איז וויכטיג, כדי צו פאַרמיידן Backfeed, דאָס באַדייט אַז עלעקטערישע פּאַוער ווערט צוריק אַריינגעפירט צום פּאַוער סיסטעם, און דאָס קען עלעקטריזירן די פּאַוער אַרבעטער וואָס אַרבעטן אויף די ליינס. דער סוויטש איזאָלירט דעם גענעראַטאָר פונעם פּאַוער גריד, און באַשיצט אייך, אייער היים, די יוטיליטי ליין אַרבעטער און דעם פּאָבליקום, פון געשעדיגט ווערן פונעם פּאַוער סופּליי.

**געדענקט: אַן עמוידזשענסי פּאָרטעיבל גענעראַטאָר וואָס ווערט נישט אינסטאָלירט אָדער אַפּערירט ריכטיג, עס צו איזאָלירן פונעם פּאַוער גריד, קען ברענגען געפאַרפולע שאָדנס, צב"ש:**

1) פייער אָדער אויפרייס/
2) פאַרניכטונג פונעם גענעראַטאָר דורכדעם וואָס עס ווערט איבערגעלאָדענט צב"ש ווען די עלעקטעריק קראַפט קומט צוריק בשעת עס אַרבעט.
3) שאָדנס צו די ווייערס פון אייער הויז און צו די אַפּלייענסעס ווען די מאַכט ווערט צוריק איינגעשאַלטערט בשעת דער דזשענערעיטאָר אַרבעט נאָך.
4) עס קען פאַרשטעלן אַ לעבענס געפאַרפולע עלעקטעריק שאָק געפאַר צו אייך, דעם פּאָבליקום, אָדער די יוטיליטי אַרבעטער וואָס פאַרריכטן די אַראָפּגעפאַלענע ווייערס.

צו פאַרמיידן קאַרבאָן מאַנאַקסייד פאַרגיפטיקונג, זאָלט איר קיינמאָל נישט נוצן אַ דזשענערעיטאָר אין שטוב. עס איז טויטליך, און ביי יעדן בלעקאַוט הערט מען פון פאַטאַליטעטן פון אַזעלכע זאַכן.

איר זאָלט נאָר אַפּערירן אַ גענעראַטאָר אינדרויסן אין אַ גוט ווענטילירטן טרוקענעם אָרט, אַוועק פון סיי וועלכע לופט אריינברענגונגען צום שטוב וואָס קענען אַריינשלעפּן די גענעראַטאָר רויך צום שטוב.

באַשיצט דעם גענעראַטאָר פון זיין דירעקט אויסגעשטעלט צו רעגן און שניי, דאָס בעסטע איז עס צו אַפּערירן אונטער אַ קענאָפּי (אַ דעכל); אַן אָפּענעם שעד; אָדער אַ קאַר-פּאָרט, (אַ דאַך אויף פיר שטאַנגען אונטער וואָס מען פּאַרקירט דעם אויטאָ).

## ספּעציעלע מעדיצינישע געברויכן

אויב עמיצער אין אייער שטוב דאַרף צוקומען צו עלעקטערישע סעורויס צו אַפּערירן אַ לייף סופּאָרט דעוויז, קענט איר פיילן אַ מעדיקל סערטיפיקאַט פון אייער דאָקטאָר אָדער לאָקאַלן באָורד אָוו העלט, צו אָראַנדזש ענד ראַקלענד, זיך איינצושרייבן אינעם "לייף סופּאָרט עקוויפמענט פּראָגראַם".

אָראַנדזש ענד ראַקלענד וועט דאַן אַרבעטן נאָנט מיט אייך, אייך צו העלפן צוגרייטן פאַר פּלאַנירטע מעינטענענס מאַכט אויסשאַלטערונגען, און אומגעפּלאַנטע בלעקאַוטס. אָראַנדזש ענד ראַקלענד וועט אייך אויך געבן אַ ספּעציעלע 24 שעה האַטליין נומער צו רופן אין פאַל פון עמוידזשענסי.

כדי צו זיין באַרעכטיגט אינעם פּראָגראַם, ווענדעט זיך וויפיל מען איז אָנגעוואָנדן אויף די עלעקטערישע לעבענס דערהאַלטונג מאַשינען, און ווי אָפט מען נוצט זיי. נישט דווקא אויפ'ן נאַטור פון אייער קראַנקהייט. פאַר מער אינפאָרמאַציע קען מען רופן דעם אָראַנדזש ענד ראַקלענד קאָסטומער הילף נומער אויף 1-877-434-8100.

אָראַנדזש ענד ראַקלענד שטעלט נישט צו פּאָרטעיבל דזשענערעיטאָרס פאַר די אייגעשריבענע אינעם פּראָגראַם, אין פאַל פון אַ בלעקאַוט. עס איז אייער פאַראַנטוואָרטליכקייט צו האָבן אַ בעק-אַפּ פּאַוער סופּליי. אויב איר האָט פּאָרטעיבל דזשענערעיטאָר, מאַכט זיך עס צו נוצן אויף אַ זיכערן וועג וואָס זאָל זיין זיכער פאַר אייך, אייער הויז, אייער פאַמיליע, און פאַר די יוטיליטי ליין מאַנשאַפטן.

## וויאַזוי צו האַלטן פריש דאָס עסן

אַ הויפּט זאָרג וואָס קונדן האָבן ביי אַ לענגערן קורצשלוס, איז די זיכערהייט פון עסן אין די פרידזשידערס, וואָרום די עסן קענען שנעל פאַרדאָרבן ווערן, און אפילו ווען עס זעט נישט אויס אויסערליך פאַרדאָרבן, קען דאָס זיין געפאַרפול צו עסן. עס קען ערנסט קראַנק מאַכן מענטשן וואָס עסן די עסנוואַרג, ספּעציעל קליינע קינדער און עלטערע מענטשן.

**פאָלגנד זענען עטליכע פאַקטן און עצות וואָס קען העלפן ביי אַ שטורעם צו האַלטן דאס עסן פריש:**

- האַלט די פרידזשידער און פריזער טירן פאַרמאַכט ווי מער מעגליך, כדי אָנצוהאַלטן דעם קאַלטן טעמפּעראַטור.
- לויט די פעדעראַלע אַגריקולטור דעפּאַרטמענט, דאַרפן פלייש, פיש און אייער, געהאַלטן ווערן אין אַ פרידזשידער ביי אונטער 40 דעגרי. געפרוירענע עסן מוז געהאַלטן ווערן ביי אונטער 0 דעגרי.
- ביי אַ קורצשלוס איז שווער אָנצוהאַלטן די נויטיגע קילע טעמפּעראַטורן אינעם פרידזשידער און אינעם פריזער. דערפאַר איז וויכטיג צו האָבן אַפּלייענס טערמאַמעטערס אינעם רעפרידזשירעיטאָר און אינעם פריזער, כדי צו האַלטן חשבון אויף די טעמפּעראַטור. בשעת אַ בלעקאַוט וועלן די טערמאַמעטערס אייך קענען העלפן צו וויסן צי די עסן איז זיכער צי נישט.
- געוואָנדן אויף ווי וואַרעם די קיך איז, וועט זיך רוב פונעם עסן אינעם פרידזשירעיטאָר זיך האַלטן פריש פאַר 4-6 שעה אָן קיין עלעקטעריק מאַכט. איר קענט דאָס אויסציען מער דורך טאָן ווי פאָלגענד: אויב איר ווייסט אַז עס קומט אַ שווערער שטורעם, און אַז עס קען פאַסירן אַ בלעקאַוט, איז וויכטיג אינעם טאָג פאַרדעם אָדער אַפילו אין די שעה'ן פאַרדעם, אָנצוצונדן דעם פרידזשירעיטאָר אָדער פריזער צום מאַקסימום. דאָס וועט ברענגען אַז עס וועט קענען לענגער אָנציען ביים בלעקאַוט. פאַרגעסט נישט צוריקצושטעלן די געהעריגע סעטינגס נאָכ'ן בלעקאַוט.
- אַן אַנדערע עצה איז, אַריינצושטעלן אַ בלאָק אייז אינעם רעפרידזשעיטאָר, אַז עס זאָל האַלטן די קעלטן בעסער. אויב איר נוצט טרוקענע אייז, (קאָמפּרעסטע קאַרבאָן דיאָקסייד), מאַכט זיכער עס צו נוצן אויף אַ זיכערן וועג, אַז עס זאָל נישט אָנרירן די הויט, ווייל עס קען ברענגען פראָסטן-ביסן.
- אַ פריזער וואָס איז פול אָנגעלאָדענט, קען האַלטן די עסן פאַרפרוירן זיכערערהייט פאַר ביז 48 שעה. (ביז 24 שעה אויב עס איז נאָר האַלב פול), פאַרשטייט זיך אויב די טיר בלייבט פאַרמאַכט. ביי אַ שטורעם טוען די הילפס אינסטאַנצן אָפּטמאָל פאַרטיילן אייז אָדער טרוקענע אייז, און איר קענט דאָס נוצן צו האַלטן קאַלט דעם פריזער. אויב ווייסט איר אַז אַ שטורעם קומט פילט אָן עטליכע פלעשער וואַסער, און לייגט זיי אין פריזער, אַזוי וועט איר האָבן גרייטע עמוירדזשענסי אייז בלאָקן.

## אָו-ענד-אַר'ס סדר פון צוריקשטעלן די עלעקטריק-קראַפט נאָך אַ קורצשלוס

אין די שעה'ן בעפאָר, ביי, און נאָך אַן ערנסטער שטורעם, טוט אָראַנדזש-ענד-ראַקלענד נאָכפאָלגן איר גוט-אויסגעאַרבעטער און נאָכגעפאָלגטער שטורעם-פּלאַן-פּראָצעדורן, אַזוי אַז די קונדן ווייסן וואָס מען טוט, און ווערן נישט געהאַלטן אין דער פינסטער אינעם בוכשטעבליכן זין און אינעם פיגוראַטיוון זין.

**בעפאָר אַ שטורעם מאַכט אָראַנדזש-ענד-ראַקלענד די פאָלגענדע צוגרייטונגען:**

- מען מעלדט די קונדן וואָס זענען איינגעשריבן אינעם "לייף סופּאָרט עקוויפמענט סיסטעם", צו מאַכן די נויטיגע אַראַנדזשירונגען, זיך צו ספּראַווען מיט אַ מעגליכן קורצשלוס.
- מען פילט אָן אַלע טראָקס און גענעראַטאָרן מיט ברענשטאָף, און מען סטאַקט אָן די טראָקס מיט ריפּעיר מאַטעריאַלן.
- מען מעלדט די מוניציפּאַלע-און-סטעיט באַאַמטע איבער די פירמע'ס אַקטיוויטעטן אין פאַל זיי האָבן ספּעציעלע זאָרגן.
- מען רופט אַריין אַלע אַרבעטער און מען מעלדט די דערנעבנדיגע יוטיליטיס און קאָנטראַקטאָרס, אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו ריספּאַנדן אַרום-דעם-זייגער. אין טייל פעלער וועט אָראַנדזש-ענד-ראַקלענד סוספּענדירן די געפּלאַנטע וואַקאַציעס פון אַרבעטער.

ווען דער שטורעם קומט אָן איז די פירמע גרייט:

- כמעט אַלע אַרבעטער זענען טרענירט צו קענען טאָן שטורעם-ריספּאַנס אַרבעט, אין צוגאָב צו זייערע געווענליכע אויפגאַבעס. ווען עס פאַסירט אַ שטורעם מוז זיך יעדער אַרבעטער צושטעלן צו די פיזישע אַרבעט צוריקצושטעלן די עלעקטריק קראַפט. קיינער קען נישט בלייבן זיצן באַקוועם ביים אָפיס טיש.
- ספּעציעל-טרענירטע אַרבעטער, וועלכע זענען נישט געווענליך אין פעלד, ווערן באַשטימט אַרומצופאָרן צו טרעפן און מאַניטאָרן אַראָפּגעפאַלענע פּאַוער-ליינס, כדי צו היטן אויף די זיכערהייט פון די באַפעלקערונג.
- אַנדערע ווערן געשטעלט אויף "סטענדביי" צו פאַרריכטן געשעדיגטע "לאָו-וואָלטעדזש סערוויס ליינס" וואָס פירן די קאָמוניקאַציעס.
- אַנדערע אַרבעטער קומען אַריבער צום "אָראַנדזש-ענד-ראַקלענד קאָל צענטער", צו העלפן באַהאַנדלען די ערוואַרטע שטייגונג אין די צאָל פון קאָסטומער-סערוויס קאָלס.

## די אַקטיוויטעטן אינעם "אָו-ענד-אַר שטורעם ריספּאַנס" צענטער

**ביי אַ גרויסן שטורעם ווערן אַלע "ריקאָווערי" אַקטיוויטעטן קאָאָרדינירט דורכ'ן "אָראַנדזש ענד ראַקלענד שטורעם צענטער" וואו:**

- פעלד-באַריכטן ווערן אַריינבאַקומען און אָפּגעשאַצט פאַר ערנסטקייט אָדער שאָדנס.
- פאַרריכטונג מאַנשאַפט ווערט אַרויסגעשיקט, אַריינגערעכנט די וועלכע זענען געוועגליך נישט באַשטימט צו די טעריטאָריעס וואו די שאָדנס זענען געשען.
- לאָקאַלע באַאַמטע ווערן געמאָלדן איבער ספּעציעלע פּראָבלעמען אין זייערע געמיינדעס.
- אָראַנדזש-ענד-ראַקלענד לעיזאָן אַרבעטער ווערן אַרויסגעשיקט צו די קאַונטי עמוירדזשענסי מענעדזשמענט אָפיסעס, און צו אַנדערע שליסל-ערטער, צו העלפן קאָאָרדינירן די פּאָבליק סעיפטי אַקטיוויטעטן.
- קאָנטראַקטאָרס און מאַנשאַפט פון דערנעבנדיגע יוטיליטיס באַקומען "סעיפטי בריפינגס" און ווערן געשיקט אין שווער-געשעדיגטע קאָמיוניטיס.
- אָראַנדזש-ענד-ראַקלענד'ס "קאָמיוניטי ריספּאַנס טיעם" מעמבערס, ווערן געשיקט צו מוניציפּאַלע אָפיסעס אין די שווער-באַטראָפענע ערטער, צוצושטעלן דירעקטע הילף צו די רעגירונגס באַאַמטע און די קאָסטומערס.
- מען האַלט כסדר אינפאָרמירט די פּרעסע איבער די שאָדנס-באַריכטן, וואו מען האַלט מיט די פאַרריכטונג אַרבעט און זיכערהייט מעלדונגען.
- נאָך יעדן ערנסטן שטורעם ווערט דורכגעפירט אַן ערנסטער "לעקציעס-זיך-געלערנט" מיטינג, וואָס ווערט דורכגעפירט מיט דער גרעסטער ערנסטקייט. מען באַטראַכט וואָס מען האָט יאָ גוט געטאָן און וואָס נישט, און מען לערנט זיך לעקציעס וויאַזוי צו פאַרבעסערן די רעאַקציע צו שטורעמס און בלעקאַוטס.

Ezras Choilim Health Center
עזרת חולים קרית יואל
E.C. H.C.
(845) 782-3242

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

# מיר ווילן הערן פון אייך!

עס איז אונז א פארגעניגן צו מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער,
אז אלס טייל פון אונזערע באמיאונגען צו הייבן דער ניווא פון "עזרת חולים" אויפ'ן
העכסטן שטאפל וואס מעגליך מיט די סערוויסעס און צופרידנהייט בעז"ה

האבן מיר אויפגעשטעלט א ספעציעלע

# פידבעק דעפארטמענט

איסצוהערן און באהאנדלן מיט סענסיטיוויטעט אלע ערליי פידבעק:
**באמערקונגען, בייפאלן, קאמפלימענטן און קאמפלעינס**

וועלכע קענען זיין שטארק בייהילפיג אויף צו
פארברייטערן און פארבעסערן די וויכטיגע
סערוויסעס צום געזונט פון תושבי קרית יואל

## האט איר עפעס צו זאגן?

פאר סיי וואספארא קאמענטארן א.ד.ג. איבער'ן העלט סענטער, אדמיניסטראציע, דאקטוירים,
געהילפן, איינגעשטעלטע א.א.וו. קענט איר סיי ווען אימער רופן און לאזן א מעסעדזש אויף אונזער:

## 24 שעה פידבעק-האטליין

# 845.774.1699

(זעלבסטפארשטענדליך אז אלע אינפארמאציע וועלן געהאלטן ווערן שטרענג קאנפידענשאל)

מיט שעצונג, **הנהלת "עזרת חולים"**

DESIGN & PRINT / 845.782.3382